STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02851

KOMUNISTISHER MANIFEST

Karl Marx

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאָציאַליסטישע ביבליאָטעק

קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס

קאָמוניסטישער מאַניפעסט

יידיש י. כמורנער

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, וואַרשע

Printed in Poland

K. MARKS i F. ENGELS

KOMUNISTYSZER MANIFEST

Spółdz. Wydawn. „Kultur-Liga“,

Warszawa 1931

קארעקטור — מ. פארלערער

געדרוקט אין — 1000 עקזעמפלארן

Druk. B-cia Lewin-Epsztein, Pawia 38

אינהאַלט:

קאַרל קויטסקי און ראָזע לוקסעמבורג — דער קאָמו-
ניסטישער מאַניפעסט פאַר אונזער צייט . . . 1

ג. פּלעכאַנאָוו — אַריינפיר צום קאָמוניסטישן מאַניפעסט . 1

היסטאָרישער אַריינפיר (לויט ד. ריאַזאַנאָוו) 70

פאָרוואָרט צו דער אויסגאַבע פון 1872
(פון מאַרקס און ענגעלס) 81

פאָרוואָרט צו דער אויסגאַבע פון 1883 (פון ענגעלס) . 85

פאָרוואָרט צו דער אויסגאַבע פון 1890 (פון ענגעלס) . 85

קאָמוניסטישער מאַניפעסט 95

I. בורזשואַ און פּראָלעטאַריער 98

II. פּראָלעטאַריער און קאָמוניסטן 117

III. סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ליטעראַטור

1. דער רעאַקציאָנערער סאָציאַליזם

a) פעאָדאַלער סאָציאַליזם 130

b) קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם 132

c) דייטשער אָדער „אמתער" סאָציאַליזם . . 134

2. קאָנסערוואַטיווער אָדער בורזשואַזער סאָציאַליזם 139

3. קריטיש-אוטאָפּישער סאָציאַליזם און קאָמוניזם . 140

IV. באַציונג פון קאָמוניסטן צו פאַרשידענע אָפּאָזיציאָנעלע
פּאַרטייען 145

* *

*

די ליטעראַטור וועגן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט” איז זייער גרויס: אָן אַ צאָל אַריינפירן און פאָררעדעס. איך האָב אויסגעקליבן דאָס, וואָס האָט מיר געשיינט אַמנויטיקסטן פאַר דעם אַרבעטער-לעזער, וועמען איך האָב בכלל אין זינען געהאַט מיט מיין איבערזעצונג פונם „מאַניפעסט”.

לויט ריאַזאַנאָוון ווערט בקיצור דערציילט, ווער און ווען עס האָט געגעבן מאַרקסן דעם אויפטראָג צו שרייבן דעם מאַ-ניפעסט.

פלעכאַנאָווס אַריינפיר צום מאַניפעסט וואָלט געקאָנט דריימט דערשיינען, אַלס זעלבשטענדיק ווערק. דאָס מינערט נישט — עס פאַרגרעסערט נאָך — זיין ווערט, אַלס אַריינפיר. פלעכאַנאָוו רעדט-אַרום נאָר די סאָציאַלע פילאָזאָפיע, וואָס ליגט אין יסוד פון מאַניפעסט. קיינער האָט נאָך, דוכט זיך, נישט געשריבן אויף אָט דער טעמע אַזוי מייסטערהאַפט און אַזוי אַלגעמיין-פאַרשטענדלעך. — איך האָב בלויז עטלעכע גע-ציילטע שטעלן אַרויסגעלאָזן, וועלכע האָבן פאַרן היינטיקן לעזער קיין ווערט נישט. דאָסזעלבע — אייניקע פאָלעמישע אויס-דריקן, וואָס זענען בשעתם געווען אויפן פלאַץ, און וועלכע פלעכאַנאָוו אַליין וואָלט זיכער אויך איצט אַרויסגעלאָזן. די טיילונג אויף קאַפּיטלען איז דאָ אויך מיינע.

אַ חוץ דעם האָב איך געהאַלטן פאַר נישט איבעריק צו געבן דעם לעזער די וויכטיקערע שטעלן פון קאַרל קויטסקיס און ראָזע לוקסעמבורגס אַריינפיר-ווערטער צום מאַניפעסט — זיי מאַכן בולטער, קלאָרער די באַדייטונג פונם „מאַניפעסט” פאַר אונזער צייט.

איך מוז נאָך וואָרענען דעם לעזער פאַר אַזאַ מיספאַרשטענדעניש. די ווערטער „קאָמוניזם", „קאָמוניסטישער", „קאָמוניסטן" ווערן אין מאַניפעסט געברויכט נישט אין דעם זינען, ווי מיר געברויכן איצט אָט די ווערטער (אויף צו באַצייכענען איין באַשטימטע ריכטונג אין דער אַרבעטער-באַוועגונג). ביז נאָך דער וועלט-מלחמה, ווען די באָלשעוויסטישע ס.ד.-פּאַרטיי פון רוסלאַנד האָט געענדערט איר נאָמען אויף קאָמוניסטישע און דערנאָך האָבן זיך מיט דעם נאָמען אָנגערופן אַלע פּאַרטייען פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל — ביז דאַן האָבן סאָציאַליזם און קאָמוניזם באַטייט געוויינלעך איינס-און-דאָסזעלבע.

אויך מאַרקס און ענגעלס האָבן געברויכט די ווערטער „קאָמוניזם", קאָמוניסטיש" אין זעלבן אַלגעמיין-אָנגענומענעם זינען. זיי האָבן געברויכט אָט די ווערטער, ווייל מיט די ווערטער „סאָציאַליזם", „סאָציאַליסט" און „סאָציאַליסטיש" האָט מען דעמאָלט געוויינלעך באַצייכנט די לערעס (אוטאָפּישע) און די אָנהענגער פון סען-סימאָן, פוריע, אָאוען, פּרודאָן, לואי בלאַן א. אַ. וו. האָבן דעריבער מאַרקס און ענגעלס פאַר זייער וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם באַנוצט דאָס וואָרט קאָמוניזם.

י. כ.

דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט פאַר אונזער צייט.

(קאַרל קויטסקי און ראָזע לוקסעמבורג וועגן מאַניפעסט און זיין באַדייטונג).

דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" איז נישט קיין היסטאָרישער בלויז דאָקומענט. ער איז פאַר די איבער 80 יאָר, זינט ער איז געוואָרן אָנגעשריבן, נישט פאַרעלטערט געוואָרן. פאַרקערט: דער גאַנג פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג האָט פולשטענדיק באַשטעטיקט דאָס, וואָס איז אין „מאַניפעסט" געגעבן געוואָרן ערשט אַלס סכעמע.

פאַרשטייט זיך, דאָס באַציט זיך נישט צו דעם אָדער יענעם פרט, נאָר צום יסוד, צו די גרונט-פרינציפן. אָט וואָס קאַרל קויטסקי זאָגט אויף דער טעמע, אין זיין הקדמה צום „מאַניפעסט" פון 1906 (דעמאָלט האָט קויטסקי נאָך באַקעמפט דעם „רעוויזיאָניזם" אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג):

„עס קאָן נישט זיין קיין גרעסערער טעות, ווי האַלטן דעם גאַנצן קאָמוניסטישן מאַניפעסט פאַר אַ היסטאָרישן דאָקומענט. פאַרקערט. די גרונט-פרינציפן, וועלכע ווערן אין אים אַנטוויקלט, דער מעטאָד, וועלכן ער לערנט אונז, די כאַראַקטעריסטיק פונם היינטיקן פראָדוציר-אופן, וועלכע ער גיט אין קנאַפע שטריכן — דאָס אַלץ איז היינט ריכטיקער, ווי ווען-עס-איז. די גאַנצע פאַקטישע אַנטוויקלונג, ווי אויך די גאַנצע טעאָרעטישע פאָרשונג, זייט דער „מאַניפעסט" איז געוואָרן פאַרפאַסט, זענען איין כסדרדיקע רייע פון באַשטעטיקונגען פון זיינע גרונט-אָנשויונגען. מער ווי-ווען-עס-איז ווערט איצט אַלגעמיין אָנערקענט דער כלל, אַז די געשיכטע פון יעדער ביז-

איצטיקער (ציוויליזירטער) געזעלשאַפט איז אַ געשיכטע פון קלאַסן-קאַמפן, און קיינמאָל נאָך איז נישט געווען אַזוי קלאָר ווי איצט, אַז די גרויסע טרייב-קראַפט פון אונזער צייט איז דער קלאַסן-קאַמף צווישן בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט".

דאַן רעדט קויטסקי וועגן די פּרטים, וועלכע די מחברים פון „מאַניפעסט" האָבן בשעתּם נישט געקאָנט נאָך אַזוי קאָנקרעט זען און שילדערן. אין די צענטליקער יאָרן, וואָס נאָכן „מאַני-פעסט", האָט דער פּראָלעטאַריאַט עקאָנאָמיש נישט דעגראַדירט, נאָר פאַרקערט — געגאַנגען כּסדר באַרג-אַרויף. דאַקעגן, דאָס קליינבירגערטום און קליינפויערטום זענען עקאָנאָמיש געגאַנגען באַרג-אַראָפּ. און —

„האַנט-אין-האַנט מיט אָט דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג גייט אויך אַן אינטעלעקטועלע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג. מיט הונדערט יאָר צוריק האָט דער קליינבירגער זיך נאָך שטאַרק אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע קלאַסן פון דער אייגנטלעכער פאָלקס-מאַסע מיט זיין אינטעליגענץ, מיט זיין זעלבסטזיכערקייט, מיט זיין דרייסטקייט. היינט איז ער געוואָרן דער פּראָטאָטיפּ פון באַ-גרענעצטקייט, קנעכטישקייט און שרעקעוודיקייט; און גלייכצייטיק האָט דער פּראָלעטאַריאַט איבערגענומען יענע אַלע מדות. מיט הונדערט, אַפילו נאָך מיט פופציק יאָר צוריק איז דאָס קליינ-בירגערטום געווען נאָך דער קערן פון דער דעמאָקראַטישער אָפּאָ-זיציע, פון יענעם בירגערלעכן ראַדיקאַליזם, וועלכער האָט דער-קלערט קריג די פּאַלאַצן, טראָנען און קירכעס און פרידן די הייזקעס. היינט איז דאָס קליינבירגערטום געוואָרן דער קערן פון דער רעאַקציע, דער וועכטער פון די פּאַלאַצן, טראָנען און קירכעס, און פון זיי דערוואַרט עס הילף אין דער נויט, צו וועלכער די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג האָט אים פאַרמשפּט.

און ענלעך דערצו איז עס צוגעגאַנגען אויך מיטן פויערטום.

צווישן דער פאָלקס-מאַסע פון די קאַפּיטאַליסטיש-אַנטוויקל-טע לענדער איז פאַראַן איצט איין קלאַס בלויז, וועלכער שטעלט זיך איין מיט דער גאַנצער קראַפט פאַר סאָציאַלן פּראָגרעס: „דער פּראָלעטאַריאַט".

די לאַגע פונם פראָלעטאַריאַט האָט זיך טאַקע זייט 1848 באַדייטנד געבעסערט, אָבער פאַלש איז, אויב מען וויל דערפון דרינגען, אַז „דער קעגנזאַץ צווישן פראָלעטאַריאַט און קאַפּיטאַל איז מילדער געוואָרן".

„אמת דער פראָלעטאַריאַט באַקומט איצט אין זיין רשות אין אַלגעמיין מער קולטור-גיטער, ווי מיט יאָרהונדערטער, צי אַפילו מיט יאָרצענטליקער צוריק. דער אומגעהייערער וווּקס פון פראָדוציר-קרעפטן, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט אַרויסגערופן, איז נישט אַריבער שפּורלאָז אויך פאַרן אַרבעטער-קלאַס. מען קאָן רעדן וועגן בעסערן מצב פון פיל פראָלעטאַרישע שיכטן אויך דאַן, ווען מען מאַכט אַ פאַרגלייך מיטן מצב פונם קליינבירגערטום און קליינפּויערטום; אָבער די לאַגע פונם פראָלעטאַריאַט פאַרערגערט זיך שנעל און אַנטשידן, אויב מען מאַכט אַ פאַרגלייך מיט דער לאַגע פון זיינע אויסנוצער, פונם קלאַס קאַפּיטאַליסטן. די פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט איז אונטער דער הערשאַפט פונם קאַפּיטאַל ריזיק געוואָקסן, דאָס געזעלשאַפטלעכע פאַרמעגן איז קאָלאָסאַל געשטיגן, אָבער דער פראָלעטאַריאַט קריגט פון דעם אַלעם נאָר מאָגערע ברעקלעך, אין פאַרגלייך מיט דער שפע, וואָס דער קאַפּיטאַליסטן-קלאַס באַקומט. ביי אַ פאַרגלייך מיטן לעבנס-מצב פונם קאַפּיטאַליסטן-קלאַס און מיט דער אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל זעט מען, אַז די לאַגע פונם אַרבעטער-קלאַס ווערט אַלץ ערגער, זיין חלק אין די פּראָדוקטן פון זיין אַרבעט ווערט אַלץ קלענער און זיין עקספּלואַטאַציע וואַקסט כסדר. אויב דער אַרבעטער-קלאַס האָט, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, פאָרט גערוקט זיך פאָרויס — האָט ער דאָס באַוויזן נאָר אין קאַמף קעגן קאַפּיטאַל. אויף אַזאַ אופן — איז נישט נאָר זיין דעגראַדאַציע, נאָר אויך זיין אַרויסהייבן זיך פון איר, נישט נאָר זיינע מפּלות, נאָר אויך זיינע נצחונות ווערן אַ קוואַל פון אַלץ-וואַקסנדיקער פאַרביטערונג קעגן דעם פיינטלעכן קלאַס. די פאָרמען פונם קאַמף ענדערן זיך און ווערן אַלץ העכערע, אָנשטאָט איינצל-אַקטן פון ווילדער פאַרצווייפלונג קומען פּלאַנמעסיקע אַקציעס פון גרויסע אָרגאַניזאַציעס — אָבער די

קאָנגנזאַצן בלייבן, און ווערן וואָס ווייטער אַלץ נאָך מער צוגע־שפּיצט".

וועגן דער אַנטוויקלונג, וואָס עס האָט פּאַר דערזעלבער צייט דורכגעמאַכט די בורזשואַזיע געפינען מיר ביי קויטסקין פאָלגנדיקע ריכטיקע שורות:

„בעת דער קאָמ. מאַניפעסט האָט זיך באַוויזן, האָט זי (די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע) גראָד געהאַט ערשט באַזייטיקט די לעצטע מניעה פאַר איר הערשאַפט אין ענגלאַנד — די צאָלן אויף תבואה — און אויפן קאָנטינענט, אין אייראָפּע, איז זי נאָך גע־שטאַנען פאַר דער נויטיקייט פון אַ רעוואָלוציע, כּדי צו שטעלן די פּאָליטישע מאַכט אין דינסט פון אירע צילן.

זי האָט זיך דאַן באַצויגן פיינטלעך צו דיזעלבע מאַכט־כּוחות, וואָס האָבן אַמייסטן געדריקט די גרויסע פאָלקס־מאַסע — צום קלער, צום אַדעל, צו דער מאָנאַרכיע, צו דער הויכער פינאַנץ — זי האָט נאָך געהאַט גרויסע פּאָליטישע צילן, אידעאַלן, וואָס האָבן געשאַפן אַרום איר אַ מין אַטמאָספער פון עטישן אי־דעאַליזם. זי האָט דאַן נאָך געגלויבט, אַז אויב עפּעס שטערט דעם אַלגעמיינעם וווילשטאַנד, איז נאָר די פעאָדאַלע רעשטן, און ווען מען אָט די רעשטן אָפּרוימען, אַזוי וועט זיך אָנהייבן אַ תּקופה פון אַלגעמיינעם גליק.

די רעוואָלוציע פון 1848 האָט געבראַכט די אַנטוישונג, זי האָט אַנטבלויזט די מאָדערנע קלאַסן־קעגנזאַצן. די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג האָט זיך ווייטער אַלץ מער פאַרטיפט און געשטויסן די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע און איר אָנהענגערשאַפט פון דעם לאַגער פון דער דעמאָקראַטיע אין לאַגער פון דער רע־אַקציע. צו אַליין־הערשאַפט האָט די בורזשואַזיע אין ערגעץ אין אייראָפּע נישט געקאָנט זיך דערשלאָגן. פריער האָט זי געשטרעבט קומען צו דער מאַכט מיט דער הילף פונם קליינבירגערטום און פונם פּראָלעטאַריאַט, איצט וויל זי איינהאַלטן איר מאַכט מיט דער הילף פון יענע כּוחות, קעגן וועלכע זי האָט פריער אַליין מאָביליזירט די דעמאָקראַטיע. דערצו קומט נאָך צו דער אומ־שטאַנד, אַז די אינדוסטריע פאַלט איצט אַלץ מער אַרונטער אונ־

טער דער ממשלה פון דער הויך-פינאַנץ צוליב דער אַנטוויקלונג פונם אַקציען-וועזן, וועלכער איז פון תמיד-אָן געווען אַנטי-דע-מאָקראַטיש און האָט געשטיצט די אַבסאָלוטיסטישע מלוכה-מאַכט.

דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט האָט נאָך געקאָנט דער-קלערן: „אין דייטשלאַנד קעמפט די קאָמונ. פּאַרטיי, ווי נאָר די בורזשואַזיע טרעט-אויף רעוואָלוציאָנער, צוזאַמען מיט איר קעגן דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, קעגן פעאָדאַלן ערד-באַזיץ און קעגן קליינבירגערלעכקייט״. היינט קאָן מער אין ערגעץ קיין רייד נישט זיין וועגן „רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע״.

דער לעצטער אויספּיר קויטסקיס — אין 1906 — איז: דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט״ איז נישט און וויל נישט זיין קיין הייליקע ביבל, צו וועלכער מען טאָר נישט צוגיין מיטן מעסער פון קריטיק. דער מאַניפעסט איז און קאָן זיין אַ טרייער פירער ערשט דאַן, ווען מען איז תופס דעם גייסט, וואָס באַלעבט אים, ווען מען פאַרייניקט זיינע פּרינציפּן און זיין מעטאָד מיט אַ גענויער קענטעניש פון די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון דער אַרבעטער-באַ-וועגונג צו יעדער צייט און אין יעדן אָרט.

* *
*

„צוריק צום מאַניפעסט״ — אַזוי קאָן מען קורץ אויסדריקן דעם תמצית פון ראָזע לוקסעמבורגס אַריינפיר-וואָרט (פון 1918).

ווי באַוווּסט, האָבן מאַרקס און ענגעלס, בעת זיי האָבן געשריבן דעם מאַניפעסט, געגלויבט, אַז זיי שטייען האַרט ערב דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. דערנאָך האָבן זיי איינגעזען זייער טעות און אים אָפן אָנערקענט. עס זענען אַוועק יאָרצענט-ליקער פון שטורמישער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. פאַר דער-זעלבער צייט האָט די סאָציאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונג אויך דורכגעמאַכט אַן אייגנאַרטיקן וועג —

„אַלס אוממיטלבאַרע אויפגאַבע איז דערקלערט געוואָרן דער טעגלעכער קליין-קאַמף אויף פּאָליטישן אוןווירטשאַפטלעכן גע-

ביט, כדי ערשט ביסלעכווייז אויסשולן די פראָלעטאַרישע אַרמייען, וועלכע וועלן קאָנען פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, ווען די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג וועט דערצו רייף ווערן. אָט די אומ-ענדערונג — די סאָציאַליסטישע פּראָגראַם איז דאָ געשטעלט גע-וואָרן גאָר אויף אַן אַנדערער באַזיס - האָט אַ באַזונדערס טיפּישע פאָרם אָנגענומען אין דייטשלאַנד. ביז צום צוזאַמענברוך פון 4 אויגוסט 1914 האָט זיך די דייטשע ס"ד געהאַלטן ביי דער ער-פורטער פּראָגראַם, ווו דעם אויבן-אָן האָבן פאַרנומען די אַ. ג. באַוואוסטע מינימאַל-פאָדערונגען, און דער סאָציאַליזם איז געווען אָפּגערוקט אין דער ווייט, בלויז אַלס ליכט-שטערן, אַלס ענדציל. אָבער וויכטיק איז נישט אַזוי, וואָס אין פּראָגראַם שטייט געשריבן, נאָר ווי מען באַנעמט די פּראָגראַם אין לעבן; און אין דעם פּרט איז געווען מאַסגעבנד איינער אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט פון אונזער אַרבעטער-באַוועגונג, נעמלעך די פאָררעדע, וועלכע ענגעלס האָט אין 1895 אָנגעשריבן צו מאַרקס' „קלאַסן-קאַמפן אין פראַנקרייך".

ענגעלס קניפּט דאָרט אָן אין דעם דערמאָנטן טעות — זיי-נעם און מאַרקס' — און נאָך אַ קורצן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג קומט ער צו אַזאַ אויס-פיר:

„מיט אָט דעם דערפאָלגרייכן אויסנוצן פון אַלגעמיינעם וואַל-רעכט איז אָבער אויפגעקומען פאַרן פּראָלעטאַריאַט גאָר אַ נייער אופן פון קאַמף, און דערדאָזיקער אופן האָט זיך שנעל אַנטוויקלט. מען האָט איינגעפונען, אַז אין די מלוכה-אינסטי-טוציעס, אין וועלכע עס ווערט אָרגאַניזירט די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, זענען פאַראַן רינגען, פאַר וועלכע דער אַרבעטער-קלאַס קאָן זיך אָנכאַפּן און מיט זייער הילף טאַקע באַקעמפן די-זעלבע מלוכה-אינסטיטוציעס. מען האָט זיך באַטיי-ליקט אין די וואַלן צו די איינצלנע לאַנדטאַגן, צו די שטאָט-ראַטן, צו די אינדוסטריע-געריכטן, מען

האָט געקעמפֿט מיט דער בורזשואַזיע פֿאַר יעדן פּלאַץ, אויב וועגן באַזעצן אים האָט געהאַט צו דעצידירן אויך אַ געהעריקער טייל אַרבעטער. און אַזוי איז געקומען דערצו, אַז די בורזשואַזיע און די רעגירונג האָבן אָנגעהויבן אַ סך מער מורא צו האָבן פֿאַרן לעגאַלן קאַמף פֿון דער אַרבעטער-פּאַרטיי, ווי פֿאַר איר אומלעגאַלן קאַמף, פֿאַר די וואַלדערפֿאָלגן מער, ווי פֿאַר די דערפֿאָלגן פֿון אַן אויפשטאַנד״.

דאָ, — זעצט-פֿאָר ראָזע לוקסעמבורג, — האָבן מיר פֿאַר זיך אַ קלאַסיש דורכגעאַרבעטן דאָקומענט פֿון די אָנשויונגען, וועלכע האָבן געלעבט אין דער דייטשער ס״ד, אָדער ריכטיקער: וועלכע האָבן זי טויט-געמאַכט. מיט דער גאַנצער פֿאַכמענישקייט, וועלכע ענגעלס האָט פֿאַרמאָגט אויך אויפֿן געביט פֿון מיליטער-וויסנשאַפֿט, פֿירט ער אויס, אַז ס׳וואָלט געווען אַ ריינער אומזין צו גלויבן, אַז ביי דער איצטיקער אַנטוויקלונג פֿונם מיליטאַריזם, פֿון דער אינדוסטריע און פֿון די גרויסע שטעט קאָן דאָס אַרבעטער-פֿאָלק מאַכן גאַסן-רעוואָלוציעס און אָפּהאַלטן אין זיי אַ זיג. די-דאָזיקע אַנטקעגנשטעלונג האָט געהאַט אַ טאָפּלטע פּעולה: ערשטנס, איז דאָ דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאַמף באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ קעגנזאַץ צו דירעקטער רעוו. האַנדלונג פֿונם פּראָלעטאַריאַט און ווי דאָס איינציקע מיטל פֿון קלאַסן-קאַמף. דער פּועל-יוצא פֿון אָט דער קריטיק איז געווען דער ריינער נאָר-פּאַרלאַמענטאַריזם. צווייטנס, איז אויף אַ מערקווירדיקן אופֿן אויסגעקומען, אַז גראָד די גרעסטע אָרגאַניזאַציע פֿון דער מלוכה — דער מיליטאַריזם, די מאַסע פּראָלעטאַריער אין זעלנער-שינעלן — איז פֿון פֿאָרויס באַוואָרנט און פֿאַרשלאָסן פֿאַר יעדער סאָציאַליסטישער ווירקונג... ווער זעלנער איז, מוז שוין אויף תּמיד פֿאַרבלייבן טריי די הערשנדיקע קלאַסן״.

לוקסעמבורג האָט אָבער אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿאַר ענגעלסן. ווי זי פֿאַרזיכערט, האָט ער די ציטירטע פֿאָררעדע אָנגעשריבן אונטערן דרוק פֿון דער דעמאָלטיקער עסדעקישער פֿאַרלאַמענט-

פּראַקציע. אין דער דייטשער ס"ד האָט זיך דאַן געהאַט אויס־געבילדעט אַ לינקע, ראַדיקאַלע ריכטונג, וועלכע איז אַרויסגע־טרעטן קעגן דעם, וואָס די פּאַרטיי האַלט אַ קורס נאָר אויף פּאַרלאַמענטאַרישער אַרבעט. כּדי צו „שלאָגן" אָט די ראַדיקאַלע עלעמענטן, האָט בעבל מיט זיינע חברים אויסגעפּועלט ביי ענגעלסן, ער זאָל שרייבן די דערמאָנטע פאָררעדע. ענגעלס האָט געלעבט ווייט אין אויסלאַנד און האָט זיך דעריבער געמוזט פאַרלאָזן אויף בעבעלס פאַרזיכערונג, אַז מען מוז ראַטעווען די דייטשע אַרבעטער־באַוועגונג פאַר אַנאַרכיסטישע פּאַרקריפּ־לונגען...

ענגעלס האָט די פּראַקטישע פּרוכט פון זיין פאָררעדע נישט דערלעבט — ער איז אין זעלבן יאָר 1895 געשטאָרבן. אָבער אַז דער 4 אויגוסט פון 1914 וואָלט ענגעלסן מיט שרעק און טרויער אָנגעפילט — דערין איז שווער צו צווייפלען.

דערווייל אָבער איז זיך די אַנטוויקלונג געגאַנגען איר וועג: „יעדער אַרויסטריט קעגן דעם נאָר־פּאַרלאַמענטאַריזם — די אַרויסטריטן זענען אויף יעדן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר געקומען פון לינקס, פון אַ גרעסערער צי אַ קלענערער גרופּע חברים, וועלכע האָבן געפירט אַ פאַרעקשנטן קאַמף קעגן דער פאַרזומפּונג, וואָס אירע געפערלעכע פאָלגן האָבן באַדאַרפט קלאָר זיין פאַר יעדן איינעם — יעדער אַזאַ אַרויסטריט איז געשטעמפּלט געוואָרן, אַלס אַנאַרכיזם, אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם, אָדער מינדעסטנס אַלס אַנטי־מאַרקסיזם. דער אָפיציעלער מאַרקסיזם האָט אָנגעהויבן דינען אַלס אַ דעק־מאַנטל פאַר יעטוועדן פּראַקטיציזם, פאַר יעטוועדן אָפּגאַנג פון ווירקלעכן רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף, פאַר יעדער האַלבקייט — און דאָס האָט פאַראורטיילט די דייטשע ס"ד און בכלל די אַרבעטער־באַוועגונג, אויך די פּראָפעסיאָנעלע, צו האַלטן זיך כּסדר אין די גרענעצן און אויפן באָדן פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער געזעלשאַפט, אָן אַ שום ערנסטער שטרעבונג אַ וואַקל צו טון אָט די געזעלשאַפט אין אירע יסודות".

דידאַקטיקע אָפיציעל־מאַרקסיסטישע — אינדעראמתן, אַנטי־מאַרקסיסטישע — אויפפאַסונג האָט עס דערפירט צום פאַטאַלן

צוזאַמענבּרוך פון דער אַרבּעטער-באַוועגונג אין 1914, צו דעם טיפן קריזיס, וועלכער דויערט נאָך ביז היינט...

דער אויסוועג פון דעם קריזיס קאָן זיין נאָר איינער: צוריק צום קאָמוניסטישן מאַניפעסט, צו די בליקן און אָנשויונגען, וועלכע זענען פאַר מאַרקסן און ענגעלסן געווען דאַן דער אויסגאַנגס-פּונקט פאַר זייער סאָציאַליסטישער אָריענטאַציע.

ג. פלעכאנאָוו

אריינפיר צום „קאָמוניסטישן מאַניפעסט"

א.

אין סעפּטעמבער 1843 האָט מאַרקס געשריבן צו רוגע:

„ביז איצט האָבן די פילאָזאָפן פאַרמאָגט אין זייער פּאָרטפעל אַ פאַרטיקע לעזונג פון אַלע רעטענישן, און דער נאַרישער פּראָסטער עולם האָט נאָר באַדאַרפט דאָס מויל עפענען, כּדי צו כאַפּן די געבראָטענע טייבעלעך פון דער אַבסאָלוטער וויסנשאַפט. איצט איז די פילאָזאָפיע געוואָרן וועלטלעך... קאָנסטרוקציעס, וואָס באַציען זיך צו דער ווייטער צוקונפט, מיט זייערע לעצטע אין דער אייביקייט גרייכנדיקע רעזולטאַטן גייען אונז שוין ווייניק-וואָס אָן, אָבער דערפאַר ווייסן מיר גאַנץ גענוי, וואָס מיר דאַרפן איצט טון; איך האָב אין זינען די אומברחמנותדיקע קריטיק פון אַלץ וואָס עקזיסטירט, אומברחמנותדיקע אין צוויי הינזיכטן: ערשטנס, האָט דידאָזיקע קריטיק נישט מורא פאַר אירע אייגענע רעזולטאַטן, און צווייטנס, שרעקט זי זיך נישט פאַר אַ צוזאַמענשטויס מיט די מאַכטהאָבער".

דידאָזיקע קריטישע שטימונג פון איינעם פון די קומענדיקע מחברים פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" האָט פולשטענדיק האַרמאָנירט מיט דער שטימונג פונעם צווייטן מחבר, פון פרידריך ענגעלס; דאָס קאָן מען גוט אַרויסזען פון זיין אינטערעסאַנטן אַרטיקל „די לאַגע פון ענגלאַנד", וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די „דייטש-פראַנצויזישע יאָרביכער", און ווו ער ווידמעט פיל פלאַץ אויף איבערצוגעבן די אָנשויונגען פון קאַרלייל.

קאַרלייל פלעגט אָפן צוגעבן, אַז ער פאַרמאָגט נישט קיין שום „מאָריסאָן-פּילן", קיין שום אוניווערסאַלן רעצעפּט אויף צו

היילן די סאָציאַלע צרות. ענגעלס דערמאָנט וועגן דעם אין באַמערקט: „אין דעם איז ער אויך גערעכט. זי איז נאָך זייער נישט פולקום, יענע געזעלשאַפטלעכע פילאָזאָפיע, וועלכע פּראָקלאַמירט אַ צוויי-דריי הנחות, אַלס איר לעצטן רעזולטאַט, און באָט-אָן „מאָריסאָן-פּילן". מיר נויטיקן זיך נישט אַזוי אין רעזולטאַטן, ווי אין שטודיום. רעזולטאַטן, אָן דער אַנטוויקלונג, וועלכע פירט צו זיי, זענען — גאָרנישט; דאָס ווייסן מיר שוין זייט העגעלן. און רעזולטאַטן, וועלכע מען וויל דווקא פיקסירן אַלס אומפאַרענדערלעכע, און נישט מען מאַכט זיי פאַר אַ יסוד פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג — זענען ערגער ווי נוצלאָז. אָבער רעזולטאַטן דאַרפן פונדעסטוועגן אָננעמען אַ באַשטימטע, אויב אַפילו אַ צייטווייליקע פאָרם; די אַנטוויקלונג דאַרף זיי אַרויספירן פון דער נעפלדיקער אומבאַשטימטקייט און זיי פאַרוואַנדלען אין קלאָרע געדאַנקען".

זינט אָט די שורות זענען געוואָרן אָנגעשריבן, איז די סאָציאַלע פילאָזאָפיע פון מאַרקס און ענגעלס אויך געקומען אין איר אַנטוויקלונג צו געוויסע רעזולטאַטן, וועלכע האָבן זייער ערשטן סיסטעמאַטישן אויסדרוק געפונען אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", און וועלכע זענען דערנאָך דערגאַנצט געוואָרן אין אַנדערע ווערק פון זיינע מחברים. דידאָזיקע רעזולטאַטן האָבן קיינמאָל נישט געזינדיקט מיט „נעפלדיקער אומבאַשטימטקייט" — פאַרקערט, אַפילו מענטשן, וועלכע האָבן נישט מיטגעפילט מיט די רעזולטאַטן און זיך געשראָקן פאַר זיי, האָבן געמוזט מודה זיין, אַז דער „שטודיום" האָט מאַרקסן און ענגעלסן געבראַכט צו אַ גאַנצער רייע קלאָרע און אָריגינעלע געדאַנקען. נאָר אויב ענגעלס איז גערעכט, אַז וויכטיק זענען נישט אַזוי די רעזולטאַטן, ווי די אַנטוויקלונג, וואָס פירט צו זיי, און אַז בכלל האָבן רעזולטאַטן נאָר אַ צייטלעכע באַדייטונג, דאַן מעג מען זיך פרעגן: צי זענען נישט פאַרעלטערט אויך די רעזולטאַטן, וועלכע ווערן אַנטוויקלט אין אָט דעם ווערק? צי זענען זיי נישט פאַרמשפט דורך דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דערזעלבער אַנטוויקלונג, וואָס האָט אַמאָל געבראַכט צו זיי? אַ שאַרפזיניקער

פּראַנצוויז האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער וואָלט נישט געוואָלט טראַכטן ווי וואָלטער, אין אַ צייט ווען וואָלטער אַליין וואָלט שוין אַנדערש געטראַכט. מיר דאַרפֿן נאָכטון דעם ביישפּיל פֿון אָט דעם פּראַנצוויז. אויב מיר זאָלן וועלן טראַכטן, ווי מאַרקס און ענגעלס, אין אַ צייט ווען זיי אַליין וואָלטן שוין אַנדערש געטראַכט, וואָלטן מיר דערמיט בלויז באַוויזן אונזער אַבסאָלוטע אומפֿעיקייט צו באַנעמען דעם לעבעדיקן קריטישן גייסט פֿון זייער לערע; באַשטייענדיק אויפֿן טויטן אות פֿון דער לערע, וואָלטן מיר געווען פֿון איר אַ סך ווייטער נאָך, איידער יענע דאָגמאַטיקער, וועגן וועלכע מאַרקס האָט גערעדט אינם פֿריער ציטירטן בריוו צו אַרנאָלד רוגע.

מאַרקס און ענגעלס האָבן אָן שום ריקזיכט קריטיקירט דעם גאַנצן עקזיסטירנדיקן סדר, און האָבן זיך נישט געשראָקן פֿאַר די רעזולטאַטן פֿון זייער קריטיק. תּלמידים פֿון מאַרקס און ענגעלס דאַרפֿן דעריבער אויך נישט מורא האָבן צו קריטיקירן די רעזולטאַטן, צו וועלכע זייערע לערער זענען געקומען.

אין פֿלוג איז, דוכט זיך, גאָר איבעריק וועגן דעם צו רעדן, באַזונדער איצט, ווען אין גאַנץ אייראָפּע — פֿון פּעטערבורג ביז נעאַפּאָל און פֿון סאַמאַרע ביז דובלין — האָט זיך אַזוי געמערט די צאָל מאַרקסיסטן, וואָס געפֿינען זיך „אונטערן צייכן פֿון קריטיק". אָבער די מעשה איז די, וואָס ס'זענען פֿאַראַן אַלערליי „צייכנס פֿון קריטיק". ס'איז שוין אַן אַלטע מעשה, אַז נישט יעדערער, וואָס חזרט „הללויה, הללויה!" וועט אַריין אין גן-עדן. איצט דאַרף מען זאָגן, אַז נישט יעדערער, וואָס שרייט „קריטיק, קריטיק", איז טאַקע פֿעיק אויפֿצוהויבן זיך איבערן ניוואָ פֿון דאָגמאַטיזם. „קריטיקער" פֿון מאַרקסן איז איצט פֿאַראַן, ווי זאַמד אויפֿן ברעג פֿון ים. אין געוויסע קרייזן אינטעליגענץ, אין אַלע לענדער, איז מאַרקס-קריטיק געוואָרן אַ מאָדע. אָבער מאָדע און קריטיק זענען אַ שלעכטע פּאָר. און וואָס מער די מאַרקס-קריטיק ווערט אַ זאַך פֿון מאָדע, אַלץ מער פֿאַרלירט זי יעדן קריטישן אינהאַלט. די הערן קריטיקער דערקלערן, אַז די רעזולטאַטן, צו וועלכע

מאַרקס און ענגעלס זענען געקומען, זענען פאַרעלטערט, אָבער זיי רוקן נישט אַרויס אויף זייער אָרט קיין שום נייעס; צום טייל באַגרענעצן זיי זיך מיט אַן איבהאַלטלאָזן און לאַנגווייליקן חזרן פון וואָרט „קריטיק", און צום טייל קערן זיי זיך אום צום שטאַנדפונקט פון די בורזשואַזע צייט-חברים אָדער אַפילו פאָרלויפער פון מאַרקס און ענגעלס. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ קריטיק פאַרהיט לחלוטין נישט פון דאָגמאַטיזם, און אַזאַ באַוועגונג פאַרדינט בשום-אופן נישט דעם נאָמען פראָגרעסיווע.

ווי שוואַך עס איז דער „קריטישער" געדאַנק פון די מאַרקס-קריטיקער, זעט מען אַמבעסטן אַרויס אויפן געביט פון פילאָזאָפיע. דאָ רוקן זיי אַרויס קעגן דעם אַ. ג. דאָגמאַטיזם פון די מאַטעריאַליסטן די שוין היפשלעך באַיאָרטע דאָגמע פון די קאַנטיאָנער — וועגן דער אומדערקענלעכקייט פון דער דרויסנדיקער וועלט. דאָ איז נישט דער פלאַץ צו אַנאַליזירן אָט די דאָגמע; מיר וועלן בלויז באַמערקן, אַז אַרויסטרעטנדיק קעגן מאַטעריאַליזם, גיבן זיך די קריטיקער נישט די מי צו באַקענען זיך ווי געהעריק מיט אָט דער טעאָריע; זיי באַגנוגענען זיך מיט דער פאָרשטעלונג וועגן מאַטעריאַליזם, וואָס עס פאַרשפרייטן אַזוי פלייסיק — לכבוד דער רעליגיע — די געלערנטע, האַלב-געלערנטע און גאָר נישט געלערנטע פיליסטערס און גלחים פון אַלע לענדער, און וואָס אין איר יסוד ליגט די קריסטלעכע קעגנשטעלונג פון מאַטעריע און גייסט *).

מיר דאָ האָבן צו טון בלויז מיט דער „סאָציאַלער פילאָזאָפיע" פון מאַרקס און ענגעלס. וועגן איר וועלן מיר

*) דער וויכטיקסטער וויסנשאַפטלעכער קוואַל, פון וואַנען אָט די הערן שעפן זייערע ידיעות וועגן מאַטעריאַליזם, איז דאָס באַקאַנטע ווערק פון לאַנגע: „געשיכטע פון מאַטעריאַליזם". אָבער לאַנגע אַליין האָט קיינמאָל נישט באַוויזן צו קוקן אויפן מאַטעריאַליזם מיט די אויגן פון אַ ניכטערנעם און אָן-פניותדיקן פאָרשער. זיין בוך האָט אויפגעטון זייער אַ סך — נישט פאַר דער קריטיק פונם מאַטעריאַליזם, נאָר אויף צו פאַרשפרייטן און פאַרפעסטיקן צווישן עולם אַ פאַלשן קוק אויף דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פונם מאַטעריאַליזם און אויף זיין באַדייטונג פאַר דער סאָציאַלער וויסנשאַפט פון אונזער צייט.

טאַקע שמועסן ווייטער. אָבער אַפילו בלויז די „סאָציאַלע פילאָזאָפיע" איז אויך זייער אַ ברייטע טעמע. זי אַלזייטיק אַרומרעדן דאָ, אין דעם אַריינפיר, איז נישט מעגלעך. מיר וועלן דעריבער באַטראַכטן בלויז דעם גרונט-געדאַנק פונם „מאַניפעסט", און אַנדערע הנחות זיינע וועלן מיר באַהאַנדלען אין דער בראָשור „די קריטיק פון אונזערע קריטיקער".

„דער גרונט-געדאַנק, וואָס גייט-אַדורך דורך דעם גאַנצן ווערק — אַז די עקאָנאָמישע פּראָדוקציע און די אומפאַרמיידלעך באַדינגטע דורך איר גלידערונג פון דער געזעלשאַפט בילדן אין יעדער היסטאָרישער עפּאָכע דעם יסוד פאַר דער פּאָליטישער און גייסטיקער געשיכטע; אַז אין הסכם דערמיט איז די גאַנצע געשיכטע, זינט די אור-געמיינדע מיט איר קאָלעקטיוון ערד־באַזיץ איז זיך צעפאַלן, געווען אַ געשיכטע פון קלאַסן-קאַמף... אַז דערדאָזיקער קאַמף האָט איצט דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, ווען דער עקספּלואַטירטער און אונטערדריקטער קלאַס... קאָן זיך אַנדערש נישט באַפרייען פון דעם עקספּלואַטירנדיקן און דריקנדיקן קלאַס... סיידן ער זאָל גלייכצייטיק און אויף שטענדיק באַפרייען די גאַנצע געזעלשאַפט פון עקספּלואַטאַציע, אונטערדריקונג און קלאַסן-קאַמף — דערדאָזיקער גרונט-געדאַנק געהער נאָר און אויסשליסלעך מאַרקסן".

אַזוי זאָגט ענגעלס. צי איז ער גערעכט? נישט אינגאַנצן.

ערשטנס, איז ענגעלס נישט גערעכט, וואָס ער מאַכט אַזוי צו נישט זיין אייגענעם אָנטייל אין דער דורכאַרבעטונג פון אָט דעם גרונט-געדאַנק. און צווייטנס, זענען אייניקע זייער וויכטיקע עלעמענטן פון אָט דעם געדאַנק פאַראַן שוין אין דער סאָציאַל-פּאָליטישער ליטעראַטור פון אַ סך אַ פריערדיקער צייט.

.2

אין זיין אויסגעצייכנטער אַרבעט וועגן מאַניפעסט באַמערקט פּראָפ. אַנטאָניאָ לאַבריאָלאָ מיט רעכט, אַז שוין די היסטאָריקער

פון אַלטערטום, און דערנאָך אין דער נייער צייט די איטאַליע־נישע היסטאָריקער פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, האָבן גוט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם קלאַסן־קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אויף זייערע אויגן, אין די ענגע גרענעצן פון די שטאָטישע רעפּובליקן. גערעכט איז אויך אַ צווייטע באַמערקונג לאַבריאָלאָס, אַז דער קלאַסן־קאַמף האָט זיך דערפאַר אַזוי געוואָרפן אין די אויגן אין דער ערשטער העלפט פון 19 יאָרהונדערט, ווייל אין דער מאָדערנער מלוכה האָט ער (דער קל.־קאַמף) באַקומען אַ סך אַ ברייטערן פאַרנעם. אָבער לאַבריאָלאָ האָט אַ טעות, ווען ער מיינט, אַז די היסטאָרישע באַדייטונג פון אָט דעם קאַמף האָט מען אַמקלאָרסטן באַנומען צום סוף פון אָט דעם פּעריאָד — אינם משך צייט פון 1830 ביז 1850. אינדעראמתן האָט מען שוין אין די 20־ער יאָרן אויף אַזוי פיל קלאָר פאַרשטאַנען דעם קלאַסן־קאַמף, אַלס וויכטיקסטע טרייב־קראַפט פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, אַז אַ שריט ווייטער אין דעם פּרט קאָן מען קאָנסטאַטירן טאַקע נאָר ערשט ביי מאַרקסן און ענגעלסן. פאַרקערט, אין די יאָרן 1830—1850 איז אָט די אויפפאַסונג טיילווייז פאַרטונקלט געוואָרן, צוליב סיבות, וועלכע מיר וועלן אָנווייזן ווייטער.

שוין אין זיינע „Lettres d‘un habitant de Genève“, וואָס זענען אַרויס אין יאָר 1802, רעדט סען סימאָן וועגן די באַציִונגען צווישן די „באַ־יצנדיקע“ און „באַזיצלאָזע“ קלאַסן, און דעם גאַנג און אויסגאַנג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע דערקלערט ער מיטן קאַמף פון אָט די קלאַסן. אָבער אין דעם ווערק זענען סען סימאָנס אָנשוויונגען ערשט בלויז נאָר אָנגעמערקט. אַ סך פולער זענען זיי אַנטוויקלט אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק — צ. ב. ש. אין „Organisateur“ (באַרימטע פאַראַבאָלע) „Lettres à Messieuré les jurés“, „Du système industriel“, „Catachisme des industriels“, און ,Opinions littéraires, philosophiques et industrielles“. פּראָדוצירן — דאָס איז דער ציל פונם געזעלשאַפטלעכן קיבוץ, און דעריבער זענען די מענטשן, וואָס פירן־אָן מיט דער פּראָדוקציע,

שטענדיק געשטאַנען און וועלן שטענדיק שטיין אין שפּיץ פון דער געזעלשאַפט. ביזן 15 יאָרהונדערט האָט זיך די וועלטלעכע מאַכט געפונען אין די הענט פונם אַדל. אַנדערש האָט דאַן נישט געקאָנט זיין, ווייל דער אַדל האָט דעמאָלט אָנגעפירט מיט די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, און לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט איז געווען דעמאָלט דער איינציק וויכטיקער צווייג פון אינדוסטריעלער טעטיקייט. אָבער ביסלעכווייז, פאַר דער צייט פון ערשטן קרייץ-צוג ביז לודוויג XI, איז אויפגעקומען און זיך אָרגאַניזירט אַלס אומאָפּהענגיקער פון אַדל פוח, אַ נייער געזעלשאַפטלעכער קלאַס — די אינדוסטריעלער אין אייגנטלעכן זינען פון וואָרט — און דערדאָזיקער קלאַס איז נאָך מער אויסגעוואָקסן און שטאַרק געוואָרן אין דער צייט פון לודוויג XI ביז לודוויג XIV. אין משך פון דערדאָזיקער גאַנצער עפּאָכע האָט דער אינדוסטריעלער קלאַס נישט אויפגעהערט צו פירן אַ קאַמף מיטן אַדל און האָט ביי אים אָפּגענומען איין עקאָנאָמישע פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער. אַזוי ווי ער האָט זיך גענויטיקט דערביי אין אונטערשטיצונג האָט ער געשלאָסן אַ בונד מיט דער קעניגלעכער מאַכט, און דערדאָזיקער בונד האָט באַשטימט די גאַנצע ווייטערדיקע פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון פראַנקרייך, ביז צו דעם מאָמענט, ווען די קעניגלעכע מאַכט, אין דער פּערזאָן פון לודוויג XIV, האָט פאַראַטן איר טרייען פאַרבינדעטן און גענומען שיצן די אַריסטאָקראַטיע. דאָס איז געווען אַ פעלער, וואָס האָט די בורבאָנער טייער געקאָסט, אָבער די אַנטוויקלונג פונם אינדוסטריעלן קלאַס האָט ער נישט אָפּגעשטעלט. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די נאָכגעקומענע געשעענישן זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורכן קאַמף צווישן דעם נייעם אינדוסטריעלן לעבנס-סדר און דער אַלטער פעאָדאַלער סיסטעם; בעת רעסטאַווראַציע האָבן די אָנהענגער פון דער פעאָדאַלער סיסטעם זיך געפּרוווט צוריק אויפשטעלן זייער אַלטע ווירקונג און באַדייטונג. אָבער זייערע פּרווון זענען פאַרמשפּט אויף דורכפאַל; זייער איינפלוס איז שוין אויף אייביק פאַרלוירן. „אין משך פון 15 יאָרהונדערטער — זאָגט סען סימאָן — איז בהדרגה פאָרגעקומען די דעזאָרגאַניזירונג

פון דער פעאָדאַלער סיסטעם און די אָרגאַניזירונג פון דער אינדוסטריעלער סיסטעם. ס׳וועט געגוג זיין, די הויפט-פאָרשטייער פון דער אינדוסטריע זאָלן זיך פירן מיט טאַקט, און די אינדוסטריעלע סיסטעם וועט זיך ענדגילטיק איינפונדעווען, און די געזעלשאַפט וועט זיך אָפּרייניקן פון די חורבות פון יענעם פעאָדאַלן בנין, אין וועלכן ס׳האָבן אַמאָל געלעבט אונזערע אבות״.

3.

סען-סימאָנס געשיכטע-אָנשויונגען האָט כמעט פולשטענדיק איבערגענומען זיין „אַדאָפּטירטער זון״ אָגיוסטען טיעָרי, וועלכער האָט שפּעטער אַזוי פיל אויפגעטון פאַר דער פראַנצויזישער געשיכטע-וויסנשאַפט. אָגיוסטען טיערי האָט פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט פון דריטן שטאַנד, און האָט דאָס אַליין גוט פאַרשטאַנען. אין 1818 האָט ער געשריבען אין „Censeur Europeen”:

„ווער פון אונז האָט געהערט פון דעם קלאַס מענטשן, וועלכע האָבן אויפגעהיט פאַר דער מענטשהייט די אינדוסטריעלע קונסט און די געווינהייט צו אַרבעטן — אין דער צייט, ווען אייראָפּע איז פאַרפלייצט געוואָרן פון די באַרבאַרן? די מענטשן האָבן כסדר געליטן פון דרוק און גזלה מצד זייערע באַזיגער און הערשער, זיי האָבן געפירט אַ שווער לעבן, און דער איינציקער לוין פאַר זייער פראַצע איז געווען דער באַוווסטזיין, אַז זיי האַנדלען גוט און היטן-אָפּ די ציוויליזאַציע פאַר זייערע קינדער וועגן און פאַר דער גאַנצער וועלט. אָט די רעטער פון אונזערע קונסטן זענען געווען אונזערע טאַטעס. מיר זענען די קינדער פון יענע לייב-אייגענע, פון יענע צינש-צאָלער, פון יענע בירגער, וועלכע האָבן אומברחמנותדיק געליטן פון די דעראָבערער. אַלץ האָבן מיר זיי צו פאַרדאַנקען... דאָך האָבן מיר, די נישט לאַנג באַפרייטע קנעכט, געדענקט בלויז וועגן די משפחות און מעשים פון אונזערע הארן. ערשט אינגאַנצן מיט דרייסיק יאָר צוריק האָבן מיר זיך דערמאָנט, אַז אונזערע פאָטערס זענען עס

געווען די נאַציע. מיר האָבן זיך מיט אַלעמען אַנטציקט און אַלץ שטודירט, נאָר נישט דאָס, וואָס איז דורך זיי אויסגעפּירט גע־וואָרן. מיר זענען געווען פּאַטריאָטן, און האָבן פֿאַרגעסן אָן די, וואָס האָבן אין משך פֿון 14 יאָרהונדערטער באַאַרבעט דעם באָדן פֿון אונזער פֿאָטערלאַנד, וועלכן עס פֿלעגן אַזוי אָפֿט פֿאַר־וויסטן אַנדערע הענט".

צוויי יאָר שפּעטער קערט זיך טיערי ווידער אום צו דער אייגענער טעמע און באַווייזט, אַז די פֿראַנצויזן האָבן נאָך נישט קיין אמתע געשיכטע פֿון זייער פֿ אָ ל ק. די געשיכטע פֿון די בירגער, פֿון די אונטערטאַנער איז נאָך נישט אָנגעשריבן, כאָטש אינדערעמתן איז זי אַ סך אינטערעסאַנטער און קאָן אַרויסרופֿן אַ סך מער סימפּאַטיעס, איידער די געשיכטע פֿון די הויכגעשטעלטע פֿער־זענלעכקייטן און מלכים — „די איינציקע געשיכטע, וועגן וועלכער מען דערציילט אונז". די באַוועגונג פֿון די פֿאָלקס־מאַסן צו פֿרייהייט און וווילשטאַנד שטעלט־פֿאָר אַ סך אַ גראַנדיעזער בילד, ווי די קריגס־צוגן פֿון די דעראָבערער, און די אומגליקן פֿון פֿאָלק זענען אַ סך רירנדיקער, ווי די צרות פֿון מלכים, וואָס האָבן פֿאַרלוירן זייערע טראָנען. אויב עס וואָלט זיך געפֿונען אַ פֿעדער, וואָס איז ראוי אָנצושרייבן די געשיכטע פֿון די פֿאָלקס־מאַסן, וואָלטן די פֿראַנצויזן דערזען, אַז זייערע שטעט קאָנען זיין שטאָלץ „נישט נאָר דערמיט, וואָס אין זיי האָבן גע־וווינט די אָדער יענע אַריסטאָקראַטן, אָדער וואָס דורך זיי איז דורכגעגאַנגען דער אָדער יענער קעניג. זיי וואָלטן זיך אויך דערוווּסט, אַז דאָס פּאָליטישע לעבן פֿון פֿאָלק איז נישט באַ־שטאַנען בלויז פֿון צאָלן שטייערן און צושטעלן רעקרוטן".

שוין אָט די שורות באַווייזן קלאָר, ווי אַזוי דער וווּקס פֿון זעלבסטבאַוווּסטזיין ביים דריטן שטאַנד פֿון פֿראַנקרייך האָט אַרויסגערופֿן אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין די אָנשוידונגען פֿון די פֿראַנצויזישע היסטאָריקער. פֿאַר די געלערנטע פֿלעבייער פֿון יענער צייט איז די געשיכטע פֿון דריטן שטאַנד געווען אינטע־רעסאַנטער, ווי די געשיכטע פֿון הויף און אַריסטאָקראַטיע, און דעריבער האָבן זיי דערפֿילט אַ באַדערפֿעניש צו באַאַרבעטן

דווקא די געשיכטע פון דריטן שטאַנד. און אַזוי ווי אָט די געשיכטע איז אַ סך יאָרהונדערטער געווען די געשיכטע פון גאַנצן פאָלק, אַ חוצן אַדל און קלער, איז נישט קיין ווּנדער, וואָס דאָס פאָלקס-לעבן פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער האָט צוגעצויגן די הויפּט-אויפמערקזאַמקייט פון דער היסטאָרישער וויסנשאַפט, וועלכע האָט זיך פריער פאַרנומען נאָר מיט מלכים און אַריסטאָקראַטן. אין דער היסטאָרישער וויסנשאַפט פון די צייטן פון דער רעסטאַווראַציע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דיזעלבע שטימונג פון דריטן שטאַנד, וועלכע האָט נאָך אין 18-טן י. ה. אָנגעהויבן זיך אַרויסווייזן אויפן געביט פון שיינער ליטעראַטור און ליטעראַרישער קריטיק. עס זענען באַקאַנט די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, וואָס האָבן אַרויסגערופן צום לעבן די אַ. ג. בירגערלעכע דראַמע. „וואָס גייט מיך אָן, — האָט געשריבן באָמאַרשע, — מיך, דעם פרידלעכן בירגער פון דער מאָנאַרכישער מלוכה פון 18-טן י. ה„ דער טויט פון עפּעס אַ פעלאָפּאָנעזישן טיראַן, אָדער דאָס ברענגען פאַר אַ קרבן פון דער קייזערלעכער טאָכטער אין אוילידע? דאָס אַלץ גייט מיך לחלוטין נישט אָן, אין דעם אַלעם איז גאָרנישטאָ קיין באַלערנדיקס פאַר מיר". באָמאַרשע און די אַלע, וואָס האָבן געטראַכט אַזוי ווי ער, האָבן געוואָלט, אַז אויף דער בינע זאָל מיט ליבע און מיט אויפמערקזאַמקייט פאָרגעשטעלט ווערן דאָס לעבן און ליידן פון דריטן שטאַנד. די קלאַסישע טראַגעדיע פלעגט זיי אויפרעגן און באַליידיקן מיט איר ספּעציעלער נייגונג צו הויכגעשטעלטע העלדן. פאָרשטעלן די ליידן און צרות פון מיטל-שטאַנד — האָט מיט גאַל אויסגערופן באָמאַרשע, — פע! זיי קאָן מען נאָר אויסלאַכן! לעכערלעכע בירגער און אומגליקלעכע מלכים — דאָס זענען די ראַמען, אין וועלכע עס דרייט זיך דאָס טעאַטער. טאָ לאָמיר עס טאַקע זיך נעמען אין זינען אַריין".

די בורזשואַזיע פון 18-טן י. ה. האָט געוואָלט האָבן איר „פּאָרטרעט", און אירע ליטעראַטור-פאָרשטייער האָבן זיך באַמיט צו שילדערן אירע דאַמאָלסטיקע שטריכן אין די העלדן פון דער בירגערלעכער דראַמע. און דאָסזעלבע בעת דער רעסטאַווראַציע, האָט די בורזשואַזיע, באַשיצנדיק אירע סאָציאַל-פּאָליטישע דעראָבערונגען

קעגן דעם האַרטנעקיגן אָנגריף פון די אָנהענגער פון דער אַלטער אָרדענונג, געוואָלט הערן דערציילן וועגן אירע אייגענע קינדער- און יוגנט-יאָרן, און אירע געלערנטע פאָרשטייער האָבן געשריבן פאַר איר די מאָראַליזירנדע אינטערעסאַנטע געשיכטע וועגן די אונטערדריקונגען, וואָס זי האָט אַמאָל געליטן, וועגן אירע קאַמפן פאַר אַ בעסערן גורל און וועגן אירע דערפאָלגן אין אָט די קאַמפן. אַזוי האָט זיך געשאַפן אין דער געשיכטע-וויסנשאַפט אַ נייע ריכטונג, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ ריזיקן שריט פאָרויס אין איר אַנטוויקלונג.

די אַמאָליקע היסטאָריקער, וועלכע האָבן זיך דערהויפּט אינטערעסירט מיט מלכים און אַריסטאָקראַטן, האָבן געהאַלטן זייערע הויכגעשטעלטע העלדן פאַר די הויפּט-באַוועגער פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. דעמדאָזיקן קוק האָבן אויך איבערגענומען די „אויפקלערער" פון 18-טן י. ה., און אין הסכם מיט זייער רעוואָלוציאָנערער שטימונג, איז ער ביי זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לערע וועגן דעם, אַז מיינונגען רעגירן מיט דער וועלט. דידאָזיקע לערע האַלט טאַקע נישט אויס טעאָרעטיש, זי האָט אָבער געהאַט די מעלה, וואָס זי האָט צוגעשריבן אַזאַ גרויסע ראָל דער ווירקונג פון די רעוואָלוציאָנערע ה ע ל ד ן פון דער אינטעליגענץ אויף דעם המון פון מיטלשטאַנד, וועלכן די מלוכה און די העכערע קלאַסן האָבן אונטערדריקט. אָבער די בורזשואַזיע פון דער רעסטאַווראַציע-צייט, וואָס האָט אָקאָרשט געהאַט דערלאַנגט אַ טויט-קלאַפּ דער אַריסטאָקראַטיע, איז שוין מער נישט געווען קיין דערשלאָגענער המון. אירע אידעאָלאָגן, דורכגעדרונגען מיטן באַוווסטזיין פון איר כּוח און באַדייטונג, האָבן דערזען אין איר דעם וויכטיקסטן העלד פון דער היסטאָרישער באַוועגונג. מיר ווייסן שוין, מיט וואָסער התפּעלות טיערי האָט גערעדט וועגן אירע פאַרדינסטן פאַר דער מענטשהייט און דער ציוויליזאַציע.

האָבן אָבער די געלערנטע פון דער בורזשואַזיע זיך פאַראינטערעסירט מיט דער געשיכטע פון זייערע „פאָטערס", האָבן זיי שוין געמוזט קומען צו גאָר אַן אַנדערן בליק אויף דער געשיכטלעכער אָפּשטאַמונג און אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

„וואונדערלעך איז — זאָגט אָגיוסטען טיערי — די איינגעשפּאַרט־קייט פון די היסטאָריקער נישט צו אָנערקענען ביי דער מאַסע קיין שום זעלבשטענדיקייט, קיין שום שאַפערישקייט. אויב אַ פאָלק וואַנ־דערט־אויס און זוכט פאַר זיך אַ ניי וווין־אָרט, פאַרענטפערן דאָס אונזערע היסטאָריקער און דיכטער דערמיט, אַז אַ העלד האָט זיך אַנטשלאָסן צו גרינדן אַ נייע אימפּעריע, כדי באַרימט צו ווערן אין דער וועלט; אויב עס אַנטשטייט אַ נייע מלוכה, דערקלערט מען דאָס מיט דער איניציאַטיוו פון דעם אָדער יענעם הערשער. דאָס פאָלק, די בירגער זענען תּמיד נאָר די מאַטעריע, און דער געדאַנק פון יחידים גיט ערשט אַריין אין איר אַ נשמה. ווילט איר באמת זיך דערוויסן, ווער האָט באַשאַפן די געגעבענע אינסטיטוציע, ווען געהערט דער איינפאַל פון דער אָדער יענער געזעלשאַפטלעכער אונטערנעמונג? טאָ זוכט די, וועמען זי איז נויטיק געווען. זיי, מסתּמה, געהערט סיי דער ערשטער געדאַנק וועגן איר, סיי דער ווילן צו האַנדלען, און סיי אַ באַדייטנדער חלק אינם רעאַליזירן דעם געדאַנק. (Is fecit, cui prodest דער טוט, וועמען עס ברענגט נוצן). — די אַקסיאָמע איז נישט ווייניקער ריכטיק אין דער געשיכטע, ווי אין דער יוריספּרודענץ".

דערדאָזיקער נייער שטאַנדפּונקט — וועגן געזעלשאַפט־לעכן אינטערעס, אָדער קלאַסן־אינטערעס — צוזאַמען מיטן מיטגעפיל צו די „פּאָטערס", וועלכע האָבן אויסגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס דעם דורותדיקן קאַמף קעגן די העכערע שטאַנדן, האָט געמוזט ברענגען צו דעם, אַז מען זאָל אָנהייבן דערקענען די וויכטיקע היסטאָרישע באַדייטונג פונם קאַמף פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן פאַר זייערע אינטערעסן, ד. ה., די באַדייטונג פון קלאַסן־קאַמף. און ווירקלעך, שוין אין אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט ווייזט טיערי אָן אויף „דעם קאַמף פון קלאַסן און אינטערעסן" אין ענגלאַנד, ווי אויף איינעם פון די וויכטיקסטע רעזולטאַטן פון דעם, וואָס דאָס לאַנד איז דעראָבערט געוואָרן דורך די נאָרמאַנער. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין ענגלאַנד אין 17־טן י. ה. ווערט דורך אים פאַר־געשטעלט, ווי אַ קאַמף פון דריטן שטאַנד מיט דער אַריסטאָקראַטיע.

יעדער-איינער, וועמעס אבות עס האָבן געהערט צו די דראָ־בערער פון ענגלאַנד, — זאָגט טיערי וועגן דער ענגלישער רעוואָלוציע — האָט פאַרלאָזן זיין שלאָס און איז געפאָרן אין קעניגלעכן לאַגער, ווו ער האָט פאַרנומען אַן אָרט לויט זיין באַרוף. די איינוווינער פון די שטעט זענען מאַסנווייז געגאַנגען אין קעגנ־זעצלעכן לאַגער. מען האָט דעמאָלט געקאָנט זאָגן, אַז די אַרמייען האָבן זיך געזאַמלט איינע אין נאָמען פון ליידיקגייעריי און מאַכט, און די צווייטע אין נאָמען פון אַרבעט און פרייהייט. אַלע פוסט-און-פּאַסטניקעס, פון וואַנען זיי זאָלן נישט שטאַמען, די אַלע, וואָס האָבן געזוכט אין לעבן לייכטע פאַרגעניגנס, אָן אַרבעט, האָבן זיך געשטעלט אונטער די קעניגלעכע פענער און פאַרטיידיקט אינטערעסן, וואָס זענען געווען ענלעך צו זייערע אייגענע אינטערעסן; און פאַרקערט, די וואָס האָבן אַפילו געשטאַמט פון די אַמאָליקע דעראָבערער, נאָר האָבן זיך פאַרנומען מיט אינדוסטרי, — די האָבן זיך פאַראייניקט מיט דער פאַרטיי פון די קאָמונעס (שטעט)".

גאָר באַזונדערס מערקווירדיק איז דאָס, וואָס אויך אין דער רעליגיעזער באַוועגונג פון יענער צייט האָט טיערי געזען בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון „פּאָזיטיווע" לעבנס-אינטערעסן. „פון ביידע זייטן, — זאָגט ער, — האָט זיך געפירט אַ מלחמה צוליב פּאָזיטיווע אינטערעסן. דאָס איבעריקע אַלץ איז נאָר געווען אויסערלעכקייט אָדער אויס־רייד. די, וואָס האָבן פאַרטיידיקט די זאַך פון די אונטערטאַנער, זענען אין גרעסטן טייל געווען פּרעסביטעריאַנער, ד. ה., זיי האָבן נישט געוואָלט קיין שום אונטערטעניקייט, אַפילו אין זאַכן פון רעליגיע. פאַרקערט, די מיטגלידער פון דער קעגנזעצלעכער פאַרטיי האָבן געהערט צו דער אַנגליקאַנישער אָדער קאַטוילישער קירכע; ווייל אַפילו אויפן געביט פון רעליגיע האָבן זיי געשטרעבט צו מאַכט און צו באַלעסטיקן די מענטשן מיט שטייערן".

.4

גייען מיר איבער צו מיניע, אַ צייט-חבר טיעריס, טרעפן מיר ביי אים אויך דעמזעלבן בליק אויף דער באַדייטונג פון

פאַרמעגנס-אינטערעסן און אויף דער ראָל פון קלאַסן-קאַמף אין דער געשיכטע פון די ציוויליזירטע לענדער. מיניע דריקט זיך אויס אַזוי: „די סאַמע צאָלרייכע און סאַמע שטאַרקע אינטערעסן — זיי דיקטירן די געזעצן און זיי דערשלאָגן זיך צו זייער ציל". ממילא איז שוין לייכט צו פאַרשטיין, וואָס פאַראַ ווירקונג עס האָבן, לויט מיניע, אינטערעסן אויף דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. „די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג — זאָגט ער — ווערט באַשטימט דורך די הערשנדיקע אינטערעסן. דידאָזיקע באַוועגונג גייט צו איר ציל איבער פאַרשידענע מניעות און שטעלט זיך אָפּ, ווען דער ציל איז דערגרייכט, און טרעט דאַן אָפּ דאָס אָרט פאַר אַ נייער באַוועגונג, וועלכע בלייבט תחילת גאָרנישט באַמערקט, נאָר זי אַנטפּלעקט זיך ערשט, ווען זי ווערט שוין די דאָמינירנדיקע באַוועגונג. אַזוי איז געווען דער אַנטוויקלונגס-גאַנג פונם פעאָדאַליזם. דער פעאָדאַליזם האָט עקזיסטירט אין די נויטן פון די מענטשן, ווען ער האָט נאָך פאַקטיש נישט עקזיסטירט — דאָס איז די ערשטע עפּאָכע; אין דער צווייטער עפּאָכע עקזיסטירט ער שוין פאַקטיש, און ביסלעכווייז הערט ער אויף צו אַנטשפּרעכן די נויטן, און דאָס טאַקע האָט אַ סוף געמאַכט צו זיין פאַקטישער עקזיסטענץ. קיין איין רעוואָלוציע איז נאָך נישט פאָרגעקומען אַנדערש". ווען אויף דער היסטאָרישער אַרענע האָבן זיך באַוויזן די שטאָטישע קאָמונעס, האָט דאָס געענדערט אַלע אינערלעכע פאַרהעלטענישן אין די דעמאָלטיקע געזעלשאַפטן. אין איטאַליע דערשלאָגן זיך די קאָמונעס צו פולער הערשאַפט, און עס קומט דאָרט אויף די דעמאָקראַטיע. אין פראַנקרייך זענען די קאָמונעס געצווּונגען צו פאַרבינדן זיך מיט דער קעניגלעכער מאַכט, און לייגן דערמיט אַוועק דעם יסוד פאַרן אַבסאָלוטיזם. און לסוף, אין ענגלאַנד, ווו זיי פאַרבינדן זיך מיט די פעאָדאַלן קעגן קעניג, אַנטשטייט אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. אויף אַזאַ אופן זעען מיר, אַז די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן די וויכטיקסטע סאָציאַלע עלעמענטן פון דער אייראָפּעישער געזעלשאַפט — ד. ה., צווישן דער אַריסטאָקראַטיע און דעם דריטן שטאַנד — האָבן מיט זיך באַשטימט די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון אייראָפּע. וואָס מער דער

דריטער שטאַנד איז געוואָקסן, אַלץ נענטער איז געוואָרן צום ענדגילטיקן פאַלן פון דער אַלטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. אין פראַנקרייך איז די עפּאָכע פון אָט דעם פאַלן געווען די עפּאָכע פון דער רעוואָלוציע, און מיניע האָט זיך צו איר תמיד באַצויגן מיטן וואַרימסטן מיטגעפיל. זיין „געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע" באַווייזט בעסער פאַר אַלע אַנדערע זיינע ווערק, ווי קלאָר ער האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון קלאַסן-קאַמף. ער פאַרשטייט אויסגעצייכנט, אַז דער קאַמף פון די פּאָליטישע פאַרטייען בעת דער רעוואָלוציע האָט אָפּגעשפּיגלט בלויז דעם קעגנזאַץ פון די קלאַסן-אינטערעסן. „די אַריסטאָקראַטישע קלאַסן — זאָגט ער — האָבן געהאַט אינטערעסן, קעגנזעצלעכע צו די אינטערעסן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרטיי. דעריבער זענען דער אַדל און העכערער קלער געזעסן אויף דער רעכטער זייט און געווען אין שטענדיקער אָפּאָזיציע קעגן אָט דער פאַרטיי, אַחוץ די עטלעכע געציילטע טעג, ווען ס'האָט געהערשט אַן אַלגעמיינע התלהבות". די פאַרטיי פון דיופּאָר, באַרנאַוו און לאַמעט איז געווען „אַ מין אָפּאָזיציע אינעווייניק, אין דעם מיטל-קלאַס". די קאָנסטיטוציע פון 1791 איז געווען אַ פּראָדוקט פון מיטעלן קלאַס, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן דעמאָלט שטאַרקער פאַר אַנדערע קלאַסן; „ס'איז באַוווּסט — גיט מיניע צו — אַז דער כּוח, וואָס דערגרייכט צו דער מאַכט, באַהערשט אַלעמאָל די אינסטיטוציעס". די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן אין קאַלוואַדאָס, זשעוואָדאַן און וואַנדייע דערקלערט ער דערמיט, וואָס דידאָזיקע ערטער האָבן נישט מיטגעפילט מיט דער רעוואָלוציע, ווייל אין די ערטער איז נישט געווען דער צאָלרייכער און געבילדעטער מיטעלער קלאַס". די זשיראָנדיסטן באַטראַכט ער ווי אַ פּאַרטיי, וואָס בילדעט דעם איבערגאַנג פון מיטעלן קלאַס צום המון, און דאַנטאָן, ראָבעספּיער, קאַמיל דעמולען, פ. דעגלאַנטין, מאַראַט א. אַ. וו. זענען פאַר אים די אמתדיקע פירער פון דער נייער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן נידעריקן געזעלשאַפטלעכן קלאַס און איז געווענדעט קעגן מיטל-קלאַס, צו וועלכן עס האָבן געהערט די זשיראָנדיסטן, סיי לויט

זייער סאָציאַלן מעמד און סיי לויט זייערע רגילותן. דעם 10 אויגוסט איז געווען אַן „אויפשטאַנד פונם המון קעגן מיטל-קלאַס און קעגן קאָנסטיטוציאָנעלן טראָן, פונקט ווי דעם 14 יולי איז געווען דער אויפשטאַנד פונם מיטל-קלאַס קעגן די פּריווילעגירטע קלאַסן און קעגן דער אַבסאָלוטער מאַכט פון דער קרוין". קורץ — די גאַנצע געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז פאַר מיניען אַן אילוסטראַציע צו דער הנחה, וועלכע מען קאָן מיט פולן רעכט אָנרופן די פאָרמולע פונם פּראָגרעס, וואָס קומט-פאָר אין די ציוויליזירטע געזעלשאַפטן: „ענדערונגען רירן-אָן אינטערעסן; אינטערעסן באַשאַפן פּאַרטייען; פּאַרטייען פאַרפירן צווישן זיך אַ קאַמף". אָגיוסטען טיערי האָט נישט אומזיסט געזאָגט, אַז מיניע פאַרמאָגט אַ גרויסן טאַלענט צו היסטאָרישער אינדוקציע און צו מאַכן אַלגעמיינע אויספירן פון פאַקטן.

מיניע איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ באַוווסטזיניקער, אָפענער און קאָנסעקווענטער פאַרטרעטער פון „מיטעלן קלאַס". זיין אידעאַל איז געווען די סאָציאַלע און פּאָליטישע הערשאַפט פון אָט דעם קלאַס. און ער איז געווען אַן אַנטשידענער שונא פונם „המון", אויף וויפל דער לעצטער האָט באַדראָט דידאָזיקע הערשאַפט. „Les desordres de la Commune lui furent odieux" (די אַוואַנטורעס פון דער קאָמונע זענען אים געווען עקלהאַפט) — זאָגט זיין ביאָגראַף עדואַרד פּטי. אָבער דערדאָזיקער פריינט פון טיערן — דעם גרויזאַמען אונטערדריקער פון דער פּאַריזער קאָמונע — האָט פאָרט נישט געפילט אַזאַ נעבעכדיקע מורא, געמישט מיט האַס, פאַר רעוואָלוציאָנערע טאַטן, ווי דאָס פילן די גרויסע און קליינע בורזשואַ פון אונזער צייט. „נאָר דורך כּוח קאָן מען זיך דערשלאָגן צו רעכט", באַמערקט ער באַלד אין אָנהייב פון זיין געשיכטע, און עטלעכע זייטן ווייטער גיט ער צו, אַז ביז היינט צו טאָג איז „נישטאָ קיין אַנדערער אויבערהאַר אַ חוץ כּוח". די היינטיקע היסטאָריקער האָבן נישט ליב אַזעלכע סענטענצן. דער אַלטער גיזאָ וועט אונז קלאָר מאַכן אָט די אייגנאַרטיקייט פון זייער געשמאַק.

.5

גיזאָס בליק אויף דער גרונט־סיבה פון דער געזעלשאַפט־לעכער אַנטוויקלונג שיידט זיך מיט קיין זאַך נישט אונטער פון די בליקן פון טיערי און מיניע. אויך ער האַלט, אַז די סאָציאַלע באַציִונגען זענען דער יסוד פאַר די פּאָליטישע באַציִונגען. אין זיין „Essais sur l'histoire de France“ זאָגט ער: „די מערהייט שרייבער, וויסנשאַפטלער, היסטאָריקער און פּובליציסטן האָבן זיך באַמיט צו דערקלערן דעם געגעבענעם מצב פון דער געזעלשאַפט, די מדרגה אָדער דעם מין פון איר ציוויליזאַציע, דורך די פּאָליטישע אינסטיטוציעס פון דער געזעלשאַפט. אַ סך צוועקמעסיקער וואָלט געווען אָנצוהייבן פון שטודירן די געזעלשאַפט גופא, כדי אַזוי־אַרום ערשט צו דערקענען און פאַרשטיין אירע פּאָלי־טישע אינסטיטוציעס. איידער זיי ווערן אַ סיבה, זענען זיי — די אינסטיטוציעס — אַליין אַ פּועל יוצא; די געזעלשאַפט באַשאַפט זיי פריער, איידער זי הייבט אַליין אָן זיך ענדערן אונטער זייער ווירקונג; און אָנשטאָט צו משפטן וועגן צושטאַנד פון פאָלק לויט די פאָרמען פון זיין רעגירונג, דאַרף מען אַפריער אויס־פאָרשן דעם צושטאַנד פונם פאָלק, כדי צו קאָנען משפטן, וואָסער רעגירונג האָט באַדאַרפט, האָט געקאָנט זיין ביי אים... די גע־זעלשאַפט, איר צוזאַמענשטעל, דער לעבנס־אופן פון באַזונדערע יחידים אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער סאָציאַלן מעמד; די באַ־ציִונגען פון פאַרשידענע קלאַסן מענטשן; מיט איין וואָרט, דער צ י ו ו י ל ע ר ל ע ב נ ס ־ ש ט י י ג ע ר פ ו ן ד י מ ע נ ט ש ן — דאָס איז, אָן ספק, די ערשטע פראַגע, וואָס מוז פאַרנעמען דעם היסטאָריקער, אויב ער וויל וויסן, ווי די מענטשן האָבן געלעבט, און דעם פּובליציסט, אויב ער וויל וויסן, ווי איבער די מענטשן איז רעגירט געוואָרן“.

גיזאָ זאָגט, אַז ביי די אַלע פעלקער, וואָס האָבן זיך באַ־וויזן אויף דער היסטאָרישער אַרענע פון אייראָפּע נאָכן פאַלן פון דער רוימישער מערב־אימפּעריע, האָט דער ציווילער שטייגער זיך געפונען אין ענגער אורזאַכלעכער פאַרבינדונג מיט די באָדן־

פאַרהעלטעניש, און דעריבער מוז מען אַפריער שטודירן אָט די פאַרהעלטעניש, איידער מען נעמט פאָרשן דעם ציווילן לעבנס־שטייגער. „כדי צו פאַרשטיין די פּאָליטישע אינסטיטוציעס, דאַרף מען קענען די פאַרשידענע שיכטן, וואָס זענען פאַראַן אין דער געזעלשאַפט, און זייערע קעגנזייטיקע באַציִונגען. און כּדי צו פאַרשטיין אָט די פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, דאַרף מען קענען דעם מהות פון די באָדן־פאַרהעלטעניש". אָט פון דעם שטאַנדפּונקט גייט טאַקע גיזאָ צו צו דער געשיכטע פון די ערשטע צוויי דינאַסטיעס. פאַר אים איז דאָס די געשיכטע פון קאַמף צווישן די „ש י כ ט ן" פון דער דעמאָלטיקער באַפעלקערונג פון לאַנד.

די געשיכטע פון דער ענגלישער רעוואָלוציע ווערט דורך אים געשילדערט, ווי אַ קאַמף צווישן בורזשואַזיע און אַריסטאָקראַטיע. ס'איז טאַקע — זאָגט ער — שאַרפזיניק, אָבער איבערפלעכלעך צו מיינען, אַז „די ענגלישע רעוואָלוציע איז געווען מער אַ פּאָליטישע, ווי אַ סאָציאַלע, און אַז דאַקעגן, די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געשטרעבט צו ענדערן דעם גאַנצן בוי פון דער געזעלשאַפט און פון דער רעגירונג". אינדעראמתן האָבן ביידע רעוואָלוציעס געהאַט איין אָפּשטאַמונג און איין ציל. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין ענגלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אונטערן איינפלוס פון די ענדערונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין די סאָציאַלע באַציִונגען און אין דעם שטייגער לעבן פון ענגליש פאָלק. די העכערע אַריסטאָקראַטיע איז אַלץ מער געוואָרן פאַרדאָרבן און האָט אָנגעוווירן איר איינפלוס אויפן פאָלק, און די קליינע פריצימלעך, פריגאָלערן און בורזשואַ האָבן זיך פאַרנומען אויסשליסלעך מיט זייערע געשעפטלעכע ענינים, זענען אַלץ רייכער געוואָרן און באַקומען אַלץ מער השפעה אויפן פאָלק. ביסלעכווייז, אָן טומל און כמעט אָן זייער אייגענעם וויסן, האָבן זיי קאָנצענטרירט אין זייערע הענט כמעט אַלע געזעלשאַפטלעכע כוחות — „די אמתע קוואַלן פון מאַכט". און אַז די סאָציאַלע באַציִונגען האָבן זיך אויף אַזאַ אופן אָנגעהויבן ראַדיקאַל צו ענדערן, האָט דער מיטלשטאַנד („Les communes") שוין מער נישט געקאָנט רויק פאַרטראָגן די

טיראַניי. „דער פאַרגרעסערטער ווילשטאַנד האָט אַרויסגערופן אַ באַדערפעניש צו באַגרענעצן דעם ווילקיר. די קעניגלעכע רעכט, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן נישט אַרויסגערופן קיין שום פּראָטעסט, האָבן איצט אָנגעהויבן אויסזען, ווי מיסברויכנס". אַזוי איז פּאַנאַנ־דערגעבונדן געוואָרן דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף, וועלכער האָט דורכגעמאַכט פיל פאַרשידענע גילגולים, אָבער לסוף האָט ער זיך פאַרענדיקט מיטן פולן נצחון פונם מיטל־קלאַס.

גיזאָ ווייסט, ווי נאָכצושפּירן די ווירקונג פונם „געזעלשאַפט־לעכן בוי" נישט נאָר אויף דער פּאָליטישער אָרדענונג, נאָר אויך אויף די אינטעלעקטועלע פּראָצעסן, וואָס קומען־פאָר אין דער געזעלשאַפט. זיינע באַמערקונגען וועגן דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, וועלכע ער האָט אַרויסגע־זאָגט נאָך אין דער צייט פון דער ערשטער אימפּעריע, וואָלטן ווערט געווען מען זאָל זיי געניויער באַטראַכטן. נאָר צוליב מאַנגל אין פּלאַץ וועלן מיר דאָ בלויז דערמאָנען דאָס, וואָס ער זאָגט וועגן טעאַטער. לויט זיין מיינונג, שפּיגלט דאָס טעאַטער אָפּ אין זיין אַנטוויקלונג די אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. אין אַלטן גריכנלאַנד, ווו מיט די געזעלשאַפטלעכע ענינים האָט אָנגעפירט דאָס גאַנצע פאָלק, האָט אויך דאָס טעאַטער געשפּילט די ראָל פון אַ פאַרוויילונג פאַרן גאַנצן פאָלק, אָפּ־שפּיגלענדיק די רגילותן און געשמאַקן פון אַלע פרייע בירגער. פאַרקערט, אין די געזעלשאַפטן פון דער נייער צייט, ווו מיר האָבן שוין אַ קאָמפּליצירט געוועב פון פאַרשידענע קלאַסן, וואָס פירן צווישן זיך אַ שטענדיקן קאַמף פאַר איבערהערשאַפט — ווערט טעאַטער די פאַרוויילונג פון די העכערע קלאַסן, און דאָס רופט זיך שלעכט אָפּ אויפן טעאַטער. די העכערע קלאַסן, ווי נאָר זיי פאַרפעסטיקן זייער מעמד, שטרעבן זיי געוויינלעך זיך אָפּצוטיילן און זיך דערווייטערן פון דעם איבעריקן טייל געזעלשאַפט. זיי ווערן־אָן די פּשוטקייט און נאַטירלעכקייט פון פאָלק, זיי ווערן באַהערשט פון געקינצלטקייט. דאָס געביט פון קינסטלערישן שאַפן ווערט דעריבער שמעלער און בלאַסער. אַלס ביישפּיל, ווייזט גיזאָ אָן אויפן ענגלישן טעאַטער נאָך דער רעסטאַווראַציע

פון יאָר 1660 : אין איר פאַראַכטונג צום פאָלק, האָט די ענגלישע אַריסטאָקראַטיע אָנגעהויבן זיך ברעקלען אַפילו קעגן שעקספירן, און האָט אים דערקלערט פאַר שלעכט דערצויגן. אויך די פראַנצויזישע טראַגעדיע איז באַשאַפן געוואָרן דורך די העכערע קלאַסן, און דערפאַר איז זי טאַקע אַראָפּ פון סצענע, ווי נאָר די אַלטע אָרדענונג איז געפאַלן. די רעוואָלוציע האָט אָפּגערוימט דעם פּלאַץ פאַר אַ נייער דראַמאַטישער סיסטעם״.

געוויס, מען קאָן דאָ מיט באַזונדערע פּרטים נישט זיין מסכים. אָבער מען מוז אָנערקענען, אַז דער וועג — ווי אויסצופאָרשן די אורזאַכלעכע שייכות צווישן די דערשיינונגען — איז דאָ געגומען אַ ריכטיקער. און מיט דעם וועג זענען טאַקע דערנאָך געגאַנגען די סאַמע באַגאַבטע קריטיקער און היסטאָריקער פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, און האָבן דורכדעם גוט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג פון דער גייסטיקער געשיכטע פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט.

נאָך בולטער טרעט-אַרויס דער קלאַסן-שטאַנדפּונקט אין גיזאָס פּאָליטישער טעטיקייט. אין זיינע „זכרונות״ זאָגט ער אַליין, אַז זיין שטענדיקע פּאָליטישע שטרעבונג איז געווען — פעסט איינשטעלן די הערשאַפט פון די מיטל-קלאַסן. און נישט נאָר האָט ער הייס און אומדערשראָקן פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דידאָזיקע קלאַסן, נאָר — ווי ער אַליין זאָגט — ער האָט געוואָלט נאָך מער דערהויבן זייער זאַך, „אַריבערטראָגנדיק זי אויך אין דער פאַרגאַנגענהייט אַריין, אַנטפּלעקנדיק די אינטערעסן און מזלות פון אַט די קלאַסן אויפן שטח פון דער גאַנצער פראַנצויזישער געשיכטע״. געטון האָט ער עס אויף אַ גלענצנדן אופן אין זיינע פּאָליטישע פּאַמפלעטן. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט דער פּאַמפלעט : „וועגן דער רעגירונג פון פראַנקרייך און וועגן איצטיקן מיניסטעריום״, דערשינען אין 1820. גיזאָ טרעט דאָ אַרויס, ווי אַן איבערצייגטער פאַרטיידיקער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דידאָזיקע רעוואָלוציע איז געווען אַ מלחמה, פּונקט ווי מלחמות צווישן מלוכות. „אין משך פון דרייצן יאָרהונדערטער איז אין פראַנקרייך געווען צוויי פעלקער : אַ זיגער-פאָלק און

אַ באַזיגט פֿאָלק. אין משך פֿון דרייצן יאָרהונדערטער האָט דאָס באַזיגטע פֿאָלק געקעמפֿט, כּדי אַראָפּצוּוואַרפֿן פֿון זיך דעם יאָך פֿונם זיגער-פֿאָלק. אונזער געשיכטע איז די געשיכטע פֿון אָט דעם קאַמף. אין אונזערע טעג איז פֿאָרגעקומען די אַנטשיידענע שלאַכט. די שלאַכט רופֿט זיך: רעוואָלוציע". דער רעזולטאַט פֿון דער רעוואָלוציע איז אַ קלאָרער. דאָס פֿאָלק, וואָס איז געווען אַמאָל באַזיגט, איז געוואָרן דער זיגער; איצט האָט דאָס פֿאָלק דעראָבערט פֿראַנקרייך. די באַרימטע „דעקלאַראַציע פֿון מענטשן-רעכט" האָט, לויט גיזאָס מיינונג, נאָר סאַנקציאָנירט דעמדאָזיקן אומצווייפֿלהאַפֿטן פֿ אַ ק ט, און האָט אים דערקלערט אַלס ר ע כ ט.

די רעפּרעזענטאַטיווע אָרדענונג האָט געזאָלט זיין די גאַראַנטיע פֿון דעמדאָזיקן נייעם רעכט. די דיסקוסיעס, וואָס האָבן זיך געפֿירט אין דער דעפּוטאַטן-קאַמער, האָבן געקאָנט אויסזען משונהדיק און אומבאַגרייפֿלעך נאָר פֿאַר דעם, ווער ס'האָט זיי באַטראַכט ריין טעאָרעטיש, נישט פֿאַרבינדנדיק זיי מיט די אומשטענדן, וואָס האָבן זיי אַרויסגערופֿן. אינדעראמתן האָבן זיך די דיסקוסיעס געפֿירט „צווישן גלייכהייט און פּריווילעגירטקייט, צווישן מיטעלן קלאַס און דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע". די אַלטע אָרדענונג און דאָס נייע פֿראַנקרייך פֿירן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. יעדער געדאַנק וועגן אַ שלום-אויסגלייך צווישן זיי איז אַ חלום.

מיר ווייסן שוין, אַז גיזאָ האָט פֿאַרשטאַנען די אורזאַכלעכע פֿאַרבינדונג צווישן געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטענישן פֿון איין זייט און גייסטיקע שטרעמונגען פֿון דער אַנדערער זייט. די פּאָליטישע פּאָלעמיק האָט אים געגעבן אַן איבעריק מאָל די געלעגנהייט זיך אַרויסצוזאָגן מכּוח דער פֿראַגע. ער דערקלערט, אַז „אידייען, לערעס און טאַקע אויך קאָנסטיטוציעס" הענגען-אָפּ פֿון די באַדינגונגען, און ווערן אָנגענומען דורך די פֿעלקער נאָר דאַן, ווען זיי זענען אַ געווער און אַ באַוואָרענונג פֿאַר זייערע אינטערעסן. די געשיכטע פֿון דער ענגלישער קאָנסטיטוציע, — זאָגט ער, — ווייזט באַזונדערס בולט, „ווי ווייט די באַדינגונגען הערשן איבער די כּלומרשטע טעאָריעס פֿון דער רעפּרעזענטאַטיווער שיטה". מיר זעען די געביידע פֿון דער

ענגלישער קאָנסטיטוציע און פאַרגעסן זיך, ווי זי איז געבוירט געוואָרן. „מיר פאַרשרייבן די פראָגרעסיווע אַנטוויקלונג אויף דער קאָנטע פון מענטשלעכער קלוגשאַפט, בעת אינדעראמתן איז זי געווען אַ פּראָדוקט נאָר פון דער נויטווענדיקייט". די טעאָרע-טיקער פון דער רעוואָלוציע האָבן אַ טעות געהאַט, אָדער געזאָגט נישט אמת, בעת זיי האָבן פּראָקלאַמירט די זעלבסטהערשאַפט פון פאָלק. אינדעראמתן האָט זיך געהאַנדלט נישט וועגן זעלבסטהערשאַפט פון גאַנצן פאָלק, נאָר וועגן נצחון פון איין טייל פאָלק איבערן צווייטן. אַזוי ווי אויף דער זייט פון דריטן שטאַנד איז געווען אַ גרויסע צאָליקע איבערוואָג, איז דעריבער אַנטשטאַנען די טעאָריע וועגן פאָלקס-הערשאַפט. דידאָזיקע טעאָריע איז דאַן נויטיק געווען, וואָרים די געוואַלט נויטיקט זיך אין אַ שיטה: „מענטשן מוזן דורכאויס טראַכטן און באַווייזן פאַר אַנדערע, אַז זיי זענען גערעכט".

די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן האָבן תּמיד זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז כּדי צו דערגרייכן זייער ציל, דאַרפן זיי פאַרכאַפן די מאַכט און אויסנוצן זי לויט זייערע אינטערעסן. דער מיטל-קלאַס פון זיין זייט דאַרף געדענקען, אַז ער דאַרף נישט צעשטערן די מאַכט, נאָר באַהערשן זי.

די רעפּרעזענטאַטיווע אָרגאַנען עקזיסטירן צוליב דעם, זיי זאָלן אין זיך קאָנצענטרירן און אויסדריקן די געזעלשאַפטלעכע נויטן און פאַרלאַנגען, און אויך כּדי צו באַקליידן מיט מאַכט די, וואָס קאָנען פאַרשטיין און באַפרידיקן דידאָזיקע פאַרלאַנגען און נויטן. זעלבספאַרשטענדלעך, אַז גיזאָ האַלט, אַז אַזאַ קענטעניש פאַרמאָגן נאָר די פאַרשטייער פון „מיטעלן קלאַס", און דעריבער דאַרף, לויט זיין מיינונג, די מאַכט אויך געהערן דווקא אָט דעם קלאַס און נישט דער אַרבעטער-מאַסע (ער רופט זי — Population extérieure דרויסנדיקע באַפעלקערונג). מען דאַרף טאַקע אָנערקענען און באַשיצן די רעכט פון אָט דער מאַסע, אָבער אויב זי זאָל זיך דערקלייבן צו דער מאַכט, קאָן זי אומברענגען אי זיך, אי די גאַנצע מלוכה!

דעמזעלבן בליק אויף די געשאַפענע דורך דער

בורזשואַזיע רעפּרעזענטאַטיווע אָרגאַנען האָבן אַרויסגעזאָגט מאַרקס און ענגעלס, בעת זיי האָבן געשריבן אין מאַניפעסט, אַז די היינטיקע מלוכה-מאַכט איז נישט מער ווי אַ קאָמיטעט, וואָס ווערט געוויילט אויף צו פאַרוואַלטן מיט די געזעלשאַפטלעכע ענינים פון דער בורזשואַזיע, אָבער זיי האָבן אָט דעם פאַקט אָפּגעשאַצט שוין נישט פון שטאַנדפּונקט פון מיטל-קלאַס; נאָר דווקא פון שטאַנדפּונקט פון יענער „דרויסנדיקער באַפעלקערונג" (Population extérieure), וואָס גיזאָ האָט אָן שרעק אַ קלער-טון נישט געקאָנט וועגן איר הערשאַפט.

נאָר ווי ס'זאָל נישט זיין, איז קיין שום ספק נישט, אַז גיזאָ האָט זייער גוט פאַרשטאַנען דעם קלאַסן-כאַראַקטער פון די סאָציאַל-פּאָליטישע שטרעבונגען, וועלכע ער פאַרטרעט און פאַרטיידיקט. אַז די אָנהענגער פון אַלטן סדר האָבן אים אָנגעהויבן באַשולדיקן, אַז מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע פון קלאַסן-קאַמף רייצט ער אויף די שלעכטע אינסטינקטן, האָט ער געענטפערט, אַז געוואָלט האָט ער בלויז רעזומירן די געשיכטע פון פראַנקרייך. זי איז פול מיטן קאַמף פון די שטאַנדן, אָדער ריכטיקער זי איז *געמאַכט דורך אָט דעם קאַמף*. „דאָס האָט מען געוווּסט און געזאָגט נאָך אַ סך יאָרהונדערטער פאַר דער רעוואָלוציע. דאָס האָט מען געוווּסט און געזאָגט אין 1789. דאָס האָט מען געוווּסט און געזאָגט מיט דריי חדשים צוריק *). איך מיין, אַז אויך איצט געדענקען וועגן דעם אַלע, כאָטש מען וואַרפט מיר פאָר „אַז דאָס האָב איך עס אַרויסגעזאָגט. פאַקטן איז מען נישט מבטל, ווען עס גליסט זיך, צוליב באַקוועמלעכקייט וועגן פון די מיניסטעריומס און פאַרטייען... וואָס וואָלטן געזאָגט יענע אַלע מוטיקע בורזשואַ, וועלכע מען האָט געשיקט אין די גענעראַל-שטאַטן אויף צו פאַרטיידיקן און אויסקעמפן רעכט פאַרן דריטן שטאַנד, ווען זיי זאָלן איצט אויפשטיין תחית-המתים און דערהערן, אַז דער אַדל האָט גאָר קיינמאָל נישט מלחמה געהאַלטן מיטן דריטן שטאַנד, אַז ער האָט נישט דערפילט קיין אומרו, בעת דער דריטער שטאַנד איז

*) געשריבן אין יאָר 1820.

אויפגעקומען, און נישט אויפגערעגט זיך, זעענדיק ווי ער וואַקסט, אַז ער האָט גאָרנישט געשטערט זיינע סאָציאַלע און פּאָליטישע דערפאָלגן?... איר, דעגענערירטע אייניקלעך פון אַ ראַסע, וואָס האָט אַמאָל געהערשט איבער אַ גרויס לאַנד און האָט געמאַכט ציטערן מלכים — זאָגט איר זיך אָפּ פון אייערע אבות און פון אייער געשיכטע! איר אָנערקענט אייער ירידה און דערפאַר פּראָטעסטירט איר קעגן אייער אַמאָליקער גרויסקייט!" רעדנדיק וועגן קלאַסן-קאַמף, האָט גיזאָ כּלל נישט געמיינט צו זאָגן עפּעס נייעס: קאַמף צווישן קלאַסן איז נישט קיין טעאָריע און נישט קיין היפּאָטעזע; עס איז דער סאַמע פּשוטסטער פאַקט. „און איך חזר איבער, — רופט-אויס גיזאָ, — אַז נישט נאָר ס'איז נישט קיין שום פאַרדינסט מצד די, וועלכע זעען אָט דעם פאַקט, נאָר ס'איז כּמעט לעכערלעך אים אָפּצולייקענען". גיזאָ שעמט זיך, וואָס אים, דעם בורזשואַ, קומט-אויס צו געבן דעם אַדל לעקציעס פון דער פראַנצויזישער געשיכטע און אים באַווייזן, אַז ער „איז געוואָרן צו עניוותדיק אין זיינע דערינערונגען". און אויף די באַשולדיקונגען, אַז ער רייצט די ליידנשאַפטן און שפּרייט שפּאַלטונג צווישן די בירגער, ענטפערט ער: „וואָס הייסט! צי דאַרפן מיר די געשיכטע פאַרגעסן נאָר דערפאַר, וואָס אירע אויספירן האָבן זיך אַרויסגעוויזן נישט גינסטיק פאַר אייך?"

דידאָזיקע ציטאַטעס כאַראַקטעריזירן גאַנץ גענוג די דעמאָלטיקע קאַמף-שטימונג פון גיזאָ. כּדי נאָך מער דערגאַנצן אָט די כאַראַקטעריסטיק, וועלן מיר נאָך ברענגען דעם עפּיגראַף פון דעם פריער ציטירטן ווערק. גענומען איז דער עפּיגראַף פון פּאַסקאַלס „Pensées" און לויטעט: „ס'איז אָנגענעם צו געפינען זיך אויף אַ שיף בעת אַ שטורעם, אויב דו ווייסט, אַז דו וועסט נישט אומקומען".

דער קלאַסן-באַוווסטזיין פון דער בורזשואַזיע טרעט דאָ אַרויס אַזוי בולט, אַז ווייטערדיקע ציטאַטעס זענען באמת איבעריק. מיר וועלן דעריבער נישט רעדן דאָ וועגן אַרמאַן קאַרעלס בוך „די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע אין ענגלאַנד" (פּאַריז 1827), און נישט וועגן די ווערק פון אַלעקסיס טאָקוויל, וואָס געהערן

שוין צו אַ שפּעטערדיקער צייט. מיר האַלטן פאַר פולשטענדיק פעסטגעשטעלט, אַז שוין אין דער צייט פון דער רעסטאַווראַציע האָבן סען סימאָן און פיל אַנדערע געלערנטע פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע געהאַלטן, אַז קלאַסן-קאַמף איז דער הויפּט-באַוועגער פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון די פעלקער פון דער נייער צייט.

.6

פאַר דער צייט פון דער רעסטאַווראַציע האָט די פראַנצויזישע בורזשואַזיע איבערגעלעבט נישט איין שטורעם. נאָר אויפגעמונטערט דורך די גרויסע נצחונות, וואָס זי האָט נישט לאַנג צוריק אָפּגעהאַלטן איבער דער אַריסטאָקראַטיע, האָט זי געגלויבט, אַז ס'איז נישטאָ קיין כּוח, וואָס זאָל קאָנען אָפּשטעלן איר הערשאַפט, און האָט מיט בטחון געקוקט אויף דער צוקונפט, האַלטנדיק, אַז ס'איז זייער אָנגענעם צו געפינען זיך אויף דער שיף, בעת די ווייסט, אַז דו וועסט נישט אומקומען. דעמאָלט האָט זי נישט מורא געהאַט צו רעדן וועגן קלאַסן-קאַמף, און האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק צו פאַרגעסן די געשיכטע פון איר אייגענעם קלאַסן-קאַמף, כּדי צוליב טון דער דעגענערירטער אַריסטאָקראַטיע. אָבער אַך! אַלץ פליסט, אַלץ בייט זיך. ס'איז אַוועק אַ צוויי-דריי צענטליק יאָר, און די בורזשואַזיע איז געוואָרן געצוווּנגען אַ קוק צו טון אויפן קלאַסן-קאַמף פון אַן אַנדערן שטאַנדפונקט. דער אַרבעטער-קלאַס — די דרויסנדיקע באַפעלקערונג, ווי גיזאָ האָט זיך אויסגעדריקט — האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן דער קלאַסן-הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. און באַלד האָט זיך ראַדיקאַל געביטן די שטימונג פון דער בורזשואַזיע: פון אַ רעוואָלוציאָנערער איז זי איצט געוואָרן אַ קאָנסערוואַטיווע. דאָס 48-סטע יאָר איז געווען אַ שרעקלעכע לעקציע פאַר דער בורזשואַזיע. ווי גוט זי האָט תּופס געווען די לעקציע, זעט מען דערפון, וואָס פון יענער צייט אָן האָבן אירע טעאָרעטיקער

גענומען פריידיקן „סאָציאַלן פרידן”. דערזעלבער גיזאָ, וועלכער האָט שטענדיק מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט זיך באַצויגן צו דער לאַגע פונם „מיטל-קלאַס” און צו זיינע נויטן — ער האָט שוין אין יאַנואַר 1849 אַרויסגעגעבן אַ בראָשור, „De la Dèmocratie” וו ער באַזינגט דעם סאָציאַלן פרידן, אַז ער פירט „צו פרייהייט, זיכערקייט, וווילשטאַנד און ווערדע”. אין צו אַלע אַנדערע „מאַטעריעלע און גייסטיקע גיטער” אין 1849 האָט גיזאָ אויך געדענקט, אַז די סאָציאַלע מלחמה האָט געמאַכט די געשיכטע — פון פראַנקרייך; נאָר איצטער קומט אים שוין דידאָזיקע מלחמה פאָר נישט אַלס טרייב-קראַפט פון פראָגרעס, נאָר פאַרקערט, ווי עפּעס אַ פּאַנדאָר-קאַסטן, פון וועלכן עס שיטן זיך די ערגסטע צרות אויף זיין לאַנד. „דער קאַמף צווישן די פאַרשידענע קלאַסן פון אונזער געזעלשאַפט פילט-אויס מיט זיך אונזער געשיכטע”, — חזרט ער איבער. „די רעוואָלוציע פון 1789 איז געווען דער סאַמע אַלגעמיינער און סאַמע מעכטיקסטער אויסדרוק פון אָט דעם קאַמף. אַדל און דריטער שטאַנד, אַריסטאָקראַטיע און דעמאָקראַטיע, בורזשואַזיע און אַרבעטער, אייגנטימער און פראָ-לעטאַריער — דאָס זענען אַלץ פאַרשידענע פאָרמען און פאַרשידענע פאַזעס פון דעם סאָציאַלן קאַמף, פון וועלכן מיר ליידן אַזוי לאַנג... דאָס איז אַ פּלאָג, אַ חרפה, אומווירדיק פאַר אונזער צייט. אינערלעכער פרידן, שלום צווישן די פאַרשידענע קלאַסן בירגער, סאָציאַלער שלום! דאָס איז די וויכטיקסטע נויט פון פראַנקרייך, דאָס איז דאָס געשריי וועגן רעטונג!”

דער כאַראַקטעריסטישער סימן פון דער פראַנצויזישער געשיכטע נאָכן יאָר 1789 איז די הערשאַפט פון די מיטעלע קלאַסן. גיזאָ ווייזט דאָס אָן, און זינגט דערביי אַ גאַנצן הלל דער בורזשואַזיע. אָבער ער זעט גאַנץ קלאָר, אַז איר הערשאַפט דראָט אַ שרעקלעכע געפאַר. „איצט איז אויף דער אַרענע אַרויס אַ נייער קעמפער. דער דעמאָקראַטישער עלעמענט האָט זיך צע-גלידערט. קעגן די מיטעלע קלאַסן טרעטן-אַרויס די אַרבעטנדיקע קלאַסן, קעגן דער בורזשואַזיע — דער פּראָלעטאַריאַט. און די-דאָזיקע נייע מלחמה פירט זיך אויך אויף לעבן און טויט, ווייל

דער נייער פּרעטענדענט איז אויך אַזוי באַזונדער-אַרטיק, ווי אַלע אַנדערע".

דער פּראָלעטאַריאַט דראָט צו פאַרניכטן די הערשאַפט פון די „מיטעלע קלאַסן". האָבן די „מיטעלע קלאַסן" מורא פאַרן פּראָלעטאַריאַט, און דעריבער פריידיקן זייערע טעאָרעטיקער שלום. אָבער אַ פעסטער שלום קאָן געמאָלט זיין נאָר דאַן, ווען דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אויפהערן צו באַשטרייטן דאָס רעכט פון דער בורזשואַזיע אויף עקזיסטענץ. גיזאָ פאַרשטייט דאָס זייער גוט. ער וויל שוין איצט דערווייזן, אַז אַלע קלאַסן, וואָס זענען פאַראַן אין פראַנקרייך, זענען „נאַטירלעכע, טיפע עלעמענטן פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט". און ער מיינט, אַז ווען אַלע קעמפנדיקע צדדים זאָלן איינזען די גערעכטיקייט פון אָט דעם געדאַנק, וואָלט דאָס געווען אַ גרויסער שריט פאָרויס אויפן וועג צו סאָציאַלן פרידן. און ווירקלעך, אויב דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אָנערקענען די גערעכטיקייט פון אָט דעם געדאַנק, וואָלט ער דאָך דערמיט גופא אָנערקענט אויך די נאַטירלעכקייט פון זיין קנעכטישער לאַגע. און גראָד דאָס האָט ער טאַקע באַדאַרפט, דער איבערגעשראָקענער אידעאָלאָג פון דער בורזשואַזיע.

נישט איין גיזאָ האָט געפּריידיקט סאָציאַלן פרידן, און נישט איין גיזאָ האָט געביטן זיין באַציִונג צום קלאַסן-קאַמף, נאָכדעם ווי אויף דער אַרענע האָט זיך באַוויזן דער „נייער קעמפער". מיר ווייסן שוין, ווי מיניע האָט זיך באַצויגן צו די „אַוואַנטורעס" פון דער פּאַריזער קאָמונע. וואָס איז שייך טיערי, איז פאַר זיין שטימונג נאָכן יאָר 1848 כאַראַקטעריסטיש זיין הקדמה צום „Essai sur l'histoire du Tiers-Etat" (1853). די געשיכטע פונם דריטן שטאַנד איז געווען די געשיכטע פון דער סאָציאַלער מלחמה צווישן מיטל-קלאַס און דער אַריסטאָקראַטיע. טיערי איז, ווי מיר ווייסן, געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט אויפן קלאַסן-כאַראַקטער פון אָט דער מלחמה. לייקענען אָט דעם כאַראַקטער וואָלט געהייסן אָפּנעמען ביי דער געשיכטע פון דריטן שטאַנד די גאַנצע באַדייטונג אירע.

אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט טיערי אין 1853 נישט געקאָנט שוין רעדן וועגן קלאַסן-קאַמף אָן ערנסטע באַוואָרענישן. און ער מאַכט טאַקע באַוואָרענישן. ער באַטאָנט, אַז דער קלאַסן-קאַמף, מיט וועלכן זיין בוך פאַרנעמט זיך, האָט נישט קיין שום שייכות מיטן קלאַסן-קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע. דער קאַמף, וועלכן ער באַשרייבט, האָט געהאַט די בעסטע פאָלגן און האָט זיך געפירט גאַנצע יאָרהונדערטער, בעת דער קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע האָט זיך אָנגעהויבן „נעכטן ערשט און צעשטערט אינגאַנצן די געזעלשאַפט-לעכע זיכערקייט". דער קלאַסן-אינטערעס פונם פּראָלעטאַריאַט זעט אים אויס שמאָל, פאַרקערט, דער קלאַסן-אינטערעס פונם דריטן שטאַנד איז, ווי ער מיינט, זייער אַ ברייטער, ווייל דער דריטער שטאַנד האָט אַרומגענומען די גאַנצע נאַציע, אַ חוץ בלויז דעם אַדל און דעם קלער.

דערדאָזיקער געדאַנקען-גאַנג איז זייער כאַראַקטעריסטיש אין פּסיכאָלאָגישער הינזיכט, הגם — ווי מיר וועלן זען ווייטער — די אָנהענגער פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע האָבן לייכט געקאָנט אָפּווענדן טיעריס געדאַנקען מיט זיינע אייגענע אַרגומענטן טאַקע.

די וויסנשאַפטלעכע איבערצייגונג אין דער היסטאָרישער וויכטיקייט פון קלאַסן-קאַמף איז אָבער געווען אַזוי שטאַרק ביי די פראַנצויזישע היסטאָריקער פון דער רעסטאַווראַציע-צייט, אַז ווי נאָר ס'איז אַריבער די שרעק פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג מצד דעם פּראָלעטאַריאַט, אַזוי האָבן זיי באַלד ווידער גערעדט אויף זייער פריערדיקן לשון. אַלס ביישפּיל, וועלן מיר ווידער נעמען גיזאָ.

אין 1858 האָט ער אַרויסגעגעבן זיינע „זכרונות"; אין ערשטן באַנד רעדט זיך פונקט וועגן יענער צייט, ווען ער האָט מיט יוגנט-ענטוזיאַזם געפריידיקט קלאַסן-קאַמף פון מיטל-קלאַס קעגן דער אַריסטאָקראַטיע. בעת גיזאָ דערמאָנט זיין בראָשור „Du Gouvernement de la France", וועלכע איז, ווי מיר ווייסן, געווען אַ הייסער רוף צו אַזאַ קאַמף, איז ער זיך מודה,

אַז איצט, אין 36 יאָר אַרום, אַז ער האָט זי אַדורכגעלייענט, האָט ער אַרויסגעטראָגן אַזאַ איינדרוק: „באַטראַכטנדיק די זאַכן אין תוך-אַריין און ווי זיי זענען פאַר זיך, אַלס היסטאָריקער און אַלס פילאָזאָף, זע איך נישט אין מיין בראָשור קיין שום זאַך, וואָס איך זאָל באַדאַרפן נעמען צוריק. איך טראַכט ווייטער, אַז די אַרויסגעזאָגטע אין איר אַלגעמיינע אידייען זענען גערעכטע, די גרויסע סאָציאַלע פאַקטן זענען אָפּגעשאַצט ריכטיק, די פּאָליטישע טוער זענען גוט פאַרשטאַנען און ריכטיק געשילדערט... נאָר... איך האָב דאַן צו-פיל פאַרלאַנגט פון מענטשן“.

די ווּיסנשאַפטלעכע געוויסנהאַפטיקייט האָט גובר געווען די שרעק פאַרן „נייעם קעמפער“, און דער גרייזגרויער טעאָרעטיקער פון דער בורזשואַזיע קוקט שוין נישט מער אויפן קלאַסן-קאַמף, ווי אויפן אומגליק און חרפּה פון פראַנקרייך. ער געפינט, אַז די סאָציאַלע פאַקטן זענען אין דער בראָשור „Du Gouvernement“ ריכטיק אָפּגעשאַצט, און דאָס הייסט, אַז די סאָציאַלע מלחמה — קלאַסן-קאַמף — האָט געמאַכט די געשיכטע פון פראַנקרייך. גיזאָ האָט דאָ בלי-ספק אַרויסגעוויזן אַ סך מער אַכטונג צום ווּיסנשאַפטלעכן אמת, איידער די אַלע היינטיקע „געלערטע“, וועלכע היטן זיך אויס אַ וואָרט צו דערמאָנען וועגן קלאַסן-קאַמף, פּונקט ווי די קריסטן, וואָס דאַרפן, לויט דער עצה פון אַפּאָסטאָל פּוילוס, אויסמיידן יעדן געשפּרעך וועגן די „מיאוסקייטן“, וואָס זענען פאַרוּוערט דורכן זיבעטן געבאָט.

אַלזאָ, ס'איז געווען אַ צייט, ווען די בורזשואַזיע האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די היסטאָרישע ראָל פון קלאַסן-קאַמף. אויב איצט פאַרשטייט זי מער נישט אָט די ראָל, אָדער זי מאַכט זיך נישט פאַרשטייענדיק, אויב זי פּריידיקט איצט „סאָציאַלן פרידן“, דערקלערט זיך דאָס זייער גוט מיט דער ווייטערדיקער געשיכטע פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, מיט דער שרעק פאַרן „נייעם קעמפער“. און אויב די טעאָרעטיקער פון דער בורזשואַזיע שרייבן זיך איצט אַזוי ברייט פאַנאַנדער אויף דער טעמע וועגן „סאָציאַלן שלום“ און האַלטן די פּראָפּאַגאַנדע פון קלאַסן-קאַמף פאַר אַ שווערן חטא מצד דער סאָציאַל-

דעמאָקראַטיע, קאָנען די סאָציאַל-דעמאָקראַטן זיי ענטפערן, פונקט ווי גיזאָ פלעגט ענטפערן די טעאָרעטיקער פון דער אַריסטאָקראַטיע: „איר, דעגענערירטע אייניקלעך פון אַ קלאַס, וואָס האָט אַמאָל אומבאַגרענעצט געהערשט איבער דער ציוויליזירטער וועלט און געמאַכט ציטערן מלכים — איר זאָגט זיך איצט אָפּ פון אייערע אבות און פון אייער געשיכטע!" און פונקט ווי גיזאָ, מעגן מיר מיט אַ שמייכל זיך וווּנדערן, וואָס אונזערע קעגנער זענען געוואָרן אַזוי עניוותדיק אין זייערע דערינערונגען, און וועגן זיי פרעגן מיט איראָניע: „שוין-זשע דאַרפן מיר פאַרגעסן די געשיכטע, נאָר דערפאַר וואָס אירע אויספירן האָבן זיך אַרויסגעוויזן נישט גינסטיק פאַר אייך"?

.7

היינט קאָן נישט דער סאָציאַליזם נישט שטיין אויפן שטאַנדפונקט פון קלאַסן-קאַמף. אָבער נישט תמיד זענען סאָציאַליסטן געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפונקט. ביז וואַנען דער סאָציאַליזם האָט זיך נאָך געפונען אין קינדערשן פעריאָד פון זיין אַנטוויקלונג, זענען זיינע אָנהענגער אויך גרייט געווען צו באַדויערן דעם קלאַסן-קאַמף, אַלס אַ צרה און אַ חרפה פאַר דער מענטשהייט. די פריער-געבראַכטע בליקן פון סען סימאָן זענען דאָס אַזוי ווי סותר. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז סען סימאָן רעדט כסדר וועגן קאַמף פון די אינדוסטריעלער קעגן די פעאָדאַלן, און נישט וועגן קאַמף פון פראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע. דער פראָלעטאַריאַט עקזיסטירט נישט פאַר סען סימאָנען, אַלס קלאַס, וואָס קאָן שפילן עפּעס אַ ראָל אין דער געשיכטע. אין זיינע „זשענעווער בריוו" זאָגט ער צו די „אומפאַרמעגלעכע", אַז פאַרכאַפּנדיק די מאַכט בעת דער רעוואָלוציע, האָבן זיי נאָר געקאָנט אַ הונגער באַשאַפן. און אין זיין „אינדוסטריעלער סיסטעם", ווען ער וויל ווירקן אויף דער בורזשואַזיע, זי זאָל אָננעמען זיינע אָנשויוּנגען, שרעקט ער זי מיטן אַרבעטער-קלאַס, צווישן וועלכן די אידייען פון

גלייכהייט (פון „טערקישער גלייכהייט”, ווי ער דריקט זיך אויס) קאָנען, לויט זיין מיינונג, באַקומען אַ ברייטע, אָבער אַ שעדלעכע פאַר דער ציוויליזאַציע באַדייטונג. בורזשואַ-אונטערנעמער זענען אין סען סימאָנס אויגן געווען די נאַטירלעכע פירער פון די אַרבעטער. מאַרקס און ענגעלס זאָגן מיט רעכט, אַז די שאַפער פון די אוטאָפישע סיסטעמען „האָבן שוין געזען דעם אַנטאַגאָניזם צווישן קלאַסן, ווי אויך די ווירקונג פון די צעשטערנדיקע עלעמענטן אין דער הערשנדיקער געזעלשאַפט גופא. נאָר זיי האָבן נישט געזען קיין שום היסטאָרישע זעלבסטעטיקייט ביים פּראָלעטאַריאַט, קיין שום ספּעציעל אים אייגנטימלעכע פּאָליטישע באַוועגונג”. אין הסכּם דערמיט, האָבן זיך די סאָציאַליסטן-אוטאָפּיסטן געווענדעט נישט צום פּראָלעטאַריאַט, נאָר צו דער גאַנצער געזעלשאַפט פון זייער צייט. אַזוי למשל, האָט ז. פּערֶיר אין זיינע לעקציעס וועגן אינדוסטריע (געלייענט אין פאַריזער „אַטענעום” אין 1831), קאַטעגאָריש דערקלערט אין נאָמען פון די סען סימאָניסטן, אַז ווי „מענטשן פון פּראָגרעס”, ווילן זיי ראַטעווען די גאַנצע מענטשהייט, און „נישט דאָס אָדער אַנדער פאָלק, דעם אָדער אַנדערן קלאַס”. דאָסגלייכן האָבן די פוריעריסטן געהאַלטן, אַז איינע פון די הויפּט-מעלות פון זייער לערערס שיטה איז דאָס, וואָס זי האָט נישט אויסגעדריקט דעם קאַמף פון די „קעגנזעצלעכע אינטערעסן אין דער געזעלשאַפט”. און לאָמיר נאָך לסוף אָנווייזן אויף לואי בלאַנען, וועלכער האָט אין יאַנואַר 1845 געשריבן אינם אַריינפיר צו זיין באַרימטער בראָשור: „Organisation du Travail“ „אין דעמדאָזיקן בוך ווענד איך מיך צו אייך, רייכע, ווייל אין אים רעדט זיך וועגן די אָרימע. וואָרים זייער זאַך איז אייער זאַך”.

אָט די בליקן פון די סאָציאַליסטן-אוטאָפּיסטן זענען סיי טעאָרעטיש, סיי פּראַקטיש אַ גוואַלטיקער שריט צוריק אין פאַרגלייך מיט די פריער-רעפערירטע בליקן פון די אידעאָלאָגן פון דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע, און זיי נעמען זיך דערפון, וואָס דער קאַפּיטאַליזם איז נאָך דעמאָלט געווען שוואַך אַנטוויקלט. דידאָזיקע בליקן האָבן, נאַטירלעך, שלעכט געווירקט אויף

דער אַנטוויקלונג פונם קלאַסן-באַוווסטזיין ביי די אַרבעטער. אָבער זיי האָבן נישט אָפּגעשטעלט און נישט געקאָנט אָפּשטעלן זיין אַנטוויקלונג. מיטן וווּקס פונם קאַפּיטאַליזם איז געוואָקסן די צאָל פונם פּראָלעטאַריאַט און אויך זיין גייסטיקע דערוואַכונג. שוין אין אָקטאָבער 1836 האָט דער „אַרבעטער-פאַרבאַנד", וואָס האָט עקזיסטירט אין לאָנדאָן, אָנגענומען אַ סטאַטוט, וועלכער רעדט גאַנץ אומצווייידייטיק וועגן דעם, אַז דער אַרבעטער-קלאַס מוז איינרייסן מיט די פּאַרטייען פון די הערשנדיקע קלאַסן. און אין פראַנקרייך ווערבירן זיך דאַן די מיטגלידער פון די גע-היימע רעוואָלוציאָנערע חברות מערסטנטייל צווישן אַרבעטער-קלאַס. וואָס פאַרא אידייען עס האָבן זיך פאַרשפּרייט צווישן די מיטגלידער פון אָט די חברות, קאָן מען זען פון פאָלגנדיקן פראַגמענט פון אַ דיאַלאָג, וואָס קומט-פאָר ביים אָננעמען נייע מיטגלידער אין דער קאָמוניסטישער חברה „די צייטן פון יאָר":

פ ר אַ ג ע: פון וועמען באַשטייט איצט די אַריסטאָקראַטיע?

ע נ ט פ ע ר: די יחוס-אַריסטאָקראַטיע איז פאַרניכטעט גע-וואָרן אין יולי 1830; איצט זענען אַריסטאָקראַטן די גבירים, און זיי זענען פונקט אַזאַ גיריקע אַריסטאָקראַטיע, ווי די אַלטע.

פ ר אַ ג ע: צי קאָן מען זיך באַגנוגענען מיט אַראָפּ-וואַרפן די רעגירונג?

ע נ ט פ ע ר: מען דאַרף פאַרניכטן אַלע אַריסטאָקראַטן און אַלע פּריווילעגיעס, אַנדערש וועט גאָרנישט אַרויסקומען.

פ ר אַ ג ע: צי געהערען צום פאָלק די, וואָס האָבן, ווי די אַריסטאָקראַטן, רעכט, הגם זיי פילן נישט אויס קיינע פליכטן?

ע נ ט פ ע ר: אינדערואמתן, דאַרפן זיי נישט געהערן צום פאָלק. זיי זענען פאַרן געזעלשאַפטלעכן קערפּער דאָסזעלבע, וואָס אַ געשוויר פאַרן קערפּער פון אַן איינציקן מענטשן. דער ערשטער תנאי אויף געזונט צו ווערן איז באַזייטיקן דעם גע-שוויר. דער ערשטער תנאי אויף אומקערן דעם געזעלשאַפטלעכן קערפּער צו אַ גערעכטן צושטאַנד איז באַזייטיקן די אַריסטאָקראַטיע", א. אַ. וו.

פון אונזער שטאַנדפּונקט הייגט, האָבן די פּראַקטישע

פּראָגראַמען פון די דעמאָלטיקע קאָמוניסטן-פאַרשווערער נאָך וויינִיקער געטויגט, ווי זייערע טעאָרעטישע אָנשויונגען. אָבער איין זאַך טייל̄ט זיי אויס צו גוטן פון די סאָציאַליסטן-אוטאָפּיסטן — דאָס איז זייער פעסטע איבערצייגונג, אַז די באַפרייונג פונם אַרבעטער-קלאַס (פון „פאָלק״) קאָן נישט געמאָלט זיין אָן אַ קאַמף מיט די העכערע קלאַסן (מיט דער „אַריסטאָקראַטיע״). געוויס, דער קאַמף פון אַ הייפל מענטשן, וואָס מאַכן אַ פאַרשווערונג אין נאָמען פון די פאָלקס-אינטערעסן, קאָן בשום-אופן נישט אָנגערופן ווערן קלאַסן-קאַמף. נאָר אַז דער הויפּט-קאָנטיגענט פאַרשווערער באַשטייט פון אַרבעטער, איז די פאַרשווערונג אַ התחלה פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס. און דער קוק פון דער געזעלשאַפט „די צייטן פון יאָר״ אויף דער „אַריסטאָקראַטיע״ זאָגט עדות אויף אַן ענגער געבעטישער שייכות צווישן די אידייען פון די דעמאָלטיקע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן-קאָמוניסטן מיט די אידייען פון די בורזשואַזע רעוואָלוציאָנערן פון 18-טן יאָרהונדערט און פון דער ליבעראַלע אָפּאָזיציע פון דער רעסטאַוראַציע-צייט. מיר האָבן געזען, ווי טיערי האָט געהאַלטן דעם קלאַסן-אינטערעס פונם פּראָלעטאַריאַט פאַר שמאָל און דעם אינטערעס פון דריטן שטאַנד פאַר ברייט, ווייל דערדאָזיקער שטאַנד האָט אַרומגענומען די גאַנצע נאַציע, אַ חוץ דער אַריסטאָקראַטיע. די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן-קאָמוניסטן זענען אויך, אַזוי ווי טיערי, אַרויסגעגאַנגען פון דעם באַוווּסטזיין, אַז מען מוז פירן אַ קאַמף מיט דער אַריסטאָקראַטיע, צוליב די אינטערעסן פון דער גאַנצער איבעריקער געזעלשאַפט. זיי האָבן אָבער מיט רעכט אָנגעוויזן דערויף, אַז די יחוס-אַריסטאָקראַטיע האָט איצט אָפּגעטראָטן איר אָרט דער געלט-אַריסטאָקראַטיע, און דעריבער דאַרף מען דעם קאַמף פאַר ברייטע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן פירן שוין נישט קעגן אַדל, נאָר קעגן דער בורזשואַזיע. קלאָר, אַז די לאָגיק איז געווען אויף זייער זייט און זיי האָבן געהאַט דאָס פולע רעכט צו מאַכן פאָרווורפן זייערע בורזשואַזע קעגנער.

וואָס מער ס'איז געוואָקסן דער קעגנזאַץ צווישן די אינ-

טערעסן פון די עקספּלואַטירטע מיט די אינטערעסן פון די עקס־פּלואַטירנדיקע, אַלץ מער איז אויך געוואַקסן און שטאַרק געוואָרן דער באַוווּסטזיין, אַז עס מוז זיך פירן אַ קאַמף צווישן פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע. אָבער אין דעם באַוווּסטזיין גופא איז נאָך געווען זייער פיל אוטאָפּישע עלעמענטן. אין דער קאָמוניסטישער און סאָציאַליסטישער ליטעראַטור פון די 40־ער יאָרן האָט דער באַגריף קלאַסן־קאַמף ווייט נישט דערגרייכט צו אַזאַ קלאָרקייט, ווי למשל, ביי גיזאָ. אין דעם פּרט איז די בורזשואַזע אידעאָלאָגיע איבערגעשטיגן געוואָרן ערשט דורך מאַרקסן און ענגעלסן.

דער בליק פון מאַרקס און ענגעלס אויף דעם קאַמף צווישן קלאַסן, אויף דער ראָל פון פּאָליטיק אין אָט דעם קאַמף, און אויף דער אָפּהענגיקייט פון דער מלוכה־מאַכט פון די הערשנ־דיקע קלאַסן, פאַלט־צונויף מיט די בליקן פון גיזאָ און זיינע אידייען־חברים. דער גאַנצער אונטערשייד באַשטייט נאָר דערין, וואָס די ערשטע פאַרטיידיקן די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט, בעת די צווייטע האָבן פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. ערטערווייז אין „מאַניפעסט" רעדן מאַרקס און ענגעלס מיטן לשון פון גיזאָס פּאַמפלעטן, אָדער אויב איר ווילט, איז אייניקע פּאַמפלעטן פון גיזאָ רעדן טיילווייז מיטן לשון פון מאַרקס און ענגעלס. נאָר ביי די לעצטע איז דער באַגריף קלאַסן־קאַמף אַ באַשטאַנד־טייל פון אַ גאַנצער לאָגיש־אויסגעבויטער היסטאָרישער טעאָריע, און אין דער היסטאָרישער טעאָריע פון גיזאָ, טיערי, מיניע און אַנדערע בורזשואַזע אידעאָלאָגן פון יענער צייט איז אַן עק מיט אַן עק נישט פאַרבונדן. אָט דאָס איז די קאָלאָסאַלע מעלה פון דער „סאָציאַלער פילאָזאָפיע" פון מאַרקס און ענגעלס.

ווייטער וועלן מיר געניי אַרומרעדן אָט די מעלה. אָבער פריער מוז מען נאָך נעמען אונטער אַ קריטיק אייניקע „קריטישע" באַמערקונגען פון אייניקע קריטיקער פון מאַרקסיזם.

ס.

ה' ווערנער זאָמבאַרט זאָגט:

„בעת קאַרל מאַרקס הייבט-אָן זיין באַרימט ווערק מיט די ווערטער „די גאַנצע געשיכטע פון דער געזעלשאַפט ביזאַהער איז געווען די געשיכטע פון קאַמף צווישן קלאַסן", האָט ער דערמיט אַרויסגעזאָגט איינעם פון די גרעסטע אמתן פון אונזער יאָרהונדערט. אָבער ער האָט אַרויסגעזאָגט נישט דעם גאַנצן אמת. וואָרים ס'איז נישט ריכטיק, אַז די גאַנצע געשיכטע פון דער געזעלשאַפט באַשטייט אויסשליסלעך פון קאַמף צווישן די קלאַסן. אויב מיר ווילן בכלל אַרומכאַפּן די וועלט-געשיכטע דורך איין פאָרמולע, וועלן מיר, מיין איך, מוזן זאָגן, אַז די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט דרייט זיך אַרום צוויי קעגנזאַצן, וועלכע איך וועל אָנרופן מיט די נעמען סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער קעגנזאַץ, נעמענדיק דאָס וואָרט „נאַציאָנאַליטעט" אין סאַמע ברייטן זינען. די מענטשהייט אָרגאַניזירט זיך אין איר אַנטוויקלונג צוערשט אין געזעלשאַפטן, וועלכע פירן תחילת אַ קעגנזייטיקן קאַמף, און דערנאָך הייבט זיך אָן אין זיי אינעווייניק אַ קאַמף צווישן זייערע מיטגלידער פאַר אַ העכערן מעמד... מיר זעען אויף אַזאַ אופן פון איין זייט די שטרעבונג צו רייכטום, מאַכט און קראַפט פון גאַנצע געזעלשאַפטן, און פון דער אַנדערער זייט — די שטרעבונג פון איינצל-מיטגלידער צו דיזעלבע צילן. דאָס, שיינט מיר, זענען די צוויי קעגנזאַצן, וואָס פילן מיט זיך אויס די גאַנצע געשיכטע" *).

אַלזאָ: מאַרקס האָט געפונען אַ טייל אמת. דער קריטיש-דענקענדיקער ה' זאָמבאַרט האָט פון זיין זייט ממלא-געווען דאָס געזאָגטע דורך מאַרקסן, און איצט האָבן מיר שוין, צו אונזער גליק און פאַרגעניגן, דעם גאַנצן אמת, אַ פרייען פון עקסטרעמקייטן און גוזמאות. דאָס איז זייער אָנגענעם. אָבער ראשית, איז דער קעגנזייטיקער קאַמף פון די באַזונדערע געזעלשאַפט-מיטגלידער

*) „סאָציאַליזם און סאָציאַלע באַוועגונג אין 19-טן יאָרהונדערט".

פאַר אַ העכערן מעמד נאָך נישט קיין קלאַסן-קאַמף, ווי מען קאָן דאָס זען אויפן ביישפּיל פון די היינטיקע אונטערנעמער: זיי קעמפן צווישן זיך זייער פאַרביטערט פאַר די קונים, און דאָך זענען זיי ווייט פון יעטוועדן געדאַנק וועגן אַ קלאַסן-קאַמף מיט זייער גלייכן. און צווייטנס, וואָס איז דען אַזוינס דער „נאַציאָנאַלער קאַמף" פונם ה' זאַמבאַרט? דאָס איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער קאַמף פון באַזונדערע מלוכות צווישן זיך. פרעגט זיך: שוין-זשע האָבן מאַרקס און ענגעלס פאַרזען די היסטאָרישע באַדייטונג פון אָט דעם קאַמף? דאָס וואָלט געווען משונה. בפרט, אַז דיזעלבע מחברים אין זעלבן ווערק טאָקע רעדן אויסדריקלעך וועגן דעם, אַז די בורשואַזיע פון יעדער געגעבענער מלוכה פירט אַן אומאויפהערלעכן קאַמף מיט דער בורזשואַזיע פון אַנדערע מלוכות. וואָס-זשע הייסט דאָס? עס הייסט פּראָסט פּשוט, אַז ה' זאַמבאַרט האָט שלעכט פאַרשטאַנען דעם געדאַנק פון מאַרקס און ענגעלס.

אין וואָסער זינען געברויכט מאַרקס דאָס וואָרט „געזעלשאַפט"? אין זעלבן זינען, ווי גיזאָ האָט עס געברויכט, בעת ער האָט גערעדט וועגן דער אָפּהענגיקייט פון דער פּאָליטישער אָרדענונג פון דער געזעלשאַפטלעכער. בייביידן איז דאָס וואָרט „געזעלשאַפט" אַ פאַרקירצטע באַצייכענונג פאַר דעם, וואָס זיי רופן ציווילע געזעלשאַפט, צום אונטערשייד פון מלוכה. בעת מאַרקס און ענגעלס זאָגן, אַז די בורזשואַזיע פון יעדן לאַנד פירט אַן אומאויפהערלעכן קאַמף מיט דער בורזשואַזיע פון אַנדערע לענדער, האָבן זיי טאָקע אין זינען דעם קאַמף צווישן מלוכות, דעם צווישן-נאַציאָנאַלן קאַמף, אָדער לויט דער טערמינאָלאָגיע פון ה' זאַמבאַרט — דעם נאַציאָנאַלן קאַמף. און בעת זיי זאָגן, אַז די גאַנצע געשיכטע פון דער געזעלשאַפט ביזאַהער איז געווען אַ געשיכטע פון קלאַסן-קאַמף, האָבן זיי אין זינען די געשיכטע פון דער ציווילער געזעלשאַפט, אָדער — די אינערלעכע געשיכטע פון די מלוכות *). דידאָזיקע געשיכטע איז לויט זייער מיי-

*) פאַרגלייך הקדמה צו „Zur Kritik", ווו מען זעט קלאָר, וואָס טייטש מאַרקס גיט דעם וואָרט „געזעלשאַפט".

נונג געווען אַ געשיכטע פון קלאַסן-קאַמף, און בנוגע דערדאַ-זיקער געשיכטע איז זייער „קריטיקער" אין תּוך אויך מסכּים. קומט, הייסט עס, אויס, אַז זאַמבאַרטס אויסבעסערונג איז נישט מער ווי אַ מיספאַרשטייעניש.

* *

*

בענעדעטאָ קראָטשע געפינט, אַז דער באַגריף גופא „קלאַסן-קאַמף" איז נישט קלאָר. „איך בין גרייט צו זאָגן, — שרייבט ער, — אַז די געשיכטע איז אַ קאַמף פון קלאַסן: 1) בעת ס'זענען פאַראַן קלאַסן; 2) בעת זיי האָבן קעגנזעצלעכע אינטערעסן; 3) בעת זיי האָבן דעם באַוווסטזיין פון אָט דער קעגנזעצלעכקייט. אָבער דאָס וואָלט אונז דערפירט צו דער הומאָריסטישער הנחה, אַז די געשיכטע איז אַ קאַמף פון קלאַסן נאָר דאַן, ווען זי איז... אַ קאַמף פון קלאַסן! אינדעראמתן, עס האָט שוין פּאַסירט, אַז קלאַסן האָבן נישט געהאַט קיין קעגנזעצלעכע אינטערעסן, און זייער אָפט האָבן זיי נישט דעם באַוווסטזיין פון זייער קעגנזעצלעכקייט, און סאָציאַליסטן ווייסן דאָס זייער גוט, ווייל זיי באַמיען זיך, צומאָל אָן דערפאָלג (אַזוי למשל, האָט זיך זיי דאָס ביזאיצט נישט איינגעגעבן אין דער פויערשער סביבה), אַרויסרופן אָט דעם באַוווסטזיין אינם פּראָלעטאַריאַט פון אונזער צייט!"

פון אויבן-אויף קאָן זיך דוכטן, אַז דידאָזיקע באַמערקונגען זענען גאַנץ טרעפלעכע, און דריבער פאַרדינען זיי אַביסל אויפמערקזאַמקייט.

קלאַסן-קאַמף קומט-פאָר נאָר דאָרטן און נאָר דאַן, ווען און ווו עס זענען פאַראַן קלאַסן. דאָס איז געוויס אַ פעסטער אמת: ס'וואָלט געווען משונהדיק צו רעדן וועגן קלאַסן-קאַמף אין אַזאַ געזעלשאַפט, ווו עס זענען קיין קלאַסן נישט פאַראַן. אָבער אין וואָסער געזעלשאַפט זענען זיי נישט פאַראַן? נאָר אין דער גאָר אוראַלטער געזעלשאַפט. אין אַזאַ געזעלשאַפט איז פאַראַן אַ מין גלייכגעוויכט פון אינטערעסן, אָבער דאָס גלייכ-

געוויכט איז נישט קיין סטאַבילס: שוין אויף גאָר אַ פריער שטופע פון אַנטוויקלונג, נאָך לאַנג איידער די משפחה-אָרגאַניזאַציע איז זיך אײנגאַנצן צעפאַלן, באַווייזט זיך צווישן די „ווילדע" פאַרמעגן-אומגלייכהייט, און דערנאָך באַלד נישט נאָר אַן אַנטאַגאָניזם פון אינטערעסן, נאָר אויך דער באַוווּסטזיין פון אָט דעם אַנטאַגאָניזם. איינס פון די מערקווירדיקסטע ווערק פון דער עסקימאָסישער פּאָעזיע איז אַ מעשהלע, ווו דער העלד — אַ זון פון אַן אָרימער אלמנה — איז זיך נוקם אין זיינע רייכע קרובים פאַר די דערנידערונגען, וואָס ער האָט פון זיי געליטן, און ביי די עסקימאָסן איז דאָך נאָך ביז היינט זייער שטאַרק דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט, וואָס דער אור-קאָמוניזם האָט אין זיי דערצויגן.

אַ חוץ דעם דאַרף מען געדענקען, אַז אין דער אוראַלטער געזעלשאַפט אַנטשטייט זייער פרי אַ צעטיילונג פון אַרבעט צווישן מענער און פרויען, און דאָס רופט-אַרויס אַן אַנטאַגאָניזם פון געשלעכטער, וועלכער שפּיגלט זיך אָפּ אינם עסן, אין די מדות, אין די פאַרוויילונגען, אין דער קונסט, און אַפילו אין דער שפּראַך. ווער עס לאָזט-אַרויס פון אויג די מאַטעריעלע און גייסטיקע פאָלגן פון אָט דעם אַנטאַגאָניזם, דער וועט נישט פאַרשטיין אַ סך וויכטיקע זייטן פונם אוראַלטן לעבן. און אויב מיר וועלן אַריבערגיין צו מער אַנטוויקלטע געזעלשאַפטן, וועלן מיר לייכט באַמערקן, אַז ס'זענען פאַראַן פאַרשידענע קלאַסן, און זיי פירן צווישן זיך אַן אומאויפהערלעכן קאַמף, און דער קאַמף שפּיגלט זיך אָפּ סיי אין דער מלוכה-אָרדענונג, סיי אינם רעכט, סיי אין דער רעליגיע, סיי אין דער פּאָעזיע, ווי בכלל אין דער גאַנצער קינסטלערישער שאַפונגס-טעטיקייט.

ריכטיק איז אויך, אַז די אינטערעסן פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן זענען נישט אַלע מאָל קעגנזעצלעך. אָבער כדי ס'זאָל אַנטשטיין אַ קלאַסן-אַנטאַגאָניזם, איז גענוג אַן איינפאַכע פאַרשידנקייט פון די אינטערעסן. דאָרט, ווו צווישן די אָרימע און רייכע האָבן זיך נאָך נישט איינגעשטעלט קיין באַציִונגען פון אַרבעט-קויפער צו אַרבעט-פאַרקויפער, זעט

מען נישט זעלטן טאַקע נאָר אַזאַ פאַרשידנקייט, און זי רופט אונדזער אויפמערק אויף באַגייסטערטע פֿאַרביטערטע קאַמף צווישן די קלאַסן.

בעת קראָטשע זאָגט, אַז נישט אַלעמאָל האָבן קלאַסן דעם באַוווּסטזיין וועגן דעם אַנטאַגאָניזם פון זייערע אינטערעסן, איז דאָס אַ געדאַנק, וואָס איז נאָר טיילווייז ריכטיק. לאָמיר נעמען כאָטשבע די רוסישע געשיכטע. צי קאָן מען אין איר אָנ-ציילן אַ סך אָפּענע גרויסע פויערשע אויפשטאַנדן? גאָרנישט קיין סך: די אויפשטאַנדן פון ראַזין און פוגאַטשאָוו אין גרויס-רוסלאַנד און די קאָזאַקישע מלחמות אין אוקראַינע פאַרפילן מיט זיך בלויז איינציקע, לערך נישט גרויסע צייט-אָפּשניטן, צווישן וועלכע ס'זענען געווען גאַנץ לאַנגע הפסקות. אָבער וואָס באַטייטן די דאָזיקע הפסקות? אַז ס'איז געווען „סאָציאַלער פרידן"? ניין, וועגן סאָציאַלן פרידן, אָדער אַפילו נאָר וועגן וואָפן-שטילשטאַנד, איז דעמאָלט אויך קיין רייד נישט געווען. די „סאָציאַלע מלחמה" הערט נישט אויף אויך אין אָט די הפסקות, נאָר זי בייט דאַן איר כאַראַקטער: אָנשטאָט צו זיין אַן אָ פ ע נ ע, ווערט זי אַ ב אַ ה אַ ל ט ע נ ע. די געזעלשאַפט בלייבט ווייטער, ווי פריער, צעטיילט אויף צוויי פיינטלעכע לאַגערן: דאָ — די פּריצים, די „פּאַנעס", דאָרט — די „כלאָפּעס", די פויערן. יעדער פון די צוויי לאַגערן זעט די וואַנט פון פיינטלעכע געפילן, בליקן און האַנדלונגען, וואָס טיילט אים אָפּ פון צווייטן לאַגער. די פּריצים שילטן די „כלאָפּעס" און באַמיען זיך זיי צוצודריקן וואָס מער; די „כלאָפּעס" פון זייער זייט לאַכן פון די „פּאַנעס" און טוען וואָס נאָר זיי קאָנען, כדי וואָס ווייניקער זיך לאָזן אויסנוצן. און יעדעס יאָר, אָדער אַפילו יעדן חודש גייט די שטילע מלחמה אָט דאָ, אָט דאָרט אַריבער אין אַן אָפּענער מלחמה, הגם זי בלייבט, אמת, באַגרענעצט מיט אַ קליינעם ראַיאָן: די „כלאָפּעס" בונטעווען זיך, און די פּריצים „שטילן" זיי איין מיט דער הילף פון דער מיליטערישער קראַפט, וואָס זיי האָבן אין זייער רשות. אונזערע „נאַראָדניקעס" זענען גערעכט געווען, אַז דער קאַמף פון די פויערן פאַר ערד און פרייהייט ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דער גאַנצער רוסישער געשיכטע. אָבער וואָס

אַזוינס איז דען אָט דער קאַמף פאַר ערד און פרייהייט, אויב נישט קיין קלאַסן-קאַמף מיט די פריצים און מיט דער מלוכה, אין וועלכער עס באַלעבאַטעווען דיזעלבע פריצים? דער „כלאָפּ“ האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די קעגנזעצלעכקייט פון זיינע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון די פריצים. און אויב דער קאַמף פונם „כלאָפּ“ קאָן פונדעסטוועגן נישט אָנגערופן ווערן „באַוווסטזיניקער קלאַסן-קאַמף“, איז עס דערפאַר, וואָס פאַר באַוווסטזיניקן קלאַסן-קאַמף איז נאָך ווייניק צו זען דעם אַנטאַגאָניזם פון די אינטערעסן, מען דאַרף נאָך אים פאַרשטיין, מיט וואָס פאַראַ מיטלען עס קאָנען באַזיגט ווערן די פאַרטיידיקער פון די קעגנזעצלעכע אינטערעסן. דער רוסישער פויער, ווי באַוווסט, האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען. און דערפאַר איז זיין קאַמף אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ „סטיכישער“. אָבער ער האָט דערפון נישט אויפגעהערט צו זיין קלאַסן-קאַמף.

קראָטשע מישט-צונויף אַזעלכע צוויי זאַכן, ווי באַוווסטזיניקער קלאַסן-קאַמף און האָבן דעם באַוווסטזיין פונם אַנטאַגאָניזם, און דעריבער מיינט ער, אַז ווו ס׳איז נישטאָ קיין באַוווסטזיניקער קלאַסן-קאַמף, דאָרטן איז בכלל נישטאָ קיין קלאַסן-קאַמף. ער פאַרשטייט נישט, אַז אַ מער-אָדער-ווייניקער פאַרביטערער קלאַסן-קאַמף, אַן אָפענער צי אַ באַהאַלטענער, אַ באַוווסטזיניקער צי אַ נישט-באַוווסטזיניקער, איז אומעטום אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס די געזעלשאַפט איז צעטיילט אין קלאַסן.

און ריכטיק איז לסוף אויך דאָס, אַז די היינטיקע סאָציאַליסטן באַמיען זיך מיט אַלע כוחות צו אַנטוויקלען דעם זעלבסט-באַוווסטזיין פון די אַרבעטער. אָבער מיר פאַרשטייען נישט, ווי אַזוי קאָן זיך ה׳ קראָטשע פאַרופן אויף אָט דעם בלי-ספקדיקן פאַקט, ווי אויף אַן אַרגומענט קעגן דער לערע פון קלאַסן-קאַמף. וועגן די היינטיקע סאָציאַליסטן קאָן מען זאָגן מיט די ווערטער פונם „מאַניפעסט“: זיי שיידן זיך אונטער פון אַנדערע אַרבעטער-פאַרטייען נאָר דערמיט, וואָס אויף די פאַרשידענע סטאַדיעס, דורך וועלכע ס׳גייט-אַדורך דער קאַמף פון די פּראָלעטאַריער קעגן די בורזשואַ, פאַרטיידיקן זיי שטענדיק די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דער

באַוועגונג אַלס גאַנצער. אָבער פון דעם איז בלויז איין אויספיר — אַז נישט אַלע אַרבעטער צייכענען זיך אויס מיט איין־און־דעמזעלבן גראַד פון קלאַסן־באַוווסטזיין, און נישט אַלע פאַרשטייען גלייך גוט די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָס וואָס די געזעלשאַפט איז צעטיילט אין קלאַסן, איז אַ פּראָדוקט פון איר עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. אָבער פאַקטן באַוועגן זיך גיכער, איידער אידייען. און דעריבער באַקומט זיך, אַז דער באַוווסטזיין ביי די מענטשן מכּוח די באַציִונגען, וואָס עקזיסטירן צווישן זיי אינם געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס פון פּראָדוקציע, שטייט־אָפּ פון דער אַנטוויקלונג פון די באַציִונגען גופא און חוץ דעם — אַפילו אין די ראַמען פון איין־און־דעמזעלבן קלאַס אַנטוויקלט זיך דער באַוווסטזיין אויך נישט גלייך גיך: אייניקע מיטגלידער באַנעמען דעם מהות פון געגעבענעם סדר פריער, אַנדערע — שפּעטער. אַזוי־אַרום שאַפט זיך אַ מעגלעכקייט, אַז די פאָרגעשריטענע זאָלן אידעיש ווירקן אויף די אָפּגעשטאַנענע, די סאָציאַליסטן — אויף אַזעלכע פּראָלעטאַריער, וועלכע זענען נאָך נישט דערגאַנגען צו דער סאָציאַליסטישער וועלט־אָנשויונג. ה׳ קראָטשע מיינט אַפּנים, אַז קיין קלאַסן־באַוווסטזיין איז אינגאַנצן נישט פאַראַן דאָרט, וווּ מען דאַרף אים נאָך אַנטוויקלען. אָבער קנאַפּ אַנטוויקלטער באַוווסטזיין הייסט נאָך נישט, אַז ער איז אינגאַנצן נישטאָ — דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס, אויב אַפילו מען זאָל איצט קאָנען געפינען אַרבעטער, וועלכע גלויבן אין דער האַרמאָניע פון זייערע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון די אונטערנעמער, איז וועגן אַזעלכע אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער, אָן אַ שום שפּור פון קלאַסן־באַוווסטזיין, וואָלט אויסגעקומען צו זאָגן, אַז זיי האָבן זיך נאָך נישט באַפרייט פון דער וועלט־אָנשויונג, וואָס האָט אַ שייכות צו אַ צייט פון גאָר אַן אַנדערן מין קלאַסן־קאַמף: פון קאַמף פון דריטן שטאַנד קעגן דער אַריסטאָקראַטיע. דער דריטער שטאַנד האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט וועגן דעם עקאָנאָמישן אַנטאַגאָניזם, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין זיין אייגענעם שויס. מען דאַרף זיך גאָרנישט חידושן, וואָס אָנשויונגען, וועלכע זענען פאָרמירט געוואָרן אין אַ תּקופה

פון איין מין קלאַסן־קאַמף, האָבן זיך טיילווייז אויפגעהיט, אַלס איבערבלייבעניש, ביז צו אונזער צייט, ווען ס׳קומט שוין פאָר אַ קלאַסן־קאַמף פון גאָר אַן אַנדערן מין: די אַנטוויקלונג פון באַוווסטזיין שטייט־אָפּ פון דער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמיק.

קומט־אויס, אַז אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, ווו זאָלסט זיך נישט אַ קער־טון, וועסטו אומעטום זען די ווירקונג פון קלאַסן־קאַמף. און עס קומט אויך אויס, אַז „הומאָריסטישע״ זאַכן זאָגט־אַרויס נישט קיין אַנדערער, ווי דער ה׳ קראָטשע אַליין.

.9

לאָמיר גיין ווייטער. פריער האָבן מיר געזאָגט, אַז ביי מאַרקסן און ענגעלסן איז געווען אַ לאָגיש־אויסגעבויטע היסטאָרישע טעאָריע, און אַז אין די היסטאָרישע אָנשויונגען פון די בורזשואַזע אידעאָלאָגן איז אַן עק מיט אַן עק נישט צונויפגעפירט. איצט דאַרפן מיר דאָס דערקלערן און דערווייזן.

טיערי, מיניע, גיזאָ און אַנדערע היסטאָריקער, וואָס האָבן פאַרטרעטן דעם שטאַנדפונקט פונם „מיטל־קלאַס״, האָבן געהאַלטן די פאַרמעגנס־פאַרהעלטענישן פאַר דעם וויכטיקסטן יסוד פון דער פאָליטישער אָרדענונג אין דעם אָדער יענעם לאַנד און אַפילו פון די אָנשויונגען, וואָס הערשן אין לאַנד. אין דעם פּרט שיידן זיך זייערע בליקן וויניק־וואָס אונטער פון די בליקן פון מאַרקס און ענגעלס, און אַז מאַרקס האָט שפּעטער געשריבן, אַז רעכטלעכע פאַרהעלטענישן און מלוכהשע פאָרמען קאָן מען נישט דערקלערן דורך זייער אייגענער נאַטור און נישט דורך דער אַ. ג. אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן גייסט, נאָר זייער שורש איז אין די מאַטעריעלע לעבנס־פאַרהעלטענישן, — דעם געזאַמט־סכום פון אָט די פאַרהעלטענישן האָט עס העגעל אָנגערופן ציווילע געזעלשאַפט — האָט ער נאָר איבערגעחזרט די אַרגומענטן, צו וועלכע די היסטאָרישע וויסנשאַפט איז נאָך אַ סך פריער געקומען, אונטערן איינפלוס פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

און פון דעם פאַרבונדענעם מיט איר קלאַסן-קאַמף. דער אונטער־שייד איז בלויז דער, וואָס ביי די פאָרלויפער פון מאַרקסן בלייבט אינגאַנצן נישט אויפגעקלערט, פון וואַנען נעמען זיך די אָדער אַנדערע פאַרמעגנס-פאַרהעלטעענישן און אינטערעסן, בעת ביי מאַרקסן איז דאָס פולשטענדיק קלאָר.

גיזאָ, מיניע, טיערי און אַלע היסטאָריקער און פובליציסטן, וואָס זענען געשטאַנען אויף זייער שטאַנדפּונקט, האָבן גאַנץ אָפט דערקלערט די פאַרמעגנס-פאַרהעלטעענישן, אַלס פּראָדוקט פון דערןאָבערונגען. אָבער זיי אַליין האָבן נישט איינמאָל אָנגעוויזן, אַז דעראָבערונגען קומען-פאָר צוליב באַשטימטע „פּאָזיטיווע אינטערעסן". פון וואַנען-זשע נעמען זיך די דאָזיקע אינטערעסן? קלאָר, אַז זיי ווערן אַרויסגערופן טאַקע דורך די פאַרמעגנס-פאַרהעלטעענישן, וואָס עקזיסטירן סיי אינעם לאַנד פון די דעראָבערער און סיי אינעם דעראָבערטן לאַנד. באַקומט זיך אַ פאַרכּישופטער קרייז: די פאַרמעגנס-פאַרהעלטעענישן און אינטערעסן ווערן דער־קלערט דורך דעראָבערונג, און די דעראָבערונג פון איר זייט ווערט דערקלערט דורך די פאַרמעגנס-פאַרהעלטעענישן און אינטע־רעסן. כּל-זמן די היסטאָרישע טעאָריע איז נישט אַרויס פון אָט דעם פאַרכּישופטן קרייז, האָט זי אומפאַרמיידלעך געמוזט אַריינפאַלן אין עקלעקטיזם און אין סתירות. אַזעלכע סתירות, און גאָר אין אַ היפּשער צאָל, זענען טאַקע פאַראַן ביי אַלע היס־טאָריקער פון אָט דער ריכטונג.

די היסטאָריקער האָבן נאָך אַ פּליכט אַמאָל אויך צו דער מענטשלעכער נאַטור. אָבער איינס פון די צוויי: אָדער די מענטשלעכע נאַטור בלייבט אומפאַרענדערט אין לויף פון היסטאָרישן פּראָצעס, אָדער זי ווערט יאָ געענדערט. אויב זי בלייבט אומפאַרענדערט, איז דאָך קלאָר, אַז זי קאָן נישט דינען פאַר אַ דערקלערונג פאַר די ענדערונגען, וואָס קומען-פאָר אין דער געשיכטע. און אויב ווידער די נאַטור גופא ענדערט זיך, דאַן קאָן דאָס פאַרופן זיך אויף דער נאַטור גאָרנישט דער־קלערן, ווייל מען דאַרף ערשט פריער קלאָר מאַכן די סיבות פון אירע אייגענע ענדערונגען: האָבן מיר ווידער אַ נייעם פאַר־

בישופטן קרייז, אַ נייעם קוואַל פון סתירות און עקלעקטיזם אין דער היסטאָרישער וויסנשאַפט.

אַ בולטער ביישפיל פון אַזאַ עקלעקטיזם און סתירות איז דאָס באַרימטע בוך פון טאָקוויל „וועגן דער דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע" (ראַיע-קאָלאַר רופט עס: דער המשך פון מאָנטעסקיעס ווערק „וועגן גייסט פון געזעצן"). טאָקוויל זאָגט, אַז קוים האָבן מיר פאַר זיך אַ באַשטימטן סאָציאַלן סדר, קאָנען מיר אים באַטראַכטן אַלס ערשטע סיבה פון ס'רוב געזעצן, מנהגים און אידייען, „וועלכע באַשטימען די אויפפירונג פון די נאַציעס". כדי צו פאַרשטיין די געזעצגעבונג און די לעבנס-מדות פון אַ געוויסן פאָלק, דאַרף מען קודם-כּל דערלערנען דעם סאָציאַלן סדר. אָבער פון וואַנען נעמט זיך דער סאָציאַלער סדר? דאָ,ביים ענטפער אויף דער פראַגע, פאַרופט זיך טאָקוויל אויף דער מענטשלעכער נאַטור. מיר ווייסן שוין, אַז מיט אַזאַ פאַרופן זיך דערקלערט מען נישט גאָרנישט. און טאָקוויל אַליין האָט עס אויך געוווּסט, אָדער לפּחות געפילט, ווייל נאָך אין זיינע בריוו פון אַמעריקע האָט ער געשריבן: „דאָ בליען אַזעלכע אינסטי-טוציעס, וואָס אין פראַנקרייך וואָלטן זיי זיכער אַרויסגערופן אַן איבערקערעניש. מענטשן זענען דאָ די אייגענע, וואָס ביי אונז, נאָר זיי זענען אַוועקגעשטעלט אין אַנדערע באַדינגונגען".

פון אָט די ווערטער דרינגט-אַרויס דער אומפאַרמיידלעכער, בלי-ספקדיקער אויספיר, אַז די מענטשלעכע נאַטור גיט אונז נאָך נישט קיין שליסל אויף צו פאַרשטיין די אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס.

אין אַנדערע שטעלן באַמיט זיך טאָקוויל צו דערקלערן דעם סאָציאַלן סדר דורך דער ווירקונג פון **געזעצן**. אָבער אַזוי ווי די געזעצגעבונג פון אַ לאַנד דערקלערט זיך, לויט זיינע אייגענע ווערטער, דורך זיין סאָציאַלן סדר — האָבן מיר דאָ ווידער צו טון מיט אַ סתירה. טאָקוויל אַליין האָט אַביסל געפילט אָט די סתירה, און האָט זיך באַמיט זי צו פאַרענטפערן. אָבער אַלע זיינע באַמיִונגען זענען געווען אומזיסט: זיין אַנאַליז איז אין דעם פאַל געווען אוממעכטיק.

ערשט די היסטאָרישע טעאָריע פון מאַרקסן פאַרענטפערט

אָט די סתּירה, און טראָגט־אַריין קלאָרקייט און קאָנסעקווענטקייט דאָרטן, ווו ביזאיצט איז געווען, אמת, אַ סך וויכטיקע דעטאַלן, טיפע געדאַנקען און ריכטיקע באַמערקונגען, אָבער ס׳האָט געפעלט דער גרונט־פּרינציפּ, וואָס זאָל די אַלע וויכטיקע דעטאַלן, טיפע געדאַנקען און ריכטיקע באַמערקונגען צונויפבינדן אין איין לאָגישער גאַנצקייט.

10.

לויט מאַרקס׳ טעאָריע, דערקלערט זיך דער סאָציאַלער סדר – די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן פון די מענטשן – דורך זייערע *עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן*: „די אַנאַטאָמיע פון דער ציווילער געזעלשאַפט דאַרף מען זוכן אין איר עקאָנאָמיק“. ווי־אַרום ווערן געשאַפן אָט די פאַרהעלטענישן? ווען מאַרקס וואָלט זיך געפּרוווט זוכן פאַר זיי אַ דערקלערונג אין די בליקן און געפילן פון די מענטשן, אָדער בכלל אין זייער „נאַטור“, וואָלט ער אַריינגעפאַלן אין דיזעלבע סתּירות, ווי זיינע פאָרגייער. אָבער מאַרקס דערקלערט די זאַך גאָר אַנדערש.

כּדי צו *לעבן*, מוזן מענטשן *פּראָדוצירן*. און כּדי צו פּראָדוצירן, מוזן זיי אויף אַ געוויסן אופן פאַרייניקן זייער מי, איינשטעלן צווישן זיך געוויסע באַציִונגען, וועלכע מאַרקס רופט *פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן*. דער געזאַמט־סכום פון אָט די פאַרהעלטענישן בילדעט די *עקאָנאָמישע סטרוקטור* פון דער געזעלשאַפט, און אויף איר יסוד וואַקסן־אויס אַלע אַנדערע (סאָציאַלע) באַציִונגען צווישן מענטשן, און צווישן אַנדערן – אויך דער גאַנצער *„ציווילער שטייגער“*, וועלכער האָט אַזאַ וויכטיקע ראָל געשפּילט אין די טעאָריעס פון די פראַנצויזישע היסטאָריקער פון די רעסטאַווראַציע־יאָרן.

דער כאַראַקטער פון די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן אין יעדער געגעבענער עפּאָכע ווערט באַשטימט נישט דורך אַ „צופאַל“ און נישט דורך דער „נאַטור“ פון די מענטשן, נאָר דורך יענע נאַטירלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע די מענטשן קומט־אויס צו פירן

דעם קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ. פון דידאַזיקע באַדינגונגען — און קודם-כּל פון די אייגנשאַפטן פון דער געאָגראַפישער סביבה — הענגט-אָפּ דער צושטאַנד פון די פּ ר אָ ד ו צ י ר - ק ר ע פ ט ן, וואָס די מענטשן האָבן אין זייער רשות. אַ געוויסער צושטאַנד פון די פּראָדוציר-קרעפטן רופט-אַרויס אַנטשפּרעכנדיקע פּראָדוציר-פאַרהעלטעניש, און באַשטימטע פּראָדוציר-פאַרהעלטעניש שאַפן דעם אַנטשפּרעכנדיקן סאָציאַלן סדר, און זיינע אייגנשאַפטן ווירקן שוין אויף דער פּסיכיק פון די מענטשן און באַשטימען אַזוי-אַרום די אינטעלעקטועלע, מאָראַלישע און בכלל די גאַנצע אַזוי-גערופענע ג י י ס ט י ק ע אַנטוויקלונג פון די מענטשן.

אָבער דער פּראָצעס גופא פון פּראָדוקציע און די פאַריי-ניקונג פון דער מענטשלעכער אַרבעט אין אָט דעם פּראָצעס פאַר-מערן די אָנגעקליבענע דערפאַרונג און פירן צו אַ ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר-קרעפטן, אַזוי אַז ביסלעכווייז בילדעט זיך אויס און ווערט אַלץ שטאַרקער אַ געוויסע ד י ס-ה אַ ר מ אָ נ י ע צווישן אָט די קרעפטן פון איין זייט, און די פּראָדוציר-פאַרהעלטעניש פון דער אַנדערער זייט. פריער האָבן אָט די פאַרהעלטעניש מיטגעהאָלפן דעם ווייטערדיקן וווּקס פון די פּראָדוציר-קרעפטן, איצטער הייבן זיי אָן פאַרהאַלטן אָט דעם וווּקס. דאַן הייבט זיך אָן אין דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אַ ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ע פּ אָ כ ע, פריער אָדער שפּעטער ענדיקט זי זיך דערמיט, אַז די פאַרעלטערטע פּראָדוציר- און במילא אויך פאַרמעגנס-פאַרהעלטעניש ווערן צעשטערט און צו-זאַמען מיט זיי — דער גאַנצער „ציווילער שטייגער“.

דער קאַמף קעגן די פאַרעלטערטע פּראָדוציר-פאַרהעלטעניש צווינגט די מענטשן צו פאַרנעמען אַ קריטישע שטעלונג נישט נאָר צום אַלטן געזעלשאַפטלעכן סדר, נאָר אויך צו יענע אידייען, צו יענע געפילן און בכלל צו יענער „פּסיכיק“, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פונם אַלטן סדר. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אויפן געביט פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן רופט-אַרויס אַן אַנטשפּרעכנדיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אויך אויפן געביט פון גייסטיקן לעבן. „צי איז דען אַזוי שווער צו באַגרייפן — זאָגן

מאַרקס און ענגעלס אין צווייטן קאַפּיטל פון „מאַניפעסט" — אַז צוזאַמען מיטן לעבנס-אופן פון די מענטשן, צוזאַמען מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען, מיט זייער געזעלשאַפטלעכן מעמד בייטן זיך אויך זייערע פאָרשטעלונגען, בליקן, באַגריפן, מיט איין וואָרט -- זייער גאַנצער וועלט-באַנעם? באַווייזט דען נישט די געשיכטע פון אידייען, אַז די גייסטיקע טעטיקייט ענדערט זיך צוזאַמען מיט דער מאַטעריעלער?"

דאָס איז די היסטאָרישע טעאָריע פון מאַרקס און ענגעלס. מיט אָט דער טעאָריע איז אַדורכגעזאַפּט דער גאַנצער „מאַניפעסט", זי איז — קאָן מען זאָגן — זיין גרונט-געדאַנק.

און אָט דער גרונט-געדאַנק איז אויך דער אויסגאַנגס-פּונקט, פון וועלכן מאַרקס און ענגעלס שאַצן-אָפּ זייער אייגענע עפּאָכע. זיי האַלטן די עפּאָכע פאַר אַ רעוואָלוציאָנערע טאַקע נאָר דערפאַר, וואָס זיי זעען אַ דיסהאַרמאָניע צווישן די פּראָדוציר-קרעפטן, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט געשאַפן, און די פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן, וואָס עקזיסטירן אינם קאַפּיטאַליזם. זיי זאָגן: „די היינטיקע בורזשואַזע געזעלשאַפט, מיט איר אָרגאַניזאַציע פון פּראָדוקציע און אויסטויש און מיט די מעכטיקע פּראָדוציר- און פאַרקער-מיטלען, וואָס זי האָט ווי דורך כּישוף געשאַפן — געפינט זיך אין דער לאַגע פון יענעם כּישוף-מאַכער, וועלכער קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיט די אונטער-ערדישע כּוחות, וואָס זיינע אייגענע שפּרוכן האָבן אַרויסגערופן. ס'איז שוין עטלעכע צענטליק יאָר, ווי די געשיכטע פון אינדוסטריע און האַנדל שטעלט-פאָר אַזאַ בילד: די מאָדערנע פּראָדוציר-קרעפטן בונטעווען זיך קעגן דער מאָדערנער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע, קעגן די מאָדערנע פאַרמעגנס-פאַרהעלטענישן — ס'הייסט, קעגן די באַדינגונגען גופא פונם לעבן און הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. כּדי דאָס קלאָר צו מאַכן, איז גענוג צו דערמאָנען די האַנדלס-קריזיסן, וועלכע חזרן זיך איבער פּעריאָדיש און באַדראָען אַלץ מער די עקזיסטענץ פון דער גאַנצער בורזשואַזער געזעלשאַפט".

אַזוי ווי די בורזשואַזע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן האַלטן די אַרבעטער אין שווערער אָפּהענגיקייט פונם קאַפּיטאַל, אַז

קיין ווּנדער נישט, וואָס ס׳איז צווישן זיי פאַראַן אַן אומצו־פרידנהייט, וועלכע וואַקסט צוזאַמען מיטן אָנגעוויזענעם קעגנזאַץ און גייט־איבער אין אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, געווענדעט קעגן גאַנצן היינטיקן געזעלשאַפטלעכן סדר. די בורזשואַזיע האָט „נישט נאָר אויסגעשמידט דאָס געווער, וואָס וועט איר דער־לאַנגען דעם טויט־קלאַפּ, נאָר זי האָט אויך צוגעגרייט די מענטשן, וואָס זאָלן אָנשטעלן דאָס געווער — די מאָדערנע אַרבעטער, די פּראָלעטאַריער״.

דאָס אַלץ ווייזט, ווי פאַלש עס איז צו באַצייכענען די היסטאָרישע טעאָריע פון מאַרקס און ענגעלס מיטן אומגאַנגס־טערמין: עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם. אויב דער טערמין דאַרף באַטייטן, אַז די טעאָריע האַלט דעם פאַרמעגנס־אינטערעס פאַר דעם הויפּט־באַוועגער פון היסטאָרישן פּראָגרעס, דאַן קאָן מען די פראַנצויזישע היסטאָריקער פון דער רעסטאַוו־ראַציע־צייט מיט פולן רעכט אָנרופן עקאָנאָמישע מאַטעריאַליסטן. אָבער אינדעראמתן זענען אָט די „עקאָנאָמישע מאַטעריאַליסטן״ געווען שטאַרק ווייט פון מאַטעריאַליזם; זיי זענען פאַרבליבן אידעאַליסטן, אויף וויפל זיי זענען נישט געוואָרן קיין עקלעקטיקער. אויף דער פראַגע, פון וואַנען שטאַמען די פאַר־מעגנס־פאַרהעלטענישן און אינטערעסן, האָבן זיי נישט געגעבן קיין מאַטעריאַליסטישן ענטפער. און אויב מאַרקס׳ טעאָריע איז אַדורכגעזאַפּט מיט מאַטעריאַליזם, דריקט זיך דאָס אויס נישט דערין, וואָס ער גיט־אָפּ אַזאַ וויכטיק אָרט אין דער געשיכטע פאַר די פאַרמעגנס־אינטערעסן, נאָר דערין, וואָס ער פאַרבינדט די אַנטוויקלונג פון אָט די אינטערעסן מיט דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן, ווי עס באַשאַפט זיי דער וווּקס פון די פּראָדוציר־קרעפטן; אויף אַזאַ אופן האָט מאַרקס צום ערשטן מאָל געגעבן אַ מאַטעריאַליסטישע דערקלערונג פאַר דער עוואָלוציע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, און האָט אינגאַנצן באַזייטיקט די אידעאַליסטישע טעאָריע פון דערקלערן אָט די עוואָלוציע דורך אייגנשאַפטן פון מענטש־לעכן „גייסט״ אָדער בכלל פון דער מענטשלעכער „נאַטור״. ס׳איז

דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס האַלב-מאַרקסיסטן, וועלכע טרעטן-אַרויס קעגן מאַטעריאַליזם, קלאַמערן זיך מיט עקשנות אינם אויסדרוק: „עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם". זיי פאַרשטייען, אַז אונטער אָט דעם אויסדרוק קאָנען זיך באַהאַלטן פולשטענדיק אידעאַליסטישע בליקן *).

11.

עדואַרד בערנשטיין מיינט, אַז די היסטאָרישע טעאָריע פון מאַרקס און ענגעלס האָט אַליין אויך דורכגעמאַכט אַ פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, און אַז אין רעזולטאַט האָט זיך באַקומען אַ געוויסע באַגרענעצונג פון דער ראָל פונם עקאָנאָמישן „פאַקטאָר" אין דער געשיכטע לטובת אַנדערע נישט-עקאָנאָמישע „פאַקטאָרן". ראיות פאַר אָט דער מיינונג זיינער ברענגט בערנשטיין אַזעלכע: אין יאָר 1859, אין דער הקדמה צו „Zur Kritik der politischen Oekonomie" זאָגט מאַרקס, אַז „אַ באַשטימענדיקער פאַקטאָר זענען די געגעבענע מאַטעריעלע פּראָדוציר-קרעפטן און די פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן צווישן די מענטשן", און שפּעטער, אין שטרייט מיט דיורינגען, האָט ענגעלס „נאָך פאַר מאַרקס' לעבן און מיט זיין הסכמה" געגעבן אַן אַנדערע „אויסטייטשונג" דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, נעמלעך: „דאָרט זאָגט זיך, אַז „די לעצטע סיבות פון אַלע געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען און איבערקערענישן" דאַרף מען זוכן נישט אין די קעפּ פון די מענטשן, נאָר אין די „ענדערונגען פונם אופן פון פּראָדוקציע און אויסטויש". אָבער „לעצטע סיבות" שליסן נישט אויס נאָך אַנדערע גלייכצייטיק ווירקנדיקע סיבות — סיבות פון צווייטער, דריטער און אַנדערע מדרגות — און ס'איז קלאָר, אַז וואָס גרעסער עס איז די קייט פון אַזעלכע סיבות, אַלץ מער ווערט באַ-

*) אָט איז אַ גוטער ביישפּיל: די היסטאָרישע בליקן פון סען סימאָן האָבן געהאַט אַן אידעאַליסטישן יסוד, הגם ער איז, ווי מיר האָבן געזען, אויך געווען אַן עקאָנאָמישער מאַטעריאַליסט, נישט ווינציקער ווי גיזאָ, מיניע, אָדער טיערי.

גרענעצט — סיי קוואַליטאַטיוו, סיי קוואַנטיטאַטיוו — די באַשטימענדיקע קראַפט פון די לעצטע סיבות. עס בלייבט טאַקע דער פאַקט פון זייער ווירקונג, אָבער די ענדגילטיקע פאָרם פון די דערשיינונגען הענגט שוין אָפּ נישט בלויז פון אָט דער ווירקונג".

בערנשטיין מיינט, אַז „אין די שפּעטערדיקע אַרבעטן האָט ענגעלס נאָך מער באַגרענעצט די באַשטימענדיקע קראַפט פון די פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן". אַלס באַווייז, ברענגט ער ציטאַטעס פון צוויי בריוו ענגעלסעס (געשריבן איינער אין 1890, דער צווייטער — אין 1894).

די ערשטע ציטאַטע זאָגט: „אויף אַזאַ אופן זענען פאַראַן כוחות אָן אַ צאָל, וואָס קרייצן זיך קעגנזייטיק, אַן אומענדלעכע גרופּע פון קרעפטן, פּאַראַלעלאָגראַמען, וואָס גיבן די רעזולטירנדיקע, — די היסטאָרישע געשעעניש, — וועלכע קאָן ווידער אַליין באַטראַכט ווערן, ווי אַ פּראָדוקט פון אַ קראַפט, וואָס אַרבעט, אַלס גאַנצע, אָן באַוווּסטזיין און אָן ווילן, וואָרים דאָס וואָס יעדערער באַזונדער וויל, שטויסט זיך אָן אויף מניעות מצד אַלע אַנדערע, און דאָס וואָס עס באַקומט זיך, איז עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער האָט נישט געוואָלט" (בריוו פון 1890).

אין דער צווייטער ציטאַטע לייענען מיר: „די פּאָליטישע, רעכטלעכע, פילאָזאָפישע, רעליגיעזע, ליטעראַרישע, קינסטלערישע און אַנד. אַנטוויקלונג באַזירט זיך אויף דער עקאָנאָמישער. אָבער זיי אַלע ווירקן אויך איינס אויף דאָס אַנדערע און אויפן עקאָנאָמישן באַזיס" (בריוו פון 1895).

נאָך אָט די ציטאַטעס פירט בערנשטיין אויס: „דער לעזער וועט מסכים זיין, אַז דאָס קלינגט אַביסל אַנדערש, ווי די אויבן־געבראַכטע שטעל פון מאַרקסן". „אויבן" מיינט ער די שטעל פון דער באַרימטער הקדמה „Zur Kritik", ווו עס זאָגט זיך, אַז דער אופן פון פּראָדוצירן דאָס מאַטעריעלע לעבן באַשטימט מיט זיך דעם פּראָצעס פון סאָציאַלן, פּאָליטישן און אינטעלעקטועלן לעבן. לאָמיר אויף אַ רגע צולאָזן, אַז דידאָזיקע שטעל „קלינגט" ווירקלעך אַנדערש, ווי די פריער-געבראַכטע ציטאַטעס פון

ענגעלסעס בריוו, און לאָמיר אָקאָרשט זען, ווי „קלינגט עס" אין „מאַניפעסט", וועלכער איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט 11 יאָר פריער, איידער ס'איז דערשינען „Zur Kritik".

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר-קרעפטן ווערט דאָרטן אָנגעגעבן, אַלס טיפּסטע סיבה פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אין דעם פּרט איז דער שטאַנדפּונקט פונם מאַניפעסט **אידענטיש** מיטן שטאַנדפּונקט, וואָס אין דער הקדמה צו „צור קריטיק". און איצט — ווי האַלט עס מיט די „קרעפטן-פּאַראַלעלאָגראַמען" און מיט דער קעגנזייטיקער ווירקונג פון פאַרשידענע „פאַקטאָרן" פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג?

די מחברים פון „מאַניפעסט" ווייזן אונז, ווי אַזוי די דערפאָלגן פון דער בורזשואַזיע אויפן עקאָנאָמישן געביט האָבן זי געפירט צו פּאָליטישן קאַמף און צו פּאָליטישע דערגרייכונגען, און ווי די לעצטע ווידער האָבן פון זייער זייט געפירט צו ווייטערדיקע דערפאָלגן אויפן עקאָנאָמישן געביט. זיי דערקלערן, אַז יעדער קלאַסן-קאַמף איז אַ פּאָליטישער קאַמף, און ווייזן-אָן דעם פּראָלעטאַריאַט, אַז דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט איז פאַר אים אַ נויטיקער תּנאי פאַר זיין עקאָנאָמישער באַפרייונג. הכּלל, וואָס איז שייך דעם פּאָליטישן „פאַקטאָר", לייענען מיר דאָ דאָס-זעלבע, וואָס ביי ענגעלסן אין בריוו פון 1895: „די פּאָליטישע אַנטוויקלונג באַזירט זיך אויף דער עקאָנאָמישער, אָבער צוזאַמען דערמיט ווירקט זי פון איר זייט אויפן עקאָנאָמישן באַזיס".

קומט-אויס, אַז דער בליק, וואָס בערנשטיינען דוכט זיך, אַז ער איז אַ פאַרשפּעטיקטער רעזולטאַט פון עוואָלוציע פון מאַרקס-ענגעלסעס היסטאָרישער טעאָריע — איז אינדעראמתן אַרויסגעזאָגט געוואָרן נאָך אין יאָר 1848, ד. ה., אין אַזאַ צייט, ווען מאַרקס און ענגעלס האָבן נאָך געזאָלט זיין, לויט בערנשטיינס היפּאָטעזע, „ריינע עקאָנאָמיסטן", אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן.

אַזוי קומט-אויס דערווייל נאָר בנוגע דעם פּאָליטישן „פאַקטאָר"; אָבער אפשר איז דאָס נישט אַזוי בנוגע אַנדערע „פאַקטאָרן"?

אין „מאַניפעסט" זאָגט זיך, אַז די גייסטיקע טעטיקייט ענדערט זיך צוזאַמען מיט דער מאַטעריעלער. „אַז די אַלטע וועלט איז געקומען אין אַ צושטאַנד פון ירידה, זענען די אַלטע רע־ליגיעס באַזיגט געוואָרן דורכן קריסטנטום. בעת די אידייען פון קריסטנטום האָבן אָפּגעטרעטן זייער אָרט פאַר די אויפקלערונגס־אידייען פון 18-טן יאָרהונדערט, האָט די פעאָדאַלע געזעלשאַפט זיך געראַנגלט אויף לעבן און טויט מיט דער דעמאָלט רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע". שוין אין אָט די שורות איז פאַראַן די אָנערקענונג פון אַ קעגנזייטיקער ווירקונג צווישן דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און איר גייסטיקער אַנטוויקלונג. נאָר אויב דאָ קאָן מען נאָך אָט די אָנערקענונג באַשטרייטן, לאָזט דאָס לעצטע קאַפּיטל שוין נישט איבער מער קיין שום פּלאַץ פאַר ספקות. אַרום־רעדנדיק אין דעם קאַפּיטל די באַציִונג פון קאָמוניסטן צו אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען, זאָגן די מחברים, אַז די קאָמוניסטן באַמיען זיך אויסצואַרבעטן אין די מוחות פון די אַרבעטער וואָס אַ קלאָרערן באַ־וווּסטזיין פון דער פיינטלעכער קעגנזעצלעכקייט צווישן די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט. פאַרוואָס־זשע טוען דאָס די קאָמוניסטן? קלאָר — ווייל זיי אָנערקענען די באַדייטונג פון אידייען. איבעריקנס, די מחברים קלערן באַלד אַליין אויף זייער ציל. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, זאָגן זיי, „וויל, אַז די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַדינגונגען, וואָס די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע וועט מיט זיך ברענגען, זאָלן קאָנען דינען די דייטשע אַרבעטער אַלס געווער קעגן דערזעלבער בורזשואַזיע, אַז דער קאַמף קעגן איר זאָל זיך אָנהייבן באַלד, ווי נאָר עס וועלן פאַלן די רעאַק־ציאָנערע קלאַסן פון דייטשלאַנד". אַלזאָ — דערזעלבער בליק אויף דער באַדייטונג פון גייסטיקן „פאַקטאָר", ווי מיר האָבן עס פאַרצייכנט לגבי דעם פּאָליטישן „פאַקטאָר": די גייסטיקע אַנטוויקלונג באַזירט זיך אויף דער עקאָנאָמישער, נאָר דערנאָך ווירקט זי פון איר זייט אויף דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג (דורך דער סאָציאַל־פּאָליטישער טעטיקייט פון די מענטשן). קומט, אַלזאָ, אויס, אַז מאַרקס און ענגעלס האָבן אָנערקענט דעם אידעאָ־לאָגישן פאַקטאָר נישט נאָר אין זייער פּאָלעמיק מיט דיורינגען,

נאָר נאָך אין יאָר 1848, און אַפילו נאָך פריער, אין דער צייט, ווען עס זענען דערשינען די „דייטש-פראַנצויזישע יאָרביכער". וואָס איז שייך מאַרקסן, איז דאָס אַלנפאַלס אויסער יעדן ספק — נאָך די פאָלגנדיקע מערקווירדיקע שורות אין זיין אַרטיקל וועגן העגעלס רעכט-פילאָזאָפיע:

„קיין שום קלאַס קאָן נישט אויספירן אָט די (באַפרייערישע) ראָל, ער זאָל נישט אַרויסרופן אויף אַ צייט ענטוזיאַזם ביי זיך און ביי דער מאַסע. אין משך פון אָט דער צייט ברידערט ער זיך מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט, מען האַלט אים פאַר אַן אַלגעמיינעם פאַרטרעטער, און אַלס אַזעלכן, פילט מען אים מיט; אין משך פון דער צייט זענען די רעכט און פאָדערונגען פון אָט דעם קלאַס — די רעכט און פאָדערונגען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, און אַליין איז ער — דער קאָפ פון דער געזעלשאַפט און איר האַרץ".

ווי מיר זעען, ווערט דאָ גאַנץ קאַטעגאָריש אָנערקענט די געזעלשאַפטלעך-רעפאָרמירנדיקע ראָל פון באַוווסטזיין בכלל, און אַפילו ספעציעל פון ענטוזיאַזם. דער פסיכישער „פאַקטאָר" ווירקט אויף די געזעלשאַפטלעכע (ס'הייסט אויך אויף די עקאָנאָמישע) פאַרהעלטענישן. דערנאָך קלערט מאַרקס אויף, ווי אַזוי די אָנגעוויזענע באַציִונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפט צום „באַפרייער-קלאַס" וואַקסט-אויס אויפן באָדן פון קאַמף צווישן די קלאַסן: „כדי איין שטאַנד זאָל ווערן דער באַפרייער par excellence, איז נויטיק, אַז אַ צווייטער שטאַנד זאָל אינם אַלגעמיינעם באַוווסטזיין פיקסירט ווערן אַלס אונטערדריקער. די אוניווערסאַל-נעגאַטיווע באַדייטונג פון פראַנצויזישן אַדל און קלער האָט אַרויסגערופן די אוניווערסאַל-פאָזיטיווע באַדייטונג פון דער בורזשואַזיע, וועלכע איז געשטאַנען נעבן זיי און קעגן זיי".

דער אויספיר: שוין פון סאַמע אָנהייב פון זייער טעטיקייט האָבן די גרינדער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם אַרויסגעזאָגט דעמזעלבן קוק אויף דער קעגנזייטיקער שייכות צווישן פאַרשידענע „פאַקטאָרן" פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג, ווי אין די ציטאַטעס, וועלכע ברענגט בערנשטיין פון ענגעלסעס בריוו פון

די נײַנציקער יאָרן. און אַנדערש האָט גאָרנישט געקאָנט זײַן: ווען מאַרקס און ענגעלס וואָלטן אין אָנהייב פון זייער טעטיקייט ווירקלעך נישט צוגעגעבן קיין שום באַדײַטונג דעם פּאָליטישן און גייסטיקן „פּאַקטאָר“ און וואָלטן נישט אָנערקענט זייער ווירקונג אויף דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, וואָלט דאַן זייער פּראַקטישע פּראָגראַם געמוזט זײַן גאָר אַן אַנדערע: זיי וואָלטן נישט געזאָגט, אַז דער אַרבעטער-קלאַס קאָן זיך אַנדערש נישט באַפרײַען פון עקאָנאָמישן יאָך פון דער בורזשואַזיע, סײַדן ער זאָל פאַרכאַפּן אין זײַנע הענט די פּאָליטישע מאַכט; און זיי וואָלטן אויך נישט גערעדט וועגן דער נויטיקייט צו אַנטוויקלען דעם באַוווסטזיין פון די אַרבעטער: צו-וואָס אַנטוויקלען דעם באַוווסטזיין, ווײַבאַלד ער שפּילט נישט קיין שום ראָל אין דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, ווײַבאַלד אַלץ מאַכט זיך אין דער געשיכטע אומאָפּהענגיק פונם באַוווסטזיין, נאָר דורך דער קראַפט פון עקאָנאָמישער נויטווענדיקייט? ווער אָבער ווייסט דען נישט, אַז פון אָנהייב-אָן פון זייער טעטיקייט איז די אַנטוויקלונג פונם פּראָלעטאַרישן באַוווסטזיין געווען פאַר זיי די וויכטיקסטע פּראַקטישע אויפגאַבע? און בערנשטיין וואָלט געמעגט וויסן אויך דאָס, אַז די אינטענסיווע גייסטיקע אַרבעט, וועלכע האָט זיך אין אָנהייב פון די 40-ער יאָרן געפירט צווישן די פראַנצויזישע און ענגלישע אַרבעטער, איז געווען פאַר מאַרקסן איינער פון די הויפּט-אַרגומענטן קעגן יענע שריפטשטעלער, וועלכע האָבן, ווי למשל, ברונאָ באַוער, נישט געוואָלט הערן פון דער „מאַסע“ און האָבן אַלע זייערע האָפענונגען געלייגט אויף די „קריטיש-דענקענדיקע פּערזענלעכקייטן“.

לאָמיר פּרובירן בויען אַ צווייטע היפּאָטעזע: אין אָנהייב פון זייער טעטיקייט האָבן מאַרקס און ענגעלס טאַקע געקוקט אויף די „פּאַקטאָרן“ מיט דיזעלבע אויגן, וואָס ענגעלס האָט אויף זיי געקוקט אין די 90-ער יאָרן. נאָר אין מיטן פון אָט דער טעטיקייט — אַרום דער צײַט, ווען ס'איז דערשינען „Zur Kritik“ — האָט מאַרקס — אַליין, אָדער צוזאַמען מיט ענגעלסן — געביטן דידאָזיקע מיינונג זײַנע, און האָט פאַרנומען דעם עקס-

טרעמען שטאַנדפּונקט, וועלכן בערנשטיין האָט אַנטדעקט אין דער הקדמה צום אָנגערופענעם ווערק („Zur Kritik“).

אָבער אויך דידאָזיקע היפּאָטעזע האַלט נישט אויס קיין קריטיק. צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס אין דער הקדמה ווערט אַרויסגעזאָגט גראָד דערזעלבער בליק אויף „פאַקטאָרן“, וואָס בערנשטיין מיינט, אַז ער איז געקומען ערשט נאָך אַ געוויסער עוואָלוציע פון מאַרקס' היסטאָרישער טעאָריע. דער לעזער וועט לייכט מסכים זיין מיט אונז, אויב ער וועט זיך נאָר אַריינטראַכטן אין דער ציטאַטע, אויף וועלכער טאַקע בערנשטיין פאַרופט זיך: „דער אופן פון פּראָדוצירן דאָס מאַטעריעלע לעבן באַשטימט מיט זיך דעם פּראָצעס פון סאָציאַלן, פּאָליטישן און אינטעלעקטועלן לעבן“. דאָס הייסט, אַז דער סאָציאַלער, פּאָליטישער און גייסטיקער „פאַקטאָרן“ וואַקסן-אויס אויפן עקאָנאָמישן באָדן.

ווייטער: „אויף אַ געוויסן שטאַפּל פון זייער אַנטוויקלונג קומען די מאַטעריעלע פּראָדוציר-קרעפטן פון דער געזעלשאַפט אין אַ סתירה מיט די עקזיסטירנדיקע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן, אָדער... מיט די פאַרמעגנס-פאַרהעלטענישן, וואָס אין זייערע ראַמען האָבן זיי זיך ביזאיצט אַנטוויקלט. דידאָזיקע פאַרהעלטענישן הערן-אויף צו זיין פאָרמען, וואָס העלפן-מיט דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר-קרעפטן, און ווערן אַ מניעה פאַר זייער אַנטוויקלונג. דאַן קומט די עפּאָכע פון סאָציאַלער רעוואָלוציע“.

פאַרמעגנס-פאַרהעלטענישן געהערן צום געביט פון ר ע כ ט. אין געגעבענעם מאָמענט העלפן-מיט די געגעבענע פאַרמעגנס-פאַרהעלטענישן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר-קרעפטן. הייסט עס, אַז די רעכטלעכע פאָרמען, וועלכע זענען אויסגעוואָקסן אויפן געגעבענעם עקאָנאָמישן יסוד, ווירקן פון זייער זייט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמיק. דערנאָך, — טאַקע צוליב אָט דער ווירקונג — קומט-אָן אַזאַ צייט, ווען די געגעבענע רעכטלעכע פאָרמען הייבן-אָן צו שטערן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר-קרעפטן. הייסט עס ווידער, אַז דידאָזיקע פאָרמען ווירקן — איצט שוין אין אַ פאַרקערטער ריכטונג — אויף דער אַנטוויקלונג פון די

סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּאַרהעלטעניש. צוליב דער סתירה צווישן די פּראָדוציר-קרעפטן און די פּאַרמעגנס-פּאַרהעלטענישן קומט אַן עפּאָכע פון סאָציאַלער איבערקערעניש. וואָס ווערט דערגרייכט דורך דער איבערקערעניש? עס ווערן באַזייטיקט די אַלטע און עס ווערן איינגעשטעלט נייע פּראָדוציר-פּאַרהעלטענישן, נייע רעכטלעכע אינסטיטוציעס. צוליב וואָס איז נויטיק די באַזייטיקונג און די ניי-איינפירונג? צוליב דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר-קרעפטן. הייסט דאָס ווידער-און-ווידער, אַז די רעכטלעכע פאָרמען, וואָס זענען אויסגעוואָקסן אויף דעם געגעבענעם עקאָנאָמישן יסוד, ווירקן אויך פון זייער זייט אויף אָט דעם יסוד. טאָ שוין-זשע איז דאָס נישט דאָסזעלבע, וואָס מאַרקס און ענגעלס זאָגן אין „מאַניפעסט”, און וואָס חזרט זיך איבער כמעט אין אַלע אַנדערע ווערק פון מאַרקסן, און טאַקע אויך אין די בריוו ענגעלסעס, וועלכע בערנשטיין ציטירט?

נו, און דער פּסיכישער „פאַקטאָר”? אפשר זאָגט זיך וועגן אים אין דער הקדמה עפּעס אַנדערש, ווי אין די אַנדערע ווערק פון מאַרקס און ענגעלס? — וועגן פּסיכישן פאַקטאָר רעדט זיך ווייניק אין דער הקדמה, אָבער דאָס, וואָס דאָרטן איז יאָ געזאָגט, איז אַבסאָלוט נישט סותר דאָס, וואָס ענגעלס זאָגט אין זיינע בריוו. די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר-קרעפטן שטעלט די מענטשן אין געוויסע פּראָדוציר-פּאַרהעלטענישן, פירט צו דער אַנטשטייונג פון געוויסע רעכטלעכע פאָרמען. צו די געגעבענע רעכטלעכע פאָרמען אַנטשפּרעכן געוויסע רעכטלעכע באַגריפן פון די מענטשן. מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר-קרעפטן הערן-אויף די אַלטע רעכטלעכע פאָרמען צו האַרמאָנירן מיט זיי; דאַן אַנטשטייט אין די קעפּ פון יענע מענטשן, וואָס די דיסהאַרמאָניע רירט-אָן זייערע אינטערעסן, אַ צווייפל, צי טויגן די אַלטע רעכטלעכע אינסטיטוציעס און צי זענען זיי יושרדיק; עס הייבן זיך אָן ביי זיי אויסבילדן נייע באַגריפן וועגן רעכט און גערעכטיקייט, וועלכע אַנטשפּרעכן דער ניי-דערגרייכטער אַנטוויקלונגס-שטופע פון די פּראָדוציר-קרעפטן. די דאָזיקע נייע באַגריפן גיבן דאַן די ריכטונג דער פּראַקטישער

טעטיקייט פון די קעמפער קעגן אַלטן סדר, און די טעטיקייט פירט דערצו, אַז עס שאַפן זיך נייע רעכטלעכע אינסטיטוציעס, וועלכע גיבן אַ נייעם שטויס דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־קרעפטן א. אַ. וו. א. אַ. וו. אָט דאָס זאָגט זיך אין דער הקדמה. און מיר פרעגן: צי איז דאָ פאַראַן כאָטש די מינדסטע סתּירה צו דעם, וואָס ענגעלס האָט געשריבן אין זיינע בריוו?

ניין. קיין סתּירה איז נישט פאַראַן. נאָר די הקדמה איז אָנגעשריבן מיט אַ מער אַבסטראַקטער שפּראַך און ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט. אין דער הקדמה האָט מאַרקס געוואָלט באַטאָנען, אַז די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן „ווערן נישט אויסגעטייטשט נישט דורך זייער אייגענער נאַטור, נישט דורך דער אַ. ג. אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן גייסט". דעריבער האָט דאָ מאַרקס דער עיקר אונטערגעשטראָכן דעם ע ק אָ נ אָ מ י ש ן יסוד אין דער אַנטוויקלונג פון אָט די פאַרהעלטענישן. ענגעלס ווידער, אין זיינע בריוו, האָט געהאַט צו טון מיט אַ מענטש, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז אין דער טעאָריע פון „עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם" איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר דער ווירקונג פון אַ פּאָליטישן, אַ רעכטלעכן, צי אַ גייסטיקן „פאַקטאָר", — האָט ער דעריבער נאָר דרך־אגב אָנגע־וויזן אויף דעם עקאָנאָמישן באַזיס פון די אַלע „פאַקטאָרן", און האָט ספּעציעל באַטאָנט, אַז דידאָזיקע „פאַקטאָרן", הגם זיי וואַקסן־אויס אויפן עקאָנאָמישן באָדן, ווירקן זיי אַליין פון זייער זייט אויף אָט דעם באָדן. דאָס איז גאָר.

אין אַן אַנדער אָרט פון זיין בראָשור ווייזט בערנשטיין אָן, אַז מאַרקס איז מגזם די „שאַפערישע פעיקייטן פונם רעוואָ־לוציאָנערן כּוח אויף איבערצואַנדערשן סאָציאַליסטיש די היינטיקע געזעלשאַפט". אָבער רעוואָלוציאָנערער כּוח איז פּאָליטישער כּוח. קומט, הייסט עס, אויס, אַז מאַרקס האָט געזינדיקט דערמיט, וואָס ער האָט גאָר מגזם געווען די באַדייטונג פונם פּאָליטישן כּוח. און אין דערזעלבער צייט האָט מאַרקס, לויט דער פאַר־זיכערונג פון זעלבן קריטיקער, געזינדיקט דערמיט, וואָס ער האָט נישט צוגעגעבן קיין באַדייטונג קיין שום אַנדערע „פאַקטאָרן", א חוץ דעם עקאָנאָמישן. היינט גיי פאַרשטיי דאָ עפּעס!

ה׳ בערנשטיין קריטיקירט נישט נאָר די היסטאָרישע טעאָריע פון מאַרקס און ענגעלס, נאָר אויך זייער לערע וועגן קלאַסן-קאַמף. לויט זיינע ווערטער, שטעלט איצט דער קלאַסן-קאַמף פאַרן פּראָלעטאַריאַט שוין נישט די אויפגאַבן, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן בשעתּם אָנגעוויזן. אין די סאַמע אַנטוויקלטע לענדער פון דער ציוויליזירטער וועלט קאָן איצט דער קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע נישט פירן צו דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, און דעריבער זענען איצט אַלע רייד וועגן דיקטאַטור פוסטע פראַזן-דרעשעריי. אָבער זאָל בעסער בערנשטיין אַליין רעדן:

„צי האָט, למשל, אַ זינען די פראַזע וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אין אַ צייט, ווען די פאָרשטייער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין די פאַרשידנסטע אינסטיטוציעס שטעלן זיך פּראַקטיש אויפן באָדן פון פאַרלאַמענטאַרישן קאַמף, פון פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטערשאַפט און פאָלקס-געזעצגעבונג — וואָס זענען אַ קעגנזאַץ צו דיקטאַטור? די פראַזע האָט זיך איצט אויף אַזויפיל איבערגעלעבט, אַז מען קאָן זי נישט אַנדערש ברענגען אין איינקלאַנג מיט דערווירקלעכקייט, סיידן מען זאָל ביים וואָרט „דיקטאַטור“ אַוועקנעמען זיין אמתן טייטש און צוגעבן אים עפּעס אַ געמילדערטן זינען“.

אין דער צווייטער העלפט פון די 80-ער יאָרן האָט זיך ביי אונז (אין רוסלאַנד) געהאַט באַוויזן אַ באַזונדערער טיפּ „סאָציאַליסט“, וואָס זיין וויכטיקסטע און מען קאָן זאָגן שמערצלעכסטע דאגה איז געווען — נישט איבערצושרעקן דעם ליבעראַל. דאָס געשפּענסט פון איבערגעשראָקענעם ליבעראַל האָט אַזוי געשראָקן אָט דעם מין סאָציאַליסטן, אַז דאָס האָט געפירט צו אַן אומגעהייערן פּלאָנטער אין אַלע זייערע טעאָרעטישע און פּראַקטישע חקירות. בערנשטיין דערמאָנט אין אָט די סאָציאַליסטן. זיין הויפּט-דאגה איז — מען זאָל, חלילה, מיט עפּעס-וואָס נישט איבערשרעקן די דעמאָקראַטישע בורזשואַזיע. אויב ער זאָגט זיך אָפּ פון מאַטעריאַליזם און לייגט-פאָר זיך אומקערן צו קאַנטן, איז

נאָר דערפאַר, וואָס קאַנטיאַניזם לאָזט־איבער פּלאַץ פאַר רעלי־
גיעזער אַבערגלויבעריי, און בערנשטיינען ווילט זיך נישט אָנרירן
די רעליגיעזע אַבערגלויבערייען פון די מאָדערנע בורזשואַ. אויב
בערנשטיין טרעט־אַרויס קעגן דער לערע פון היסטאָרישער נויט־
ווענדיקייט, איז נאָר דערפאַר, וואָס אָט די לערע, אין איר
אָנווענדונג צו סאָציאַלע דערשיינונגען, לאָזט נישט איבער קיין
שום פּלאַץ פאַר האָפענונגען מצד דעם פּראָלעטאַריאַט אויף דער
גוטהאַרציקייט פון דער בורזשואַזיע, און ממילא אויך נישט פאַר
אַ קעגנזייטיקער דערנענטערונג פון די צוויי קלאַסן. און לסוף,
אויב בערנשטיין האָט נישט ליב די „פּראַזע" וועגן פּראָלעטאַרישער
דיקטאַטור, איז ווידער נאָר דערפאַר, וואָס די „פּראַזע" רייצט
נישט־אָנגענעם דאָס אויער אַפילו ביי דער סאַמע דעמאָקראַטישער
בורזשואַזיע. אָבער פאַר מענטשן, וואָס שרעקן זיך נישט פאַרן
געשפּענסט פון איבערגעשראָקענע בורזשואַ, שטעלט זיך די
פראַגע וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריער אין גאָר אַן אַנדער
ליכט.

די דיקטאַטור פון דעם אָדער יענעם קלאַס באַטייט — ווי
דאָס האָט נאָך מיניע־ זייער גוט געוווּסט — אַזאַ הערשאַפט
פון דעם קלאַס, וועלכע דערלויבט אים אויסצונוצן די אָרגאַניזירטע
קראַפט פון דער געזעלשאַפט אויף צו באַשיצן זיינע אינטערעסן
און דערשטיקן, דירעקט אָדער אומדירעקט, אַלע יענע געזעל־
שאַפטלעכע באַוועגונגען, וועלכע רירן־אָן און ברענגען שאָדן אָט
די אינטערעסן *). אָט אין דעם זינען קאָן מען זאָגן, אַז, למשל,
דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע האָט זיך איינגעגעבן איינצושטעלן
איר דיקטאַטור נאָך אין דער עפּאָכע פון דער ערשטער גרינ־
דונגס־פאַרזאַמלונג, און פון דאַן אָן האָט זי, מיט איייניקע הפסקות,
נישט אויפגעהערט אויסצופירן אָט די דיקטאַטור ביז אויף היינ־

*) זאָל דער לעזער זיך דערמאָנען די פריער־געבראַכטע ווערטער פון
מיניע: „ס'איז באַקאַנט, אַז די קראַפט, וואָס קומט צו דער מאַכט, באַהערשט
אַלעמאָל די אינסטיטוציעס". אַז דער קלאַס „באַהערשט די אינסטיטוציעס" —
קומט די עפּאָכע פון זיין דיקטאַטור.

טיקן טאָג. די אויפגאַבע פונם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט איז דעריבער קודם-כּל — באַזייטיקן די באַדינגונגען, וועלכע מאַכן מעגלעך די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע. צו די וויכטיקסטע פון אָט די באַדינגונגען געהער די נישט-אַנטוויקלטקייט פונם קלאַסן-באַוווסטזיין ביי די פּראָלעטאַריער, פון וועלכע אַ גרויסער עקסטייל געפינט זיך נאָך ביזאיצט אונטערן איינפלוס פון די פלואַטאַטאָרס. איינע פון די וויכטיקסטע פּראַקטישע אויפגאַבן איז דעריבער — אויפצוקלערן די נישט-אויפגעקלערטע, אונטערשטופּן די אָפּגעשטאַנענע, אַנטוויקלען די נישט-אַנטוויקלטע. די פּאַרלאַמענטאַרישע און כּלערליי אַנדערע לעגאַלע טעטיקייט פון די פאַרטרעטער פון דער אַרבעטער-דעמאָקראַטיע העלפט פאַרווירקלעכן אָט די וויכטיקע אויפגאַבע, און דעריבער דאַרף מען זיך צו איר באַציִען מיט דעם גרעסטן ערנסט. די טעטיקייט איז גוט דערמיט, וואָס זי באַזייטיקט די גייסטיקע „מעגלעכקייטס-באַדינגונגען" פאַר דער בורזשואַזער דיקטאַטור, און באַשאַפט „מעגלעכקייטס-באַדינגונגען" פאַר דער צוקונפטיקער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. דידאָזיקע טעטיקייט געפינט זיך נישט אין קיין שום סתירה מיט דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט; זי גרייט אַליין צו די דיקטאַטור. אָנרופן פּ ר אַ ז ע דאָס, וואָס מען ווייזט-אָן די אַרבעטער אויף דער נויטיקייט פון דער דיקטאַטור פון זייער קלאַס, קאָן נאָר דער, וואָס האָט אָנגעוווירן יעדע פאָרשטעלונג וועגן ע נ ד צ י ל און טראַכט נאָר וועגן ב אַ ו ו ע ג ו נ ג... אין דער ריכטונג פון בורזשואַזן סאָציאַלים.

אָבער לויט בערנשטיינען קומט-אויס, אַז קלאַסן-דיקטאַטור געהער צו אַ נידעריקערן שטאַפּל פון קולטור, „און... מען דאַרף האַלטן פאַר אַ שריט צוריק, פאַר פּאָליטישן אַטאַוויזם דעם געדאַנק, אַז דער איבערגאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער צו דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט מוז כּלומרשט פאָרקומען אין די פאָרמען פון יענער עפּאָכע, ווען די היינטיקע מעטאָדן פון פּראָפּאַגאַנדע און פון דורכפירן געזעצן זענען געווען נאָך אומבאַקאַנט אָדער באַקאַנט אין זייער סאַמע פרימיטיווער פאָרם, און ס'האָבן נאָך געפעלט די נויטיקע (פאַר אַזאַ געזעצגעבונג) אָרגאַנען".

דיקטאַטור פון אַ קלאַס באַטייט, ווי מיר האָבן געזאָגט, אַזאַ הערשאַפט פון דעם קלאַס, וואָס דערלויבט אים אויסצונוצן די אָרגאַניזירטע קראַפט פון דער געזעלשאַפט אויף צו באַשיצן די אייגענע אינטערעסן און דערשטיקן אַלע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וועלכע באַדראָען, דירעקט אָדער אומדירעקט, די־דאָזיקע אינטערעסן. פרעגט זיך, צי קאָן מען די שטרעבונג צו אַזאַ הערשאַפט מצד דעם אָדער אַנדערן קלאַס פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט אָנרופן פאָליטישער אַטאַוויזם? ניין, מען קאָן נישט. אין דער געזעלשאַפט זענען פאַראַן קלאַסן. דאָרט, ווו ס'זענען פאַראַן קלאַסן, איז אומפאַרמיידלעך אַ קלאַסן־קאַמף. און ווו ס'איז פאַראַן קלאַסן־קאַמף, איז נאַטירלעך, אַז יעדער פון די קעמפנדיקע קלאַסן שטרעבט צו אַ פולן זיג איבערן קעגנער און צו פולער הערשאַפט איבער אים. די בורזשואַזיע און אירע אידעאָלאָגן מעגן — אין נאָמען פון „עטיק" און „יושר" — פאַראורטיילן אָט די שטרעבונג יעדעס מאָל, ווען דער פראָלעטאַריאַט ווייזט זי אַרויס מיט אַ באַזונדערער קראַפט. מיר ווייסן, אַז שוין אין יאַנואַר 1843 האָט גיזאָ געשטעמפלט דעם קלאַסן־קאַמף, אַלס צרה און חרפה פון פראַנקרייך. מיר ווייסן אָבער אויך, אַז אויב די בורזשואַזיע פאַראורטיילט דעם קלאַסן־קאַמף און די מאַכט־שטרעבונגען פונם אַרבעטער־קלאַס — איז ווייל אַזוי זאָגט איר אונטער דער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג. דיזעלבע בורזשואַזיע האָט גאָר אַנדערש געקוקט אויפן קלאַסן־קאַמף, בעת זי אַליין האָט נאָך געפירט איר דורותדיקן „פראָצעס" מיט דער אַריסטאָקראַטיע, און איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז אירע שיפן וועט קיין שום שטורם נישט דערטרינקען. דער אַרבעטער־קלאַס קאָן נישט און דאַרף נישט נתפעל ווערן פון דער כלומרשטער עטיק און כלומרשטן יושר, צו וועלכע עס אַפּעלירן איצט די בורזשואַ, אין צייטן פון דעקאַדאַנס *).

*) בפרט, אַז די דיקטאַטור פונם פראָלעטאַריאַט וועט בכלל אַ סוף מאַכן צו דער עקזיסטענץ פון קלאַסן, און ממילא וועט אויך אויפהערן דער קאַמף פון די קלאַסן, מיט די אַלע ליידן, וועלכע ער רופט אומפאַרמיידלעך

מיניע האָט געזאָגט, אַז צו רעכט קאָן מען זיך דערשלאָגן נאָר דורך כּוח, און אַז ביז היינט-צו-טאָג איז נישטאָ נאָך קיין אַנדערע העכסטע מאַכט, ווי כּוח. דאָס איז געווען ריכטיק, בעת דער דריטער שטאַנד האָט געפירט זיין קאַמף מיט דער אַריס-טאָקראַטיע, און דאָס איז געבליבן ריכטיק אויך איצט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט שטייט אין קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע. אויב מען זאָל נעמען איינרעדן די אַרבעטער, אַז אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט האָט שוין נישט מער קראַפט אַזאַ באַדייטונג, ווי זי האָט עס געהאַט ביים „אַלטן סדר" — וואָלט עס געהייסן זאָגן אַן אָפענעם שרייענדיקן ליגן, וועלכער וואָלט — ווי יעדער שקר — נאָר פאַרלענגערט און פאַרגרעסערט די „געבורטס-ווייען".

אמת, קראַפט און געוואַלט זענען נישט איינס-און-דאָס-זעלבע. אין די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע באַציִונגען ווערט די באַדייטונג פון יעדער מלוכה אויך באַשטימט דורך איר קראַפט, אָבער דאָס הייסט לחלוטין נישט, אַז דאָס רעכט פונם שטאַרקערן ווערט אין יעדן באַזונדערן פאַל דורכגעזעצט דווקא מיט דער הילף פון געוואַלט-אַקטן. דאָסזעלבע — איז אין די באַציִונגען צווישן קלאַסן. די באַדייטונג פון יעדן קלאַס ווערט תּמיד באַשטימט דורך זיין קראַפט, אָבער כּדי זיין באַדייטונג זאָל ווערן אָנערקענט, איז נישט אַלעמאָל נויטיק געוואַלט. די ראָל פון געוואַלט איז אַמאָל קלענער, אַמאָל גרעסער — אָפּהענגיק פונם פּאָליטישן רעזשים

צרויס. אָבער די בורזשואַזיע וויל נישט, און לויט איר געזעלשאַפטלעכן מעמד קאָן זי נישט דאָס פאַרשטיין. זי האָט געשטרעבט צו דיקטאַטור און האָט עס געהאַלטן פאַר אַ נויטיק און דערלאָזבאַר מיטל, בעת זי האָט געפירט איר קאַמף מיט דער אַריסטאָקראַטיע. אָבער זי האָט אָנגעהויבן פאַראורטיילן אָט דאָס מיטל און עס האַלטן פאַר איבעריק פונקט פון יענער צייט אָן, ווען מען האָט גענומען שמועסן וועגן דער דיקטאַטור פונם אַרבעטער-קלאַס. דאָס דערמאָנט אויף יענעם ווילדן, וועלכער האָט דעם אונטערשיד צווישן גוט און שלעכט אַזוי פאַרטייטשט: גוט איז, ווען איך נעם עפּעס צו ביי יענעם, שלעכט — ווען יענער נעמט עפּעס צו ביי מיר. און מען דאַרף האָבן אַ סך גוטן ווילן, כּדי צו האַלטן — ווי בערנשטיין — פאַר איבערצייגנדיק די אַרגומענטן פון דער בורזשואַזיע, וועלכע שרעקט זיך פאַרן געדאַנק גופא וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

פון געגעבענעם לאַנד. בערנשטיין מיינט, אַז אין די מאָדערנע דעמאָקראַטישע לענדער קאָן דער אַרבעטער-קלאַס דערגרייכן זיינע צילן, נישט אָנקומענדיק צו געוואַלט. דאָס איז אַ צו-אָפּטימיסטישער קוק, און ער נעמט זיך דערפון, וואָס בערנשטיינען ווילט זיך זייער נישט איבערשרעקן די בורזשואַזע דעמאָקראַטן. פראַנקרייך האָט היינט אַ דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע, פונדעסטוועגן וועט קיינער — ווער ס׳איז נאָר באַקאַנט מיטן אינערלעכן לעבן פונם לאַנד — נישט ערב זיין, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט דאָ נישט מוזן מיט כּוח זיך ווערן קעגן דער געוואַלט, וואָס ער פילט אויף זיך מצד דער בורזשואַזיע. אָדער נעמט כאָטש ביי די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע. אויך אַ דעמאָקראַטיש לאַנד. אָבער די באַפרייונג פון די נעגערן האָט אין אָט דעם דעמאָקראַטישן לאַנד נישט געקאָנט געשען אָן דער הילף פון אַ בירגער-קריג, און מען קאָן נישט ערב זיין דערפאַר, אַז דער אַמעריקאַנישער פּראָלעטאַריאַט וועט נישט מוזן אָנקומען צו *געוואַלט*, כּדי דורכצולייגן זיך דעם וועג צו זיין עקאָנאָמישער באַפרייונג. לויט בערנשטיינס מיינונג, אַז „די גאַנצע פּראַקטישע טעטיקייט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע שטרעבט צו שאַפן אַזעלכע אומשטענדן און באַדינגונגען, וואָס זאָלן מעגלעך און נויטיק מאַכן דעם איבערגאַנג פון היינטיקן געזעלשאַפטלעכן סדר צו אַ העכערן אָן קאָנוווּלסיווע אויפטרייסלונגען”. אַ קערנדל אמת איז פאַראַן אין אָט די ווערטער. די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איזווירקלעך פאַרינטערעסירט דערין, אַז דער איבערגאַנג צו אַ העכערער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג זאָל געשען אָן אויפטרייסלונגען. אָבער, הייסט דאָס דען, אַז זי דאַרף זיך אָפּזאָגן פונם געדאַנק וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט? אַבסאָלוט נישט! בעת די פאַראייניקטע אייראָפּעיש-אַמעריקאַניש-יאַפּאַנישע אַרמייען האָבן מאַרשירט אויף פּעקין, זענען זיי געווען שטאַרק פאַרינטערעסירט, אַז די כינעזישע הויפּטשטאָט זאָל פאַרנומען ווערן אָן בלוט-פאַרגיסונג, אָבער אין דערזעלבער צייט האָבן זיי אויף קיין איין מינוט נישט רעזיגנירט פון געדאַנק גופא וועגן פאַרנעמען די שטאָט. קיין שום ציל קאָן נישט געענדערט ווערן דערפון, וואָס

די מענטשן ווילן אים דערגרייכן מיט וואָס קלענערע אָנשטרענגונגען. אָבער אַז מענטשן האָבן באַשלאָסן דורכויס צו דערשלאָגן זיך צו אַ באַשטימטן ציל, דאַן איז שוין די אויסוואַל פון מיטלען אָפּהענגיק נישט פון זיי, נאָר פון די אומשטענדן. און דווקא דערפאַר, וואָס די אַרבעטער-דעמאָקראַטיע איז נישט אימשטאַנד פאָרויסצוזען די אַלע אומשטענדן, ביי וועלכע דעם אַרבעטער-קלאַס וועט אויסקומען אויסצוקעמפן זיין ה ע ר ש אַ פ ט, קאָן זי דעריבער נישט פרינציפּיעל זיך אָפּזאָגן פון יענע מיטלען, וועלכע געפעלן נישט בערנשטיינען. זי מוז געדענקען דעם אַלטן אויסגעפּרוווטן כּלל: ווילסטו שלום, טאָ גרייט זיך צו מלחמה.

מען וועט אונז אפשר זאָגן, אַז אָט, ענגעלס אַליין האָט אויף דער עלטער שטאַרק געראַטן די אַרבעטער-פּאַרטייען פון אַלע לענדער, זיי זאָלן אויסמיידן געוואַלט-מיטלען און זאָלן פאַרבלייבן אויפן באָדן פון פרידלעכן קאַמף מיט לעגאַלע מיטלען *). דערויף ווען מיר אָט וואָס ענטפערן:

ענגעלס האָט דידאָזיקע עצה זיינע געגעבן צוליב דריי טעמים: 1) ווייל פאַר דער קאָלעקטיוויסטישער אומענדערונג איז נויטיק אַ היכער באַוווסטזיין ביי דער אַרבעטער-מאַסע, און דערויף איז נויטיק צייט **), 2) ווייל די דייטשע אָרדענונגס-היטער באַמיען זיך איצט מיט אַלע כּוחות צו שטויסן די דייטשע אַרבעטער-פּאַרטיי צו אַן אויפשטאַנד, אין דער האָפענונג, אַז זיי וועלן זי צעשלאָגן און דערמיט אַ סוף מאַכן צו אירע אומאויפ-

---

*) זע זיין הקדמה (דאַטירט מערץ 1895) צו מאַרקס' ווערק וועגן קלאַסן-קאַמף אין פראַנקרייך אין די יאָרן 1848—1850.

**) „די צייט פון אומגעריכטע רעוואָלוציעס, פון רעוואָלוציעס פון קליינע באַוווסטזיניקע מינדערהייטן אין שפּיץ פון אומבאַוווסטזיניקע מאַסן, איז שוין אַריבער. דאָרט ווו עס האַנדלט זיך וועגן אַ פולשטענדיקער אומענדערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, מוזן די מאַסן זעלבסט זיין דערביי, זיי מוזן אַליין האָבן באַנומען, אין וואָס עס גייט, פאַרוואָס זיי דאַרפן זיך איינשטעלן... כּדי אָבער די מאַסן זאָלן פאַרשטיין, וואָס זיי האָבן צו טון, איז נויטיק לאַנגע געדולדיקע אַרבעט" א. אַ. וו. — „די קלאַסן-קאַמפן אין פראַנקרייך", הקדמה.

הערלעכע דערפאָלגן, און 3) ווייל די מאָדערנע באַוואָפענונג פונם מיליטער מאַכט האָפענונגסלאָז יעדן פרווו פון אַ גאַסן-אויפשטאַנד.

די ערשטע צוויי טעמים נויטיקן זיך נישט אין קיינע שום „אויסבעסערונגען" אָדער „פירושים". זיי זענען אַזוי קלאָר אויסגעדריקט און זייער ריכטיקייט איז אַזאַ באַשיימפּערלעכע, אַז קענען זיי ווערן נישט דערווידערן נישט די, וואָס קאָנען אויף אַן אמת קריטיקירן מאַרקסן און ענגעלסן, און נישט אַפילו די, וועלכע קאָנען זיך נאָר פוצן אין פעדערן פון „קריטיקער". אָבער דידאָזיקע צוויי טעמים טרעטן נישט אַרויס קעגן געוואַלט-מיטלען בכלל, נאָר בלויז קעגן פריצייטיקע געוואַלט-מיטלען, און דעריבער האָבן זיי קיין שום שייכות נישט מיט די אַרגומענטן פון די, וואָס שטרעבן צו „פרידלעכער אַנטוויקלונג" פאַר יעדן פרייז.

וואָס איז שייך דעם דריטן טעם, איז ביי אַ געהעריקן אַנאַליז זעט מען, אַז ער האָט גאָר אַן אַנדערן זינען, ווי דאָס דוכט זיך אויס פון אויבן-אויף.

אַנטוויקלענדיק אָט דעם מאָטיוו, זאָגט ענגעלס, אַז ביז 1848 האָבן אינסורגענטן נישט זעלטן געזיגט אין גאַסן-שלאַכטן, נאָר דאָס איז געווען צוליב אַ רייע פאַרשידענע סיבות. אין פאַריז, אין יולי 1830 און אין פעברואַר 1848, און אין ס׳רוב גאַסן-שלאַכטן אין שפּאַניע האָט וועגן אויסגאַנג פונם קאַמף דעצידירט די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, וועלכע האָט מיט איר נישט-דעצידירטער האַלטונג דעמאָראַליזירט די רעגולערע אַרמיי, אָדער זי איז אַפילו אָפן אַריבער אויף דער זייט פון די אינסורגענטן. דאָרט אָבער, ווו זי איז באַלד פון אָנהייב אַרויסגעטראָטן ענערגיש קעגן די אינסורגענטן, האָבן זיך די אויפשטאַנדן תמיד געענדיקט מיט אַ מפּלה. אַזוי איז געווען, למשל, אין פאַריז אין יוני 1848. אַלנפאַלס, די אינסורגענטן האָבן געזיגט נאָר דאָרטן און נאָר דאַן, ווו און ווען זיי האָט זיך איינגעגעבן אַ וואַקל צוטון די מאָראַלישע פעסטקייט פונם מיליטער. אַפילו אין די קלאַסישע צייטן פון גאַסן-שלאַכטן האָבן אויך די באַריקאַדעס געהאַט מער אַ מאָראַלישע באַדייטונג, איידער אַ מאַטעריעלע. זיי האָבן באַשווערט די באַוועגונג פונם

מיליטער, און דורכדעם געגעבן צייט די אינסורגענטן צו ווירקן אויף זיין מאָראַלישן צושטאַנד. אויב אָבער דאָס מיליטער האָט זיך נישט געלאָזט באַאיינפלוסן, איז עס תמיד געבליבן דער זיגער...

צום סוף פון זיין לעבן האָט ענגעלס באַדייטנד געענדערט זיין בליק אויף דער ראָל פון אָפענע אויפשטאַנדן אינם באַפרייונגס-קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט. בעת ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער מאַניפעסט, האָט ער, צוזאַמען מיט מאַרקסן, געהאַלטן, אַז אַן אָפענער אויפשטאַנד איז דער אומבאַדינגטער תנאי פון זיג פאַרן אַרבעטער-קלאַס; און צום סוף פון זיין לעבן האָט ענגעלס אָנגעהויבן מיינען, אַז ביי געוויסע באַדינגונגען קאָן דער לעגאַלער וועג אויך ברענגען צו אַ נצחון, און דעם אויפשטאַנד האָט ער אָנגעהויבן האַלטן פאַר אַזאַ מיטל, וואָס קאָן, ביי דער היינטיקער מיליטער-טעכניק, ברענגען נישט קיין זיג, נאָר ביטערע מפּלות, און דאָס קאָן נישט ווערן אַנדערש, ביז די אַרמיי אַליין וועט נישט דורכגעדרונגען ווערן מיט קאָלעקטיוויסטישן גייסט.

דערדאָזיקער נייער בליק ענגעלסעס פאַרדינט, פאַרשטייט זיך, די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט; אָבער ער איז לחלוטין נישט סותר דאָס, וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט וועגן דער מעגלעכער באַדייטונג פון געוואַלט-מיטלען.

צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז איין זאַך איז דיקטאַטור פון קלאַס, און עפּעס אַנדערש זענען די געוואַלט-מיטלען, וועלכע דער קלאַס דאַרף אָנווענדן ביי זיין שטרעבן צו דיקטאַטור. אין דער רעסטאַוראַציע-צייט האָבן גיזאָ מיט זיינע אידייען-חברים זייער ענערגיש און באַוווסטזיניק געשטרעבט איינצושטעלן די דיקטאַטור פונם „מיטל-קלאַס”, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געקלערט וועגן געוואַלט-מיטלען. גיזאָ וואָלט דאַן זיכער שאַרף פאַראורטיילט יעדן פּלאַן פון אַ גאַסן-אויפשטאַנד. אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט צו זיין אַ רעוואָלוציאָנער, ווייל ער האָט אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו אַנטוויקלען אין די מוחות פון די מענטשן פון „מיטל-קלאַס” דעם באַוווסטזיין

פֿון דער פֿיינטלעכער קעגנזעצלעכקייט צווישן זייערע אינטערעסן און די אינטערעסן פֿון דער אַריסטאָקראַטיע, און זיי דערווייזן, אַז יעדער געדאַנק וועגן אַן אויסגלייך איז נאָר אַ שעדלעכע אילוזיע. דאָסזעלבע (נאָר פֿאַרטרעטנדיק דעם שטאַנדפּונקט פֿון אַן אַנדערן קלאַס) האָבן געטון מאַרקס און ענגעלס, און ביי דעם האָבן זיי זיך געהאַלטן ביז צו זייער לעצטן אָטעם-צוג. אין דעם פּרט האָבן זיך זייערע בליקן אַפֿילו אויף אַ האָר נישט געענדערט, — קעגן אַלע פֿאַרזיכערונגען פֿון יענע „קריטיקער“, וועלכע באַשטייען איבגאַנצן, לויט מאַרקס' אויסדרוק, „פֿון איין זייט“ און „פֿון דער אַנדערער זייט“, און וועלכע וואָלטן זייער געוואָלט באַפֿרייען דעם פּראָלעטאַריאַט, נישט באַליידיקנדיק דערביי די בורזשואַזיע, און צו וועלכע עס פּאַסן זיך ניטשעס ווערטער: „Selig sind die schläfrigen, denn sie sollen bald einnicken“ (אַז וווֹיל איז צו די שלעפֿעריקע, זיי וועלן באַלד איינדרעמלען).

דאָס איז אַלץ, וואָס אונז האָט זיך געוואָלט זאָגן מכּוח דעם גרונט-געדאַנק פֿונם „מאַניפֿעסט“ און מכּוח די אויספֿירן, וואָס דרינגען פֿון אים אַרויס.

געשיכטלעכער אריינפיר לויט ד. ריאזאנאָוו.

דער „מאַניפעסט" הייבט־אָן מיט זיך אַ נייע תקופה אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער פּראָקלאַמירט און פאָרמולירט צום ערשטן מאָל קלאָר און דייטלעך די צילן און אויפגאַבן פון דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג. מען מוז אָבער כאָטש בקיצור קענען דעם „ערב־מאַניפעסט", כדי בעסער צו פאַרשטיין דעם מאַניפעסט גופא.

לאָמיר אָנהייבן פון יאָר 1830. דייטשלאַנד איז צעברעקלט אויף עטלעכע צענטליק מלוכות. דער רעזשים איז — זעלבסט־הערשונג. די רעוואָלוציאָנערע חברות (דערהויפּט פון סטודענטן) ווערן אומברחמנותדיק פאַרפאָלגט. דער רוסישער צאַר און דער עסטרייכישער אימפּעראַטאָר (מיט זיין הויפּט־מיניסטער מעטערניך) שטיצן די רעאַקציע אין גאַנץ אייראָפּע.

אין פראַנקרייך איז אויך דערשטיקט די פרייהייטס־באַוועגונג. די דינאַסטיע פון די בורבאָנען איז זייט 1815 — נאָכדעם ווי מען האָט אַראָפּגעוואָרפן נאַפּאָלעאָנען — ווידער ביים מלוכה־רודער (די צייט פון 1815 ביז 1830 רופט זיך עפּאָכע פון רעסטאַוראַציע).

אָבער אין יולי 1830 ברעכט־אויס אין פּאַריז אַ נייע רעוואָלוציע. אין שפּיץ זענען די קעגנער פון די בורבאָנען. די בירגערלעכע רעוואָלוציאָנערן זאָגן־צו די אַרבעטער הרים־וגבעות — און די אַרבעטער קעמפן ווי לייבן אויף די באַריקאַדן. אָבער מען נאַרט זיי אָפּ, די אַרבעטער. די מאָנאַרכיע בלייבט ווייטער. נישט מער — אָנשטאָט די בורבאָנען, פאַרכאַפּן איצט דעם טראָן די אָרלעאַנער. די בורבאָנישע דינאַסטיע איז געווען פאַרבונדן דערהויפּט מיט דער פריצישער אַריסטאָקראַטיע; די אָרלעאַנישע

דינאַסטיע האָט שוין מער אָפּגעהיט די אינטערעסן פון דער נײַ־אויפגעקומענער בורזשואַזיע. אין דער עפּאָכע פון דער יולי־מאָנאַרכיע (1830—1848) האָבן שוין געוועלטיקט באַנקירן און קאַפּיטאַליסטן.

די יולי־רעוואָלוציע האָט אויפגעטרייסלט גאַנץ אייראָפּע. אין ענגלאַנד האָט די אַריסטאָקראַטיע געמוזט שטאַרק נאָכגעבן דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע (אין 1832) און אָפּטרעטן איר אַ היפּשע צאָל ערטער אין פּאַרלאַמענט. אויך דאָ זענען די אַרבעטער, וואָס האָבן געשטיצט די בורזשואַזיע אין איר קאַמף מיט דער אַריסטאָקראַטיע, געבליבן די נאַראָנים. ערשט נאָך דעם האָבן זיי אָנגעהויבן זייער קאַמף, אָבער שוין קעגן דער בורזשואַזיע מיט דער אַריסטאָקראַטיע.

אין בעלגיע האָט אויך אויפגעפלאַקערט אַן אויפשטאַנד, און זי האָט זיך אָפּגעטיילט פון האָלאַנד, מיט וועלכער זי איז פריער געווען פאַרייניקט אין איין מלוכה. פּונקט ווי אין פראַנקרייך, איז אויך דאָ איינגעשטעלט געוואָרן אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג, ד. ה., עס איז פאַרבליבן אַ מאָנאַרכיע, נאָר אַ באַגרענעצטע דורך אַ פאַרטרעטערשאַפט פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן.

אין דייטשלאַנד זענען אין אַ רייע קליינע מלוכות פאָרגעקומען אויפשטאַנדן. די איבערגעשראָקענע מלכים האָבן מסכים געווען צו „געבן" אַ קאָנסטיטוציע, אָדער זיי האָבן אָפּגעשוואַכט אויף דער ערשטער צייט דעם דרוק. אויף אַזאַ אופן איז פאָרגעקומען, אַז נאָכדעם ווי דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי האָט דערשטיקט דעם פּוילישן אויפשטאַנד, וואָס איז אויך געווען אַן אָפּקלאַנג פון דער יולי־רעוואָלוציע, האָט מען די אַנטלאָפענע פּוילישע רעבעלן דורכגעלאָזן דורך דייטשלאַנד, און די באַפעלקערונג האָט זיי אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם.

אין אָנהייב פון די 30־ער יאָרן טרעפן מיר אין דייטשלאַנד די ערשטע שפּורן פון דייטשישע אַרבעטער און בעלי־מלאכות, וואָס באַטייליקן זיך אין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. בשעת די דייטשישע דעמאָקראַטן האָבן אין יאָר 1832 איינגעאָרדנט

אין האַמבאַך אַ דעמאָנסטראַציע (די אַזויגערופענע האַמבאַכער פייערלעכקייט), האָבן אַרבעטער זיך באַטייליקט אין דער אָרגאַניזאַציע, און איינער פון זיי, יאָהאַן פיליפּ בעקער, אַ יונגער בערשטער, האָט אין זיין רעדע געטענהט, אַז אַנטקעגן דער געוואַלט פון דער רעגירונג מוז מען אַרויסשטעלן קראַפט *).

צווישן די דייטשישע סטודענטן האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ נייע באַוועגונג. אייניקע פון זיי האָבן געזוכט צו דערנענטערן זיך צו די בעלי-מלאכות און אַרבעטער, און האָבן אַפילו געפּרווּט, ווי, למשל, שוסטער, שאַפּער, ביוכנער, צו אָרגאַניזירן צווישן זיי אַ רעגולערע אַרבעט. אינגיכן זענען זיי געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד און באַהאַלטן זיך אין אויסלאַנד. ביוכנער איז אַנטלאָפן קיין שווייץ, וווּ ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט וויסנשאַפט און שרייבן, ער איז אָבער זייער גיך געשטאָרבן, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן **). שוסטער און שאַפּער זענען געלאָפן קיין פראַנקרייך און האָבן זיך באַזעצט אין פּאַריז.

אין פראַנקרייך האָט זיך שוין דאַן געהאַט אָנגעהויבן אַן אַרבעטער-באַוועגונג. אַ באַזונדערס שטאַרקן רושם האָט געמאַכט דער אויפשטאַנד פון די זייד-וועבער אין ליאָן אין יאָר 1831. „לעבן אַרבעטנדיק, אָדער שטאַרבן אין שלאַכט" — האָבן זיי אָנגעשריבן אויף זייער שוואַרצער פאָן. עטלעכע טעג האָבן זיי געהאַלטן די שטאָט אין זייערע הענט. די רעגירונג האָט אָבער אַרויסגעשיקט קעגן זיי אַ גאַנצע אַרמיי און האָט דעם אויפשטאַנד דערשטיקט.

דער ליאָנער אויפשטאַנד האָט באַוויזן, אַז אויך ביי אַ קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדענונג בלייבן די אַרבעטער רעכטלאָזע קרבנות אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן. גלייכצייטיק האָבן

---

*) פון דאַן-אָן טרעפן מיר אים אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג ביז דעם יאָר 1886, ווען ער איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער.

**) נאָך איצטער שטעלט מען אין די טעאַטערס זיין באַרימטע דראַמע פון דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — „דאַנטאָנס טויט".

די סטודענטישע רעוואָלוציאָנערן געמאַכט פונם אויפשטאַנד דעם אויספיר, אַז מען מוז אַריינציען אין די געהיימע געזעלשאַפטן אויך די אַרבעטער. זיי זענען געווען זיכער, אַז אַ קליין הייפל גוט אָרגאַניזירטע מענטשן קאָנען אין אַ פּאַסיקן מאָמענט פאַרכאַפּן די מאַכט, און מיט דער הילף פון באַפעלן, דעקרעטן, לטובת די אַרבעטסלייט, געווינען פאַר זיך דאָס פאָלק און אויף אַזאַ אופן מאַכן אַ רעוואָלוציע. בראש פון דידאָזיקע רעוואָלוציאָנערן איז געשטאַנען אָגיוסט בלאַנקי, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שאַפן אַלץ נייע געהיימע געזעלשאַפטן.

די רעוואָלוציאָנערן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד, האָבן אינגיכן גענומען אויך אַזוי טון, און האָבן געגרינדעט אַן אייגענע געזעלשאַפט. אַרויסגעהאָלפן האָט זיי דערביי נאָך אָט וואָס: ביי די דייטשישע בעלי-מלאכות און געזעלן, דער עיקר ביי די שניידערס און סטאָלערס, איז געווען איינגעפירט אַרומצוררייזן אין די לער-יאָרן, „זען אַ וועלט", לערנען זיך די מלאכה און אַ לעב-טון אין עפעס אַ גרויסער אינדוסטריעלער שטאָט. אַ סך פון זיי פלעגן זיך לאָזן אין דער שווייץ און ענגלאַנד, די מערהייט אָבער פלעגט בעסער פאָרן אין דעם רעוואָלוציאָנערן פּאַריז. אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן האָט זיך דאָרטן אָנגעקליבן עטלעכע צענטליק טויזנט אַזעלכע אָנגעפאָרענע דייטשישע אַרבעטער.

— אין יאָר 1834 האָבן שוסטער און שאַפּער געגרינדעט די „געזעלשאַפט פון גערודפטע אָדער פאַרוואָגלטע", נאָר אינגיכן זענען זיי זיך פונאַנדער-געגאַנגען מיט דעם מער מעסיקן טייל, וועלכער האָט זיך באַ-גרענעצט נאָר מיט פּאָליטישער אַרבעט און נישט געוואָלט אויפ-הויבן די פראַגע וועגן רייכע און אָרימע.

אין יאָר 1836 האָט שאַפּער מיט זיינע חברים געגרינדעט אַ געזעלשאַפט „פאַרבאַנד פון גערעכטיקע", וואָס האָט זיך ענג פאַרבונדן מיט דער „געזעלשאַפט פון די צייטן פון יאָר", ווו די אָנפירער זענען געווען בלאַנקי און באַרבעס. די מערהייט מיטגלידער פון דעם „פאַרבאַנד פון גערעכטיקע" זענען געווען

אַרבעטער. שאַפּער איז געוואָרן אַ זעצער, און אינאיינעם מיט באַוער, אַ שוסטער, האָט ער געאַרבעט צווישן די דייטשישע אַרבעטער. אינגיכן איז צו זיי צוגעשטאַנען דער שניידער ווילהעלם ווייטלינג, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט פון שאַפּערן מיט באַוערן נאָך דערמיט, וואָס ער איז געווען זייער אַ פעיקער שרייבער. אין 1838 האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ ווערק „די מענטשהייט, ווי זי איז און ווי זי דאַרף זיין". דאָס איז געווען דאָס ערשטע ווערק, ווו די דייטשישע אַרבעטער האָבן זיך דערקלערט פאַר קאָמוניסטן. ווייטלינג האָט זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט פאַר אָפּשאַפן פריוואַט-אייגנטום, ער האָט אָבער נאָך אַלץ געזוכט צו באַגרינדן זיין לערע דורכן אַלטן קריסטנטום.

דעם 12-טן מאַי 1839 האָט בלאַנקי מיט זיינע חברים באַשלאָסן צו מאַכן אין פּאַריז אַן אויפשטאַנד. דער-דאָזיקער פּרווו צו פאַרכאַפּן די מאַכט האָט זיך געענדיקט מיט אַ מפּלה. די מיטגלידער פון דעם „פאַרבאַנד פון גערעכטיקע" האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דעם קאַמף און זענען אינאיינעם מיט זייערע פראַנצויזישע חברים אויסגעשטאַנען אַלע רעזולטאַטן פון דעם דורכפאַל.

נאָך עטלעכע חדשים תפיסה האָט מען שאַפּערן און באַוערן פאַרטריבן פון פראַנקרייך און זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין לאָנדאָן. אַנדערע מיטגלידער פון דעם „פאַרבאַנד פון גערעכטיקע", ווי ווייטלינג, זענען אַוועק אין דער שווייץ. דער פאַרבאַנד, ווי אַ גאַנצער, האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, נאָר איינציקע מיט-גלידער זיינע האָבן נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן.

שאַפּער און באַוער זענען אַריינגעפאַלן אין לאָנדאָן גאָר אין אַן אַנדערער סביבה, איידער זייערע חברים, וואָס זענען אַנ-געקומען אין דער שווייץ. אין ענגלאַנד האָט זיך דאַן שוין אָנ-געהויבן אַ ברייטע אַרבעטער-באַוועגונג. אָפּגענאַרט דורך דער בורזשואַזיע אין יאָר 1832, האָבן זיי שוין אין יאָר 1836 גע-גרינדעט די לאָנדאָנער אַרבעטער-געזעלשאַפט, וואָס האָט אָנ-געהויבן אַ העפטיקן קאַמף פאַר אַלגעמיינעם וואַל-רעכט. צום יאָר

1840 איז דידאַקטיש באַוועגונג, די טשאַרטיסטישע, שוין געווען אַ גרויסע קראַפט. ווען די טשאַרטיסטן האָבן אין יאָר 1842 דערלאַנגט אַ פּעטיציע מיט דער פאָדערונג פון אַלגעמיינעם וואַל-רעכט, זענען אויף איר געווען דריי מיליאָן חתימות.

שאַפּער און באַוער האָבן זיך גיך פאַרבונדן מיט די דייטשישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ גרויסער צאָל אין דער לאָנדאָנער שניידערשער און בוי-אינדוסטריע, און האָבן געגרינדעט אין פעברואַר 1840 אַ זעלבסטבילדונגס-געזעלשאַפט פאַר דייטשישע אַרבעטער. אַ חוץ זיי, האָבן זיך איצט אַרויסגערוקט דער מאָלער פּענדער, דער זייגערמאַכער מאָל, דער שניידער עקאַריוס.

אין דער געזעלשאַפט פלעגט מען לייענען פאָרטראָגן און פירן היציקע דיסקוסיעס וועגן דעם „לויפנדיקן מאָמענט". שאַפּער און זיינע חברים האָבן אין דערזעלביקער צייט אָנגעהאַלטן נאָענטע באַציִונגען מיט די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אויסגעקליבן לאָנדאָן פאַר זייער וווין-אָרט, און מיט די ענגלישע טשאַרטיסטן. זומער 1844 איז אין לאָנדאָן געקומען צופאָרן וויטלינג, ווען מען האָט נאָך פאַרשידענע מאַטערנישן געהאַט אַרויסגעשיקט פאַר קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע פון דער שווייץ. מען האָט אים זייער הייס אויפגענומען אין לאָנדאָן. מען האָט לכּבוד אים געמאַכט אַ מיטינג. דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אין לאָנדאָן, וווּ עס האָבן זיך באַטייליקט ענגלענדער, דייטשן, פראַנצויזן און פּאָליאַקן.

שוין אין אָקטאָבער 1844 איז, לויט שאַפּערס אויפטו, געגרינדעט געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „דעמאָקראַטישע פריינט פון אַלע פעלקער", וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל — אַ דערנענטערונג צווישן די רעוואָלוציאָנערן פון פאַרשידענע לענדער, פאַרשטאַרקן די ברידערלעכקייט צווישן אַלע פעלקער, אויסקעמפן פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע רעכט.

וויטלינג האָט געפונען אין זיינע חברים אַ גרויסע ענדערונג. אין דער צייט, וואָס ער אין דער שווייץ האָט זיך גע-

דרייט נאָר צווישן בירגער און בעלי-מלאכות, האָבן זיינע חברים אין לאָנדאָן גאָר ענג פאַרבונדן זיך מיט די ענגלישע פּראָלע-טאַריער און האָבן זיך באַטייליקט דירעקט אין זייער קאַמף. זיי האָבן שוין געמאַכט אויספירן פון דעם נישט-געלונגענעם פּרווו פון 12-טן מאַי 1839, און האָבן אָנערקענט, אַז אַזעלכע בונטאַרישע פּרוּוון זענען נישט צוועקמעסיק.

די חלוקי-דעות זענען נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן, נאָכ-דעם ווי שאַפּער און זיינע פריינט האָבן זיך באַקענט זומער 1845 מיט צוויי דייטשישע קאָמוניסטן מאַרקס און ענגעלס.

זיי ביידע האָבן געשטאַמט פון אַ בורזשואַזער סביבה. מאַרקס (געבוירן דעם 5-טן מאַי 1818) איז געווען אַן אַדוואָקאַטס אַ זון, ענגעלס (געבוירן דעם 28-טן נאָוועמבער 1820) איז געווען אַ זון פון אַ טעקסטיל-פאַבריקאַנט. ביידע האָבן פון די יונגע יאָרן אָן אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דעם קאַמף, וואָס די דייטשישע „אינטעליגענץ" האָט דאַן געפירט קעגן דער מאָנאַרכיע און קעגן אַדל. ביידע זענען געוואָרן קאָמוניסטן, זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט צופרידן בלייבן — דער עיקר, מאַרקס—מיט דער לערע, וואָס איז דאַן אַמערסטן געווען פאַרשפּרייט צווישן די קאָמוניסטן.

מאַרקס איז שוין אין יאָר 1844 געקומען צום שלוס, אַז די „אינטעליגענץ" אַליין איז אָנמעכטיק אין קאַמף מיט דער בור-זשואַזער געזעלשאַפט, אַז נישט מיט דער הילף פון אַן אויפ-שטאַנד, צוגעגרייט דורך אַ קליין הייפל, וועט מען קאָנען דער-שלאָגן זיך צו אַ גרינטלעכער איבערקערעניש אין אַלע געזעל-שאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. דאָס קאָן טון נאָר אַזאַ געזעלשאַפט-לעכער קלאַס, וואָס איז געצווונגען צו פירן אַ קאַמף מיט דער געזעלשאַפט, אויב ער וויל פּטור-ווערן פון דרוק און עקספּלואַ-טאַציע. אַזאַ קלאַס האָט, לויט זיין מיינונג, געקאָנט זיין נאָר דער פּראָלעטאַריאַט. אין דער צייט, וואָס אַנדערע קלאַסן זענען אַזוי אָדער אַנדערש פאַראינטערעסירט אויפצוהאַלטן די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפט, וואָס איר יסוד איז פּריוואַט-אייגנטום אויף די פּראָדוציר-מיטלען, איז דער פּראָלעטאַריאַט דער איינצי-

קער קלאַס, וועלכער צייכנט זיך טאַקע דערמיט אויס, וואָס ער האָט נישט דאָסדאָזיקע פּריוואַט-אייגנטום. דערפאַר איז ער געצוווּנגען צו פאַרקויפן זיין אַרבעטס-קראַפט, ווי אַ סחורה. באַפרייען זיך פון דערדאָזיקער שקלאַפערײַ קאָן ער נאָר דאַן, ווען עס וועט איבערגעאַנדערשט ווערן די גאַנצע געזעלשאַפט, ווען עס וועט בטל-ווערן דאָס פּריוואַט-אייגנטום אויף פּראָדוציר-מיטלען, ווען עס וועט איינגעשטעלט ווערן אַ געזעלשאַפטלעך אייגנטום, און אויף אַזאַ אופן וועט פאַרשווינדן יעטוועדע עקספּלואַטאַציע פון איין מענטש דורך דעם אַנדערן. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף דערקענען זיינע קלאַסן-אינטערעסן, דאַרף זיך באַהעפטן מיט דער וויסנשאַפט און מאַכן אַ רעוואָלוציע. דער פאַרבאַנד צווישן דער וויסנשאַפט און דעם פּראָלעטאַריאַט וועט זיי מאַכן פאַר אומבאַזיגבאַר.

אָט די גרונט-מיינונג האָט געקראָגן אויך ענגעלס, וואָס האָט דאַן געאַרבעט איבער אַ בוך וועגן „דער לאַגע פון דעם אַרבעטער-קלאַס אין ענגלאַנד". צוזאַמען האָבן זיי ווייטער געפאָרשט די נאַטור פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, די תּנאים, ביי וועלכע ער קומט-אויף און אַנטוויקלט זיך, און די צוועקן, וואָס דרינגען פון אים אַרויס. ווינטער 1845—1846 האָבן זיי אויסגעאַרבעט די הויפּט-יסודות פון זייער לערע.

מאַרקס און ענגעלס האָבן איצטער אַנטוויקלט אַ ברייטע אַגיטאַציע פאַר זייער לערע. בריסעל, ווו זיי האָבן דאַן געוווינט, איז מחמת דער נאָענטקייט צו דער דייטשישער גרענעץ געווען זייער אַ באַקוועם אָרט פאַר פאַרבינדונגען מיט די דייטשישע אַרבעטער. מאַרקס און ענגעלס האָבן זיך איינגיכן געשטעלט אין צענטער פון דער גאַנצער דאַמאָלסטיקער אַרבעט צווישן די דייטשישע אַרבעטער. כּדי צוצוגרייטן אַ מער ברייטע אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי פאָרגעלייגט זייערע אָנהענגער צו אָרגאַניזירן אין די פאַרשידענע שטעט צווישן די אַרבעטער-געזעלשאַפטן, וואָס זענען דאָרט דאַן געווען, ספּעציעלע גרופּעס. יעדע פון זיי האָט געדאַרפט זיין פאַרבונדן מיטן בריסעלער קאָמיטעט. אַזעלכע גרופּעס זענען געשאַפן געוואָרן אין לאָנדאָן, — דאָרט זענען אַהין אַריינגעטראָטן שאַפּער, מאָל און זייערע פריינט, — און אויך אין

פּאַריז, ווו עס האָט געאַרבעט דערהויפּט ענגעלס, וועלכער איז אַריבערגעפאָרן אַהין. אומעטום איז פאָרגעקומען אַ היציקער קאַמף אומעטום האָט זיך געפירט זייער אַ לעבעדיקע דיסקוסיע. מיט וויטלינגען זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען נישט נאָר מאַרקס און ענגעלס, נאָר אויך זיינע אַלטע לאָנדאָנער פריינט. צוזאַמען מיט איינעם אַ סטודענט — קריגע, וואָס האָט געפּריידיקט אַ באַזונדערן מין קאָמוניזם, אויפן יסוד פון „ליבע", און האָט געוויכט פון קלאַסן-קאַמף, איז ער איינגיכן אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

נאָך אַן אומגעלונגענעם פּרווו צונויפצורופן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע קאָמוניסטישע גרופּעס אין בעלגיע, אין דער שטאָט ווערוויע, האַרט ביי דער גרענעץ פון דייטשלאַנד, האָט מען צונויפגערופן אַ צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן, זומער 1847. דאָ איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע, „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן", וואָס האָט פון אָנהייב-אָן געקראָגן אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. פאַרן צוועק פונם פאַרבאַנד האָט מען אַוועקגעשטעלט — פאַרניכטן די אַלטע בורזשואַזע געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף קלאַסן-קאַמף, און גרינדן אַ נייע געזעלשאַפט אָן קלאַסן און אָן פּריוואַט-אייגנטום.

דער סטאַטוט פון פאַרבאַנד איז געווען געבויט אויף די יסודות פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם. ער האָט נאָך געדאַרפט באַטראַכט ווערן דורך די אָרטיקע קאָמיטעטן און ווידעראַמאָל באַהאַנדלט ווערן אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר.

מען האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם זשורנאַל. דער פּראָבע-נומער איז אַרויס אין סעפּטעמבער 1847. אויפן ערשטן זייטל טרעפן מיר דאָרט דעם נייעם לאָזונג, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אָנגענומען: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!"

אָט דעם קלאַסן-לאָזונג האָט פאָרגעלייגט מאַרקס, אָנשטאָט דעם אַלטן אומבאַשטימטן לאָזונג: „אַלע מענטשן זענען ברידער!"

דער צווייטער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער — דעצעמבער 1847. נאָך לאַנגע וויכוחים האָט מען אָנגענומען דעם

נייעם סטאַטוט און די גרונט-הנחות פון דער נייער פּראָגראַם. צונויפשטעלן זי אין דער פאָרם פון אַ ספּעציעלן מאַניפעסט האָט מען איבערגעגעבן מאַרקסן, וואָס האָט צו זיין אַרבעט אויסגענוצט אויך דעם פּראָיעקט, וואָס ענגעלס האָט צונויפגעשטעלט.

מאַרקס האָט זיך גענומען פאַר דער אַרבעט. פאַרשטייענדיק, אַז אויף אים ליגט אַ גרויסע אחריות, אַז אַ פּראָגראַם, וואָס דאַרף צום ערשטן מאָל אַרויסשטעלן פאַר דער גאַנצער וועלט די צילן און אויפגאַבן פון דעם פּראָלעטאַריאַט, קאָן מען נישט אָנשרייבן היציקערהייט, — האָט ער זי לאַנג געהאַלטן אין באַאַרבעטן.

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דעם פאַרבאַנד (אין לאָנדאָן) האָט סוף-כל-סוף פאַרלוירן די געדולד, און האָט דעם 26 יאַנואַר 1848 אַוועקגעשיקט, מיט די אונטערשריפטן פון שאַפּער, מאָל און באַוער, אַ שטרענגן בריוו צו מאַרקסן, אַז אויב ער וועט נישט צושטעלן דעם מאַניפעסט צום 1-טן פעברואַר, מוז ער אומקערן צוריק אַלע דאָקומענטן, וואָס מען האָט אים געגעבן.

מאַרקס האָט אָפּגעשיקט דעם מאַניפעסט אין פעברואַר, און מען האָט אים תיכף אָפּגעדרוקט. דאָס האָט געמוזט זיין נישט פריער פון דער דריטער וואָך אין פעברואַר. דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט נישט אומזיסט צוגעטריבן מאַרקסן. אין יאַנואַר האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרקע אומרוען אין איטאַליע, און דעם 24-טן פעברואַר איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין פּאַריז (די פעברואַר-רעוואָלוציע), און דערנאָך די רעוואָלוציע אין ווין און בערלין (די מערץ-רעוואָלוציע).

* *
*

בעת דער רעוואָלוציע האָט דער „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן" געשפּילט אַ גאַנץ קנאַפּע ראָלע. מער נישט איינצלנע מיטגלידער זיינע, אי דאָס נישט ווי פאָרשטייער פון אַן אָרגאַניזאַציע, נאָר ווי יחידים, האָבן זיך באַטייליקט אין דער רעוואָ-

לוציע, און אַלץ מיט מער דערפאָלג, וואָס בעסער זיי האָבן באַנומען די גרונט-גערדאַנקען פון דעם מאַניפעסט.

נאָך דער מפּלה פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך אַ סך מיטגלידער פון דעם פאַרבאַנד ווידער צונויפגעקליבן אין לאָנדאָן. מען האָט געמאַכט אַ פּרוּוו אויפצושטעלן אים פונדאַסניי, אָבער די חלוקי-דעות האָבן גיך געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג. די מינ-דערהייט, נישט רעכנענדיק זיך מיט די באַדינגונגען פון דער ווירקלעכקייט, האָט געוואָלט נישט אַנדערש ווי תּיכּף מאַכן אַ נייע רעוואָלוציע. די מערהייט, בראש מיט מאַרקסן און ענגעלסן, האָט דערוויזן, אַז מען מוז פריער פאַרשטאַרקן די אָרגאַניזאַציע און אויסוואַרטן אויף אַ גינסטיקערער צייט. זיי האָבן געפּרוּווט באַנייען די פאַרבינדונג מיט דייטשלאַנד, דאָס האָט זיך זיי אָבער נישט איינגעגעבן. די וויכטיקסטע מיטגלידער האָט מען אויסגעשפּירט און איינגעזעצט. נאָך אָנדערטהאַלבן יאָר זיצן האָט מען זיי אין יאָר 1852 געמשפּט אין קעלן און פאַרמשפּט צו תּפיסה פון דריי ביז זעקס יאָר. דער „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן" אין לאָנדאָן האָט אַזוי-אַרום אָנגעוווירן יעטוועדן צוזאַמענבונד מיט דייטשלאַנד, און האָט זיך דערקלערט פאַר פונאַנדערגעלאָזן.

דער „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן" איז זיך צעפאַלן, אָבער דער „מאַניפעסט" איז פאַרבליבן, און האָט באַגלייט די אַרבעטער-באַוועגונג אויף איר גאַנצן ווייטערדיקן וועג. 82 יאָר זענען שוין פאַריבער, זינט דער מאַניפעסט איז דערשינען. פאַר דער צייט זענען אין דער וועלט פאָרגעקומען די טיפסטע ענדערונגען. אָבער אין דעם ווירבל-ווינט פון געשעענישן איז דער מאַניפעסט געבליבן שטיין פעסט, ווי אַ הויכער לייכטער-טורעם אויף אַ פעסטן גראַניט, און זיין ליכט דינט נאָך איצט ווי אַ וועג-ווייזנדיקער שטערן דער אַרבעטער-באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט.

פאָרווערטער פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס

I

דער „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן” — אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט צו יענער צייט געקאָנט זיין, פאַרשטייט זיך, נאָר אַ געהיימע — האָט אויף זיין קאָנגרעס אין לאָנדאָן, אין נאָוועמבער 1847, איבערגעגעבן די אונטן-אונטערגעשריבענע אויסצואַרבעטן אַן אויספירלעכע טעאָרעטישע און פּראַקטישע פּאַרטיי-פּראָגראַם, וואָס זאָל זיין באַשטימט פאַר דער עפנטלעכקייט. אַזוי איז אַנטשטאַנען דער ווייטער קומענדיקער מאַניפעסט. דער כתב-יד איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן צום דרוק אייניקע וואָכן פאַר דער פעברואַר-רעוואָלוציע. צוערשט איז דער מאַניפעסט דערשינען אויף דייטש, און איז אין דער-דאָזיקער שפּראַך אַרויס אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אַמעריקע צום ווינציקסטן אין צוועלף פאַרשידענע אויסגאַבעס. אויף ענגליש איז ער דערשינען צום ערשטן מאָל אין 1850 אין לאָנדאָן אין „Red Republican” אין דער איבערזעצונג פון מיס עלען מעק-פערלען, און אין 1871 אין אַמעריקע, מינדעסטנס אין דריי פאַרשידענע איבערזעצונגען. אויף פראַנצויזיש איז דער מאַניפעסט דערשינען צוערשט אין פּאַריז, קורץ פאַרן יוני-אויפשטאַנד פון 1848, און דערנאָך דאָ נישט לאַנג אינם ניו-יאָרקער „Le Socialiste”; חוץ דעם ווערט נאָך צוגעגרייט אַ נייע איבערזעצונג. אויף פּויליש האָט זיך דער מאַניפעסט באַוויזן אין לאָנדאָן, באַלד נאָך דער ערשטער דייטשער אויסגאַבע; אויף רוסיש — אין גענף אין די 60-קער יאָרן. אויך אויף דעניש איז דער מאַניפעסט געוואָרן איבערגעזעצט, באַלד נאָך זיין דערשיינען.

ווי שטאַרק די פאַרהעלטענישן האָבן זיך נישט געענדערט

פאַר די לעצטע 25 יאָר, פונדעסטוועגן האָבן די אַלגעמיינע הנחות, וואָס ווערן אַנטוויקלט אין דעם מאַניפעסט, נאָך ביז היינט-צו-טאָג איינגעהיט, אין אַלגעמיין, זייער פולע ריכטיקייט. פּרטים בלויז וואָלט מען באַדאַרפט דאָ און דאָרט אויסבעסערן. דער מאַניפעסט גופא זאָגט, אַז די פּראַקטישע אָנווענדונג פון אָט די פּרינציפּן וועט אומעטום און אַלעמאָל אָפּהענגען פון די געגעבענע היסטאָרישע באַדינגונגען; די רעוואָלוציאָנערע מאָס-מיטלען, וואָס ווערן פאָרגעלייגט צום סוף פון קאַפּיטאַל II, האָבן דעריבער נישט קיין באַזונדערס גרויסע באַדייטונג. היינט-צו-טאָג וואָלט דידאָזיקע שטעל אין פיל הינזיכטן אַנדערש אויסגעזען. צוליב דער געוואַלטיקער אַנטוויקלונג פון דער גרויס-אינדוסטריע פאַר די לעצטע 25 יאָר און דער פּאַראַלעלער אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע פונם אַרבעטער-קלאַס, ווי אויך צוליב דער פּראַקטישער דערפאַרונג, קודם פון דער פעברואַר-רעוואָלוציע, און נאָך מער פון דער פּאַריזער קאָמונע, ווו דער פּראָלעטאַריאַט האָט דאָס ערשטע מאָל צוויי חדשים לאַנג געהאַלטן אין זיינע הענט די פּאָליטישע מאַכט, — איז היינט דידאָזיקע פּראָגראַם אין איניקע ערטער שוין פאַרעלטערט. ספּעציעל די קאָמונע האָט באַוויזן, אַז „דער אַרבעטער-קלאַס קאָן נישט איינפאַך איבערנעמען די מלוכה-מאַשין ווי זי שטייט און גייט און זי לאָזן אין גאַנג פאַר זיינע צילן" (זע „דער בירגער-קריג אין פראַנקרייך, אַדרעס פון גענעראַל-ראַט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-אַסאָציאַציע", דייטשע אויסגאַבע ז. 19, ווו דער געדאַנק איז ברייטער אַנטוויקלט). ווייטער איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די קריטיק פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור איז פאַר היינטיקער צייט נישט קיין פולע, ווייל זי איז דערפירט נאָר ביזן יאָר 1847; דאָסזעלבע איז שייך צו די באַמערקונגען מכוח דער באַציִונג פון די קאָמוניסטן צו פאַרשידענע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען (קאַפּיטל IV): די באַמערקונגען זענען, אמת, נאָך היינט וויכטיק אין זייערע גרונט-שטריכן, אָבער אין די פּרטים זענען זיי פאַרעלטערט, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס די פּאָליטישע לאַגע האָט זיך פולשטענדיק געביטן, און די

בעשיכטלעכע אַנטוויקלונג האָט פּשוט ליקווידירט די גרעסטע צאָל פון די דאָרט דערמאָנטע פּאַרטייען.

אָבער — דער מאַניפעסט איז אַ היסטאָרישער דאָקומענט, און מיר האַלטן זיך נישט מער פאַר באַרעכטיקט עפּעס אין אים צו ענדערן. אַ שפּעטערדיקע אויסגאַבע וועט אפשר דערשיינען מיט אַן אַריינפיר, וואָס וועט באַריקזיכטיקן דעם צייט־שפּאַן פון 1847 ביזאיצט. די איצטיקע אויסגאַבע איז געקומען פאַר אונז צו־אומגעריכט, אַזוי אַז מיר האָבן קיין צייט נישט דערויף.

לאָנדאָן, 24 יוני, 1872. קאַרל מאַרקס, פרידריך ענגעלס.

II

דאָס פאָרוואָרט צו דער איצטיקער אויסגאַבע מוז איך ליידער, איינער אַליין אונטערשרייבן. מאַרקס — דער מאַן, וועמען דער אַרבעטער־קלאַס פון אייראָפּע און אַמעריקע האָט מער צו פאַרדאַנקען, ווי וועמען ס׳נישט איז — ליגט אויפן בית־עלמין אין הייגעט, און אויף זיין קבר וואַקסט שוין דאָס ערשטע גראָז. זינט ער איז טויט, קאָן שוין אַוודאי קיין רייד נישט זיין וועגן איבעראַרבעטן אָדער דערגאַנצן דעם מאַניפעסט. אָבער דערפאַר האַלט איך נאָך פאַר נויטיקער דאָ נאָכאַמאָל אויסדריקלעך פאָלגנדיקעס פעסטצושטעלן. —

דער גרונט־געדאַנק פונם מאַניפעסט: אַז די פּראָדוקציע פון ווירטשאַפטלעכע גיטער און די געזעלשאַפטלעכע גלידערונג, וואָס איז אַ נויטווענדיקער פּועל־יוצא פון אָט דער פּראָדוקציע — בילדן אין יעדער היסטאָרישער עפּאָכע דעם יסוד פאַר דער פּאָליטישער און אינטעלעקטועלער געשיכטע פון דער עפּאָכע; אַז אין הסכם דערמיט, איז די גאַנצע געשיכטע (זייט דער אוראַלטער קאָלעקטיווער ערד־באַזיץ איז בטל־געוואָרן) אַ געשיכטע פון קלאַסן־קאַמפן, פון קאַמפן צווישן עקספּלואַטירנדיקע און עקספּלואַטירטע, צווישן באַהערשטע און הערשנדיקע קלאַסן אויף פאַרשידענע שטופעס פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג; אַז דער־דאָזיקער קאַמף האָט איצט דערגרייכט צו אַזאַ שטופע, ווען דער

עקספּלואַטירטער און אונטערדריקטער קלאַס (פּראָלעטאַריאַט) קאָן זיך נישט אַנדערש באַפרייען פון דעם עקספּלואַטירנדיקן און אונטערדריקנדיקן קלאַס (בורזשואַזיע), סיידן ער זאָל גלייכצייטיק די גאַנצע געזעלשאַפט אויף שטענדיק באַפרייען פון עקספּלואַטאַציע, אונטערדריקונג און קלאַסן-קאַמפן — אָט דערדאָזיקער גרונט-געדאַנק געהערט נאָר און אויסשליסלעך מאַרקסן אַליין *).

איך האָב דאָס שוין נישט איינמאָל אַרויסגעזאָגט; אָבער גראָד איצט איז נויטיק, אַזאַ דערקלערונג זאָל זיך געפינען פאַר דעם מאַניפעסט גופא.

לאָנדאָן, 28 יוני, 1883.

פ. ענגעלס.

III

זינט די פריערדיקע שורות זענען געוואָרן אָנגעשריבן, איז ווידער נויטיק געוואָרן אַ נייע דייטשע אויפלאַגע פונם מאַניפעסט, און דערווייל האָט זיך אויך געמאַכט, אַז פאַר דער צייט האָבן פאַרשידענע זאַכן פאַסירט מיטן מאַניפעסט, וועלכע מעגן דאָ דערמאָנט ווערן.

אַ צווייטע רוסישע איבערזעצונג — פון וויעראַ זאַסוליטש — איז דערשינען אין 1882 אין גענף; די הקדמה צו דער אויסגאַבע האָבן מאַרקס און איך אָנגעשריבן. לײדער, האָב איך פאַר-

---

*) אין מיין פאָרוואָרט צו דער ענגלישער איבערזעצונג האָב איך געשריבן: צו דעמדאָזיקן געדאַנק, וועלכער באַטייט, לויט מיין מיינונג, פאַר דער געשיכטס-וויסנשאַפט פונקט אַזאַ דערפאָלג, ווי דאַרווינס טעאָריע פאַר דער נאַטור-וויסנשאַפט — צו דעמדאָזיקן געדאַנק זענען מיר ביידע ביסלעכווייז צוגעקומען עטלעכע יאָר נאָך פאַר 1845. ווי ווייט איך בין זעלבשטענדיק אַוועק אין דער ריכטונג, קאָן מען זען פון מיין בוך „די לאַגע פונם אַרבעטער-קלאַס אין ענגלאַנד”. אַז איך האָב אָבער פרילינג 1845 ווידער אַמאָל געטראָפן אין בריסל מאַרקסן, האָט ער שוין געהאַט פאַרטיק אויסגעאַרבעט אָט דעם געדאַנק און האָט אים אויסגעלייגט פאַר מיר כמעט מיט דיזעלבע קלאָרע ווערטער, ווי איך האָב אים אויבן איבערגעגעבן”.

לוירן דעם דייטשן אָריגינאַל, און איך מוז דעריבער צוריק איבער-
זעצן פון רוסישן, פון וואָס די אַרבעט קאָן, נאַטירלעך, נישט
געווינען; די הקדמה לויטעט:

די ערשטע רוסישע אויסגאַבע פונם „מאַניפעסט פון דער
קאָמוניסטישער פּאַרטיי", אין באַקונינס איבערזעצונג, איז דער-
שינען אָנהייב די 60-קער יאָרן, אין דער דרוקעריי פון „קאָלאָקאָל".
אַ רוסישע אויסגאַבע פון אָט דעם ווערק האָט דאַן אויף מערב
געהאַט העכסטנס די באַדייטונג פון אַ ליטעראַרישן קוריאָז. הייַנט
איז שוין אַזאַ קוק מער נישט מעגלעך. ווי באַגרענעצט עס איז
געווען דער פאַרשפּרייטונגס-שטח פון דער אַרבעטער-באַוועגונג
צו דער צייט, ווען דער מאַניפעסט איז צום ערשטן מאָל פאַר-
עפנטלעכט געוואָרן (יאַנואַר 1848) — ווייזט אַמבעסטן דאָס לעצטע
קאַפּיטל: „די באַציִונג פון די קאָמוניסטן צו די פאַרשידענע
אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען". דאָ פעלן קודם-כּל רוסלאַנד און די
פאַראייניקטע שטאַטן. עס איז געווען די צייט, ווען רוסלאַנד האָט
מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם לעצטן גרויסן רעזערוו פון דער
אייראָפּעישער רעאַקציע, און די עמיגראַציע אין די פאַראייניקטע
שטאַטן האָט איינגעשלונגען די איבעריק געוואָרענע קרעפטן פונם
אייראָפּעישן פּראָלעטאַריאַט. ביידע לענדער האָבן באַזאָרגט
אייראָפּע מיט רוי-שטאָפן, און גלייכצייטיק האָבן זיי געדינט אַלס
אָפּזאַץ-מאַרק פאַר אירע אינדוסטריעלע סחורות. ביידע לענדער
זענען, אַלזאָ, אויף דעם אָדער אַנדערן אופן, געווען ווי זיילן
פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג אין אייראָפּע.

ווי דאָס אַלץ האָט זיך איצט געענדערט! גראָד די אייראָ-
פּעישע אויסוואַנדערונג האָט מעגלעך געמאַכט די קאָלאָסאַלע
אַנטוויקלונג פון דער צפון-אַמעריקאַנישער לאַנדווירטשאַפט, וועלכע
האָט מיט איר קאָנקורענץ דערשיטערט די יסודות סיי פון קליינעם,
סיי פון גרויסן ערד-באַזיץ אין אייראָפּע. גלייכצייטיק האָט די
אויסוואַנדערונג געשאַפן פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן די מעגלעכ-
קייט צו נעמען זיך עקספּלואַטירן זייערע רייכע אינדוסטריעלע
אוצרות, און דערצו מיט אַזאַ אימפּעט און אין אַזאַ מאַסשטאַב,
אַז דאָס מוז גאָר אין אַ קורצער צייט אַ סוף מאַכן צום איב-

דוסטריעלן מאָנאָפּאָל פון מערב-אייראָפּע. און דיזעלבע צוויי אומשטענדןווירקן צוריק ווידער רעוואָלוציאָניזירנדיק אויף אַמעריקע. דער קליינער און מיטעלער ערד-באַזיץ פון די זעלב-שטענדיקע פאַרמערס — דער יסוד פון גאַנצן פּאָליטישן סדר אין אַמעריקע — גייט אַלץ מער-און-מער אונטער, צוליב דער קאָנ-קורענץ פון די ריזן-פערמעס, און גלייכצייטיק קומט-פאָר אין די אינדוסטריע-געגנטן ממש אַ לעגענדאַרישע קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און עס בילדעט זיך צום ערשטן מאָל אויס אַ צאָלרייכער פּראָלעטעריאַט.

גייען מיר איבער צו רוסלאַנד. בעת דער רעוואָלוציע פון 1848/49 האָבן נישט נאָר די אייראָפּעישע מאָנאַרכן, נאָר אויך די אייראָפּעישע בורזשואַ געזען פאַר זיך אין דער רוסישער אינטערווענץ די איינציקע רעטונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט דעמאָלט אָקאָרשט אָנגעהויבן קומען צום באַוווסטזיין פון זיינע כּוחות. זיי האָבן דעם צאַר פּראָקלאַמירט פאַרן הויפּט פון דער אייראָפּעישער רעאַקציע. היינט זיצט ער אין גאַטשינע, אַלס קריגס-געפאַנגענער פון דער רעוואָלוציע, און רוסלאַנד איז דער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון איי-ראָפּע.

די אויפגאַבע פונם קאָמוניסטישן מאַניפעסט איז געווען פּראָקלאַמירן דעם קומענדיקן אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג פון היינטיקן בורזשואַזן אייגנטום. אין רוסלאַנד אָבער איז די לאַגע אַזאַ, אַז נעבן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, וועלכע אַנטוויקלט זיך מיט פיבערהאַפטער שנעלקייט, און נעבן דעם בורזשואַזן ערד-באַזיץ, וואָס האַלט זיך ערשט אין אויסבילדן, — געפינט זיך די גרעסערע העלפט ערד אין קאָלעקטיוון באַזיץ פון די פויערים (געמיינדע-אייגנטום).

עס שטעלט זיך דעריבער די פראַגע: צי קאָן די רוסישע פויערשע געמיינדע, אָט די שוין שטאַרק פונאַנדערגעלייגטע פאָרם פון אוראַלטן קאָלעקטיוון אייגנטום אויף ערד, איבערגיין אוממיטלבאַר אין אַ העכערער קאָמוניסטישער פאָרם פון ערד-אייגנטום, אָדער זי מוז פריער דורכמאַכן דעמזעלבן פּראָצעס פון אויפ-

לייזונג, ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין דער היסטאָרישער אַנט-וויקלונג פונם מערב?

היינט-צו-טאָג, אַז דער איינציקער מעגלעכער ענטפער אויף אָט דער פראַגע איז אַזאַ: אויב די רוסישע רעוואָלוציע זאָל ווערן אַ סיגנאַל פאַר אַן אַרבעטער-רעוואָלוציע אויף מערב, אַזוי אַז זיי זאָלן זיך איינע די צווייטע דערגאַנצן, דאַן קאָן דאָס איצטיקע רוסישע קאָלעקטיוו-אייגנטום ווערן דער אויסגאַנגס-פונקט פאַר אַ קאָמוניסטישער אַנטוויקלונג.

לאָנדאָן, 21 יאַנואַר, 1882.

לערך אין דערזעלבער צייט איז דערשינען אין אַ נייער פוילישער איבערזעצונג: Manifest Kommunistyczny.

עס איז אויך דערשינען אַ נייע דענישע איבערזעצונג אין „Socialdemokratisk Bibliothek, Kjöbenhavn 1885". לויט דער, איז זי נישט גאָר קיין פולע; אייניקע וועזנטלעכע שטעלן, מיט וועלכע דער איבערזעצער האָט זיך אפנים קיין עצה נישט געקאָנט געבן, זענען אַדורכגעלאָזן; און אַ חוץ דעם פילן זיך דאָ און דאָרט אויך שפּורן פון אייליקייט, וועלכע זענען נאָך מער פאַרדריסלעך, ווייל מען זעט לויט דער אַרבעט, אַז ביי אַביסל מער מי וואָלט דער איבערזעצער אויסגעצייכנט געקאָנט זי אויספירן.

אין 1886 איז דערשינען אַ נייע פראַנצויזישע איבערזעצונג אין „Le Socialiste", פּאַריז; עס איז די בעסטע איבערזעצונג, וואָס איז דערשינען ביזאיצט.

נאָך איר איז אין זעלבן יאָר דערשינען אַ שפּאַנישע איבער-זעצונג, צוערשט אין מאַדרידער „El Socialista" און דערנאָך אַלס באַזונדערע בראָשור:

Manifesto del Partido Comunista por Carlos Marx y F. Engels, Madrid, Administracion de „El Socialista", Hernan Certés 8.

אַלס קוריאָז, וויל איך נאָך דערמאָנען, אַז אין 1887 האָט עמיץ פאָרגעלייגט אַ קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פאַרלעגער אַרויסצוגעבן אַן אַרמענישע איבערזעצונג, יענער האָט אָבער קיין מוט נישט

געהאַט צו דרוקן עפּעס אונטער מאַרקס׳ נאָמען, און האָט פאַר־געלייגט דעם איבערזעצער, ער זאָל בעסער זיך אַליין אויסגעבן פאַרן מחבר פונם ווערק; דער איבערזעצער איז אָבער דערויף נישט איינגעגאַנגען.

נאָך אַ גאַנצער רייע מער אָדער ווייניקער פאַלשע אַמעריקאַנישע איבערזעצונגען, וואָס זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין ענגלאַנד, איז דאָרטן ענדלעך אין יאָר 1888 דערשינען אַן אויטענטישע איבערזעצונג. געמאַכט האָט זי מיין פריינט סעמועל מור, און פאַרן דרוקן האָבן מיר זי נאָכאַמאָל ביידע דורכגע־זען. דער טיטל איז:

Manifesto of the Communist Party, by Karl Marx and Fredrick Engels. Authorized English Translation, edited and annotated by Frederick Engels, 1888. London, William Reeves, 185 Fleet st. E. C. איניקע באַמערקונגען פון יענער אויסגאַבע האָב איך אַריבערגענומען אין דער איצטיקער אויסגאַבע.

דער מאַניפעסט האָט געהאַט זיין אייגנאַרטיקן גורל. ווען ער איז דערשינען, האָט אים דער דעמאָלט נאָך קליינער אַוואַנגאַרד פונם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם אויפגענומען ענטוזיאַסטיש (ווי עס באַווייזן די דערמאָנטע אין ערשטן פאַר־וואָרט איבערזעצונגען); אָבער באַלד איז ער פאַרשטויסן גע־וואָרן אין הינטערגרונט, דורך דער רעאַקציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער מפּלה פון די פאַריזער אַרבעטער אין יוני 1848, און לסוף איז ער גאָר דערקלערט געוואָרן אויסער געזעץ, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַראורטיילונג פון די קעלנער קאָמו־ניסטן, אין נאָוועמבער 1852. ווען די אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן בעת דער פעברואַר־רעוואָלוציע, איז פאַרשוווּנדן פון עפנטלעכן לעבן, איז דער מאַניפעסט אויך אָפּגערוקט געוואָרן אין הינטערגרונט.

אַז דער אייראָפּעישער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך ווידער דערפילט גענוג שטאַרק פאַר אַ נייער אַטאַקע אויף דער מאַכט פון די הערשנדיקע קלאַסן, איז אַנטשטאַנען די אינטערנאַציאָנאַלע

אַרבעטער-אַסאָציאַציע *).איר אויפגאַבע איז געווען צונויפגיסן אין איין גרויסער אַרמיי די גאַנצע קעמפנדיקע אַרבעטערשאַפט פון אייראָפּע און אַמעריקע. און דעריבער האָט זי נישט געקאָנט מאַכן פאַר איר אויסגאַנגס-פונקט די הנחות, וואָס זענען אַנטוויקלט אין מאַניפעסט. זי האָט געמוזט האָבן אַ פּראָגראַם, וועלכע זאָל נישט פאַרשליסן די טיר נישט פאַר די ענגלישע טרעד-יוניאָנען, נישט פאַר די פראַנצויזישע, בעלגישע, איטאַליענישע און שפּאַנישע פּרודאָניסטן, און נישט פאַר די דייטשע לאַסאַליאַנער **). דידאָזיקע פּראָגראַם — די מאָטיווירונג צום סטאַטוט פונם אינטערנאַציאָנאַל — האָט מאַרקס אָנגעוואָרפן מיט אַזאַ מייסטערשאַפט, אַז אַפילו באַקונין און די אַנאַרכיסטן האָבן דאָס געמוזט צוגעבן. וואָס איז שייך דעם ענדגילטיקן זיג פון די אַנטוויקלטע אין מאַניפעסט פּרינציפּן, האָט זיך מאַרקס אין דעם פּרט פאַרלאָזן אויסשליסלעך אויף דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פונם אַרבעטער-קלאַס, ווי זי מוז זיך באַקומען אין רעזולטאַט פון פאַראייניקטער פּראַקטישער אַרבעט און פרייער באַהאַנדלונג. דער גאַנג גופא פונם קאַמף קעגן קאַפּיטאַל, די מפּלות און דערפאָלגן — די מפּלות נאָך מער, ווי די דערפאָלגן — מוזן קלאָר מאַכן פאַר די קעמפנדיקע, ווי אומטויגלעך עס זענען זייערע ביזאיצטיקע היילמיטלען, און מאַכן זייערע מוחות אויפנעם-פעיק פאַר אַ טיפערן בליק אין די אמתע באַדינגונגען פון דער אַרבעטער-באַפרייונג. און מאַרקס איז געווען גערעכט. אין יאָר 1874, בעת דער אויפלייזונג פונם אינטערנאַציאָנאַל, איז דער אַרבעטער-קלאַס געווען שוין גאָר אַן אַנדערער, איידער אין 1864, בעת

---

*) אַ. ג. ערשטער אינטערנאַציאָנאַל — י. כ.

**) לאַסאַל פּערזענלעך, אין זיינע שמועסן מיט אונז, האָט זיך תמיד געהאַלטן פאַר אַ „תלמיד" פון מאַרקסן, און אַלס אַזעלכער איז ער, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געשטאַנען אויפן באָדן פונם מאַניפעסט. אַנדערש איז מיט די-יעניקע אָנהענגער זיינע, וועלכע זענען נישט געגאַנגען ווייטער פון זיין פאָדערונג פון פּראָדוציר-אַסאָציאַציעס מיט מלוכהשן קרעדיט און האָבן די גאַנצע אַרבעטערשאַפט געטיילט אויף אָנהענגער פון מלוכה-הילף (מלוכה-הילפלער) אָדער פון זעלבסט-הילף (זעלבסט-הילפלער).

דער אינטערנאַציאָנאַל איז געוואָרן געגרינדעט. דער פּרודאָניזם אין די ראָמאַנישע לענדער און דער ספּעציפישער לאַסאַליאַניזם אין דייטשלאַנד האָבן שוין געהאַלטן אין אָפּשטאַרבן, און אַפילו די דעמאָלטיקע עקסט־קאָנסערוואַטיווע ענגלישע טרעד־יוניאָנען האָבן זיך ביסלעכווייז אויף אַזוי פיל געביטן, אַז אין 1887 האָט שוין זייער פּרעזידענט, אויף אַ קאָנגרעס אין סוואַנזי, געקאָנט דערקלערן אין זייער נאָמען: „דער קאָנטינענטאַלער סאָציאַליזם שרעקט אונז נישט מער". אָבער קאָנטינענטאַלער סאָציאַליזם אין 1887 איז געווען שוין כמעט נאָר די טעאָריע, וועלכע ווערט פּראָקלאַמירט אינם מאַניפעסט. אויף אַזאַ אופן האָט די געשיכטע פונם מאַניפעסט ביז אַ געוויסן גראַד אָפּגעשפּיגלט די געשיכטע פון דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג זייט 1848. היינט־צו־טאָג איז דער מאַניפעסט בלי־ספק דאָס סאַמע פאַרשפּרייטסטע און אינטער־נאַציאָנאַלסטע ווערק פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, ער איז די פּראָגראַם פון פיל מיליאָנען אַרבעטער פון אַלע לענדער, פון סיביר ביז קאַליפאָרניע.

און דאָך, בעת דער מאַניפעסט איז דערשינען, וואָלטן מיר זיך נישט אַנטשלאָסן אים אָנצורופן ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר. אונטערן נאָמען סאָציאַליסטן האָט מען אין 1847 פאַרשטאַנען צווייערליי מינים מענטשן. פון איין זייט די אָנהענגער פון פאַרשידענע אוטאָפּיסטישע סיסטעמען, ספּעציעל די אָאוּעניסטן אין ענגלאַנד און די פוריעריסטן אין פראַנקרייך, וועלכע זענען שוין ביידע דעמאָלט איינגעשרומפּן געוואָרן אין סעקטעס, וואָס שטאַרבן ביסלעכווייז אויס; פון דער אַנדערער זייט — די פאַרשידנאַרטיקסטע סאָציאַלע ווינקל־רופאים, וועלכע האָבן געוואָלט באַזייטיקן די סאָציאַלע צרות מיט דער הילף פון פאַרשידענע אוניווערסאַלע רעצעפּטן און פון כלערליי לאַטעס, נישט אָנרירנדיק דערביי נישט דעם קאַפּיטאַל און נישט דעם פּראָפיט. אין ביידע פאַלן זענען עס געווען מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען מחוץ פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און וועלכע האָבן געזוכט אונטערשטיצונג ביכער גאָר ביי די „געבילדעטע" קלאַסן. פאַרקערט, יענער טייל אַרבעטער, וועלכע האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז בלויז

פּאָליטישע איבערקערענישן אַליין איז נישט גענוג, און האָבן פאַרלאַנגט דעריבער אַ גרינטלעכע אומגעשטאַלטונג פון דער געזעלשאַפט — זיי האָבן זיך גערופן דעמאָלט קאָמוניסטן. געווען איז דאָס אַ קאָמוניזם עפּעס אַ נישט-געהובלעוועטער, אַן אינס־טינקטיווער מער, צומאָל אַ גראָבער אַביסל; אָבער ער איז געווען גענוג שטאַרק, כדי אַרויסצורופן צום לעבן צוויי אוטאָפּיסטישע סיסטעמען פון קאָמוניזם — אין פראַנקרייך דעם „איקאַרישן" קאָמוניזם פון קאַבע, און אין דייטשלאַנד די קאָמוניסטישע סיסטעם פון וויטלינג. אין 1847 איז סאָציאַליזם געווען אַ בורזשואַזע באַוועגונג, קאָמוניזם — אַן אַרבעטער-באַוועגונג. דער סאָציאַליזם איז געווען, אויפן קאָנטינענט לפּחות, סאַלאָן-פעיק, דער קאָמוניזם איז געווען דער היפּוך דערפון. און אַזוי ווי מיר האָבן שוין דעמאָלט זיך געהאַלטן ביי דער קאַטעגאָרישער מיינונג, אַז „די באַפרייונג פון די אַרבעטער מוז זיין די זאַך פון דעם אַרבעטער־קלאַס גופא", האָבן מיר אויף קיין איין אויגנבליק נישט געקאָנט זיך וואַקלען, וועלכן פון דיביידע נעמען אויסצוקלייבן. און שפּעטער איז אונז אויך קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו פאַרבייטן דעמדאָזיקן נאָמען.

„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך"! בלויז געציילטע שטימען האָבן זיך אָפּגערופן, בעת מיר האָבן מיט 42 יאָר צוריק, ערב דער ערשטער פּאַריזער רעוואָלוציע, אין וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט איז אַרויסגעטראָטן מיט אייגענע פאָדערונגען, אויסגעשריגן דידאָזיקע ווערטער. אָבער דעם 28 סעפּטעמבער 1864 האָבן זיך שוין די פּראָלעטאַריער פונם רוב מערב-אייראָפּעישע לענדער פאַראייניקט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע, וועלכע האָט זיך אַזוי באַרימט געמאַכט. אמת, דער אינטערנאַציאָנאַל אַליין האָט געלעבט בלויז ניין יאָר. אָבער אַז דער פּראָקלאַמירטער דורך אים אייביקער בונד צווישן די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער לעבט נאָך, און לעבט קרעפטיקער ווי ווען ס'איז — דערויף דאַרף מען נישט קיין בעסערן עדות, ווי דעם היינטיקן טאָג. וואָרים היינט, בעת איך שרייב דידאָזיקע שורות, מאַכט דער אייראָפּעישער און אַמעריקאַנישער פּראָלע־

טאַריאַט אַן איבערקוק פון זיינע צום ערשטן מאָל מאָביליזירטע קאַמף-כוחות, מאָבליזירטע אַלס איין אַרמיי, אונטער איין פאַן, און צוליב איין נאָנטן ציל: צוליב אַ נאָרמאַלן געזעצלעך פעסט-געשטעלטן 8 שעהדיקן אַרבעטס-טאָג, ווי דאָס האָט פראָקלאַמירט נאָך דער גענפער קאָנגרעס פון 1866. און דאָס בילד פון היינטיקן טאָג וועט באַווייזן די קאַפּיטאַליסטן און פריצים, אַז היינט זענען די אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַקטיש פאַרייניקט.

מאַרקס וואָלט נאָר נאָך געשטאַנען נעבן מיר, ווען ער וואָלט דאָס מיט די אייגענע אויגן געזען!

פ. ענגעלס

לאָנדאָן, 1 מאַי, 1890.

קאָמוניסטישער מאַניפעסט

אַ שרעקבילד גייט-אום איבער אייראָפּע — דאָס שרעקבילד פון קאָמוניזם. אַלע כּוחות פון דער אַלטער אייראָפּע האָבן זיך פאַראייניקט צוליב דער הייליקער זאַך פון העצן און רודפן דעם-דאָזיקן רוח, — דער פּויפּסט און דער צאַר, מעטערניך און גיזאָ, פראַנצויזישע ראַדיקאַלן און דייטשישע פּאָליציילייט.

ווו איז דאָ אַזאַ אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטיי, וואָס אירע קעגנער, ביים מאַכט-רודער, זאָלן זי נישט האָבן פאַרשריגן אַלס קאָמוניסטישע? ווו איז דאָ אַזאַ אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטיי, וואָס זאָל נישט האָבן צוריקגעשליידערט דעם שטעמפּלענדיקן פאָרוואורף אין קאָמוניזם צו די מער פאָרגעשריטענע פאָרשטייער פון דער אָפּאָזיציע אָדער צו אירע רעאַקציאָנערע קעגנער?

צוויי זאַכן דרינגען-אַרויס פון דעמדאָזיקן פאַקט.

דער קאָמוניזם ווערט שוין פון אַלע אייראָפּעישע מלוכות אָנערקענט פאַר אַ קראַפט.

עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז די קאָמוניסטן זאָלן אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט דערציילן וועגן זייער וועלטאָנשויונג, וועגן זייערע צילן און שטרעבונגען, און קעגן דער באָבע-מעשה וועגן אַ שרעקבילד פון קאָמוניזם אַרויסשטעלן אַ מאַניפעסט פון דער פּאַרטיי גופא.

צוליב אָט דעם צוועק האָבן זיך קאָמוניסטן פון די פאַרשידנסטע נאַציאָנאַליטעטן צונויפגעקליבן אין לאָנדאָן און צונויפגעשטעלט דעמדאָזיקן מאַניפעסט, צו פאַרעפנטלעכן אים אין ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, איטאַליעניש, פלעמיש און דעניש.

1.

בורזשוא און פראָלעטאַריער.

די געשיכטע פון דער גאַנצער ביזאיצטיקער געזעלשאַפט *) איז די געשיכטע פון קלאַסן-קאַמפן.

פרייער און שקלאַף, פאַטריציער און פּלעביי, באַראָן און לייב-אייגענער, צעך-מייסטער און געזעל, מיט איין וואָרט — אונטערדריקער און אונטערגעדריקטע זענען שטענדיק געווען אין אַ קעגנזאַץ צווישנאַנאַנד, האָבן געפירט אַן אומאויפהערלעכן, אַמאָל אַ באַהאַלטענעם, אַמאָל אַן אָפענעם קאַמף, און דער קאַמף האָט זיך איטלעכס מאָל געענדיקט מיט אַ רעוואָלוציאָנערער

*) דאָס הייסט, פינקטלעך גערעדט, די געשיכטע, וועגן וועלכער עס זענען פאַראַן שריפטלעכע דאָקומענטן. אין 1847-טן יאָר איז די פאָרגעשיכטע פון דער געזעלשאַפט, די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פריער פאַר יעטווועדער געשריבענער געשיכטע, געווען נאָך כמעט אינגאַנצן אומבאַקאַנט. זינט דאַן האָט האַקסטהאַוזען אַנטדעקט אין רוסלאַנד דאָס געמיינדע-אייגנטום אויף ערד, און מאַורער האָט דערוויזן, אַז דאָס איז אויך געווען דער געזעלשאַפטלעכער יסוד, פון וועלכן אַלע דייטשישע שבטים האָבן אָנגעהויבן זייער געשיכטלעכע אַנטוויקלונג. ביסלעכווייז האָט מען אויסגעפונען, אַז דאָרף-געמיינדעס מיט געמיינזאַמען ערד-באַזיץ זענען געווען די אור-פאָרם פון דער געזעלשאַפט אומעטום, פון אינדיע ביז אירלאַנד. און לסוף, איז די אינערלעכע אָרגאַניזאַציע פון אָט דער אור-ערשטער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט אין איר טיפּישער פאָרם אויפגעדעקט געוואָרן דורך מאָרגאַנען, וועלכער האָט קלאָר געמאַכט די אמתע נאַטור פון דעם שבט (גענס) און זיין אָרט אין דעם שטאַט. מיט דער צעפאַלונג פון אָט דער אור-געמיינדע הייבט זיך אָן די שפּאַלטונג פון דער געזעלשאַפט אויף באַזונדערע, און דערנאָך קעגנזעצלעכע קלאַסן. (באַמערקונג פון ענגעלסן צו דער לעצטער אויסגאַבע פון „מאַניפעסט״).

איבערבויונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אָדער מיטן געמיינ־זאַמען אונטערגאַנג פון די קעמפנדיקע קלאַסן.

אין די פריערדיקע עפּאָכעס פון דער געשיכטע געפינען מיר כּמעט אומעטום אַ פולשטענדיקע צעגלידערונג פון דער געזעלשאַפט אויף פאַרשידענע שטאַנדן, אַ פאַרשידנאַרטיקן לייטער פון געזעלשאַפטלעכע מדרגות. אין אַלטן רוים האָבן מיר פּאַטרי־ציער, רייטער, פּלעבייער, שקלאַפן; אין מיטלאַלטער — פעאָדאַלן, וואַסאַלן, צעך־מייסטערס, געזעלן, לייב־אייגענע, און דערצו נאָך כּמעט אין יעדערן פון די דאָזיקע קלאַסן ווידער באַזונדערע מדרגות.

די היינטיקע בורזשואַזע געזעלשאַפט, וואָס איז אויפגעקומען אויף די חורבות פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, האָט די קלאַסן־סתירות נישט אָפגעשאַפט. זי האָט נאָר אָנשטאָט די אַלטע קלאַסן אוועקגעשטעלט נייע, האָט אויסגעאַרבעט נייע תּנאים פון אונטער־דריקונג, נייע אופנים פון קאַמף.

אונזער עפּאָכע, די עפּאָכע פון דער בורזשואַזיע, צייכנט זיך אָבער אויס דערמיט, וואָס זי האָט די קלאַסן־סתירות פאַראייַנפאַכט. די גאַנצע געזעלשאַפט שפּאַלט זיך אַלץ מער־און־מער אויף צוויי גרויסע פיינטלעכע לאַגערן, אויף צוויי גרויסע קלאַסן, וואָס שטייען דירעקט איינער קעגן אַנדערן: בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט.

פון די לייב־אייגענע אין מיטלאַלטער זענען אַרויסגעקומען די בירגערלעכע איינוווינער פון די ערשטע שטעט; פון אָט דער בירגערלעכער באַפעלקערונג האָבן זיך אַנטוויקלט די ערשטע עלעמענטן פון דער בורזשואַזיע.

די אַנטדעקונג פון אַמעריקע און פון דעם ים־וועג אַרום אַפריקע האָבן געשאַפן פאַר דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע אַ נייעם באָדן. דער אָסט־אינדישער און כינעזישער מאַרק, די קאָלאָניזירונג פון אַמעריקע, דער האַנדל מיט די קאָלאָניעס, די פאַרמערונג פון אויסטויש־מיטלען און פון סחורות בכלל, — דאָס אַלץ האָט געגעבן דעם האַנדל, דעם ים־פאַרעריי, דער אינדוסטריע אַן אומגעהערטן שוווּנג און דערמיט באַדייטנד פאַרגיכערט די

אַנטוויקלונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן עלעמענט אין דער צעפאַלנדיקער פעאָדאַלער געזעלשאַפט.

דער פריערדיקער פעאָדאַלער אָדער צעכישער אופן פון פּראָדוקציע האָט שוין מער נישט געקאָנט באַפרידיקן דעם באַדאַרף, וואָס איז געוואָקסן צוליב דער אַנטדעקונג פון די נייע מערק. אָנשטאָט אים איז געקומען די מאַנופאַקטור. די צעך-מייסטערס זענען אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך דעם אינדוסטריעלן מיטלשטאַנד; די אַרבעט-צעטיילונג צווישן די פאַרשידענע קאָרפּאָראַציעס האָט אָפּגעטראָטן איר אָרט דער אַרבעט-צעטיילונג אינעווייניק אין דעם איינצלנעם וואַרשטאַט גופא.

דער מאַרק אָבער איז כסדר געוואָקסן, דער באַדאַרף איז אַלץ גרעסער געוואָרן. די מאַנופאַקטור האָט שוין אויך מער נישט געקלעקט. דאַן האָבן דאַמף און מאַשין געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע. אָנשטאָט דער מאַנופאַקטור איז געקומען די היינטיקע גרויס-אינדוסטריע, אָנשטאָט דעם אינדוסטריעלן מיטלשטאַנד זענען געקומען די אינדוסטריעלע מיליאָנערן, שעפן פון גאַנצע אינדוסטריעלע אַרמייען, די מאָדערנע בורזשוא.

די גרויס-אינדוסטריע האָט געשאַפן דעם וועלט-מאַרק, וועלכן די אַנטדעקונג פון אַמעריקע האָט געהאַט צוגעגרייט. דער וועלט-מאַרק האָט געבראַכט דעם האַנדל, דעם ים-פאָרעריי, דעם פאַרקער אויף דער יבשה אַ קאָלאָסאַלע אַנטוויקלונג. דאָס האָט, צוריק ווידער, געווירקט אויף דעם וווקס און אויסשפּרייטונג פון דער אינדוסטריע, און אויף וויפל עס האָבן זיך אַנטוויקלט די אינדוסטריע, דער האַנדל, דאָס ים-פאָרעריי, די אייזנבאַנען, אין דערזעלביקער מאָס האָט זיך אַנטוויקלט די בורזשואַזיע, האָבן זיך געמערקט אירע קאַפּיטאַלן, און זי האָט אָפּגעשטויסן אין הינטערגרונט די אַלע קלאַסן, וואָס זענען פאַרבליבן פון מיטל-אַלטער.

אויף אַזאַ אופן זעען מיר, אַז די מאָדערנע בורזשואַזיע גופא איז אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגן אַנטוויקלונגס-וועג, פון אַ ריי איבערקערענישן אין די אופנים פון פּראָדוקציע און פאַרקער.

יעדער שטאַפּל אין אָט דער אַנטוויקלונג פון דער בורזשואַזיע איז געווען באַגלייט פון אַנטשפּרעכיקע פּאָליטישע דערגרייכונגען. אָט אַן אונטערגעדריקטער שטאַנד אונטער דער הערשאַפט פון די פעאָדאַלן, אָט אַ באַוואָפנטע אַסאָציאַציע מיט זעלבסטפאַרוואַלטונג אין דער קאָמונע *), דאָ אַן אומאָפּהענגיקע שטאָטישע רעפּובליק, דאָרט אַ דריטער שטייער-צאָלנדיקער שטאַנד אין דער מאָנאַרכיע, דערנאָך, צו דער צייט פון דער מאַנופאַקטור, אַ קעגנגעוויכט צום אַדל אין דער אַבסאָלוטער אָדער שטאַנדן-מאָנאַרכיע, און בכלל דער הויפּט-יסוד פון די גרויסע מאָנאַרכיעס,– האָט די בורזשואַזיע סוף-כּל-סוף, מיטן אויפקומען פון דער גרויס-אינדוסטריע און פון דעם וועלט-מאַרק, זיך אויסגעקעמפט אין דער מאָדערנער קאָנסטיטוציאָנעלער מלוכה די אויסשליסלעכע פּאָליטישע הערשאַפט. די היינטיקע מלוכה-מאַכט איז נישט מער ווי אַ קאָמיטעט, וואָס פאַרוואַלטעט מיט די געזעלשאַפטלעכע ענינים פון דער בורזשואַזיע.

די בורזשואַזיע האָט געשפּילט אין דער געשיכטע אַ העכסט רעוואָלוציאָנערע ראָלע.

וווּ די בורזשואַזיע איז נאָר געקומען צו הערשאַפט, האָט זי צעשטערט אַלע פעאָדאַלע, פּאַטריאַרכאַלישע, אידילישע פאַרהעלטענישן. זי האָט אָן רחמנות צעריסן די בונט-פאַרביקע פעאָדאַלע בענדער, וואָס האָבן צוגעבונדן דעם מענטש מיט זיינע העכערע בירושה, און האָט נישט איבערגעלאָזן קיין אַנדערן צוזאַמענבונד צווישן מענטש און מענטש, אַ חוץ דעם נאַקעטן אינטערעס, דעם האַרצלאָזן „מזומן". דעם הייליקן ציטער פון פרומער טרוימעריי, פון ריטערלעכער באַגייסטערונג, פון באַלעבאַטישער סענטימענטאַלקייט האָט זי דערטרונקען אין אייז-קאַלטן וואַסער פון עגאָיסטישער אויסרעכענונג. פּערזענלעכע ווערדע האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַן אויסטויש-ווערט, און

*) אַזוי פלעגן די שטאָט-איינוווינער אין איטאַליע און פראַנקרייך רופן זייער שטאָטישע געמיינדע, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעקויפט אָדער אויסגעקעמפט ביי זייערע פעאָדאַלע האַרן די ערשטע רעכט אויף זעלבסטפאַרוואַלטונג.

אָנשטאָט אַלע געשוווירענע און ווויל-דערוואָרבענע פרייהייטן האָט זי איינגעפירט נאָר די איינע געוויסנלאָזע פרייהייט — פון האַנדל. מיט איין וואָרט, זי האָט די עקספּלואַטאַציע, וואָס איז געווען פאַרוויקלט אין רעליגיעזע און פּאָליטישע אילוזיעס, פאַרביטן אויף אָפענער, אומפאַרשעמטער, דירעקטער, האַרטער עקספּלואַטאַציע.

די בורזשואַזיע האָט אַראָפּגעריסן די שיין פון הייליקייט פון אַלע מינים בכבודיקע טעטיקייטן, אויף וועלכע מען האָט ביזאַהער געקוקט מיט פרומען אָפּשיי. זי האָט דעם דאָקטאָר, דעם יוריסט, דעם גלח, דעם פּאָעט, דעם מאַן פון וויסנשאַפט פאַרוואַנדלט אין אירע באַצאָלטע לוין-אַרבעטער.

די בורזשואַזיע האָט אַראָפּגעריסן דעם רירנד-סענטימענטאַלן שלייער פון די פאַמיליען-פאַרהעלטענישן און האָט פון זיי געמאַכט אַ געלט-געשעפט.

די בורזשואַזיע האָט אויפגעדעקט, אַז די ברוטאַלע קראַפט, וואָס די רעאַקציע באַוווּנדערט אַזוי אין דעם מיטלאַלטער, האָט געהאַט איר פּאַסנדיקע דערגאַנצונג אין דער סאַמע פוילער ליידיקגייערײַ. ערשט זי האָט באַוויזן, וואָס דעם מענטשנס טעטיקייט קאָן אויפטון. זי האָט געשאַפן גאָר אַן אַנדערן מין ווונדערווערק, איידער די עגיפּטישע פּיראַמידעס, רוימישע וואַסער-לייטונגען און גאָטישע קירכעס, זי האָט גאָר אַנדערע מאַרש-צוגן דורכגעפירט, איידער די פעלקער-וואַנדערונגען און קרייצ-צוגן.

די בורזשואַזיע קאָן נישט עקזיסטירן, נישט רעוואָלוציאָ-ניזירנדיק כסדר די פּראָדוציר-געצייג, און-הייסט עס, אויך די פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן, און ממילא, אויך אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. פאַרקערט, פאַר אַלע פריערדיקע אינדוסטריעלע קלאַסן איז דער ערשטער תנאי פון עקזיסטענץ געווען — איינהאַלטן אומפאַרענדערט דעם אַלטן אופן פון פּראָדוקציע. כסדרדיקע איבערקערענישן אין דער פּראָדוקציע, אומאויפהערלעכע אויפ-טרייסלונגען פון אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, אייביקע אומזיכערקייט און אייביקע באַוועגונג — דאָס צייכנט-אויס די

בורזשואַזע עפּאָכע פון אַלע אַנדערע. אַלע פעסטע, פאַרזשאַווערטע פאַרהעלטענישן מיט די אַלט-פרענקישע פאָרשטעלונגען און אָנשויונגען, וואָס באַגלייטן זיי, ווערן צעשטערט; נייע ווערן פאַרעלטערט, איידער נאָך זיי באַווייזן פאַרהאַרטעוועט צו ווערן. אַלץ, וואָס איז שטאַנדיש און שטייענדיק, ווערט אויסגעוועפּט, אַלץ, וואָס איז הייליק, ווערט פאַרשוועכט, און מענטשן ווערן ענדלעך געצוווּנגען צו באַטראַכטן מיט ניכטערע אויגן זייער לעבנס-מצב, זייערע קעגנזייטיקע באַציִונגען.

די באַדערפעניש אין אַ שטענדיק וואַקסנדיקן אָפּזאַץ פאַר אירע פּראָדוקטן יאָגט-אום די בורזשואַזיע איבער דעם גאַנצן ערדקוגל. זי מוז אומעטום אַריינדרינגען, אומעטום זיך איינוואָרצלען, אומעטום שאַפן פאַרבינדונגען.

דורך איר עקספּלואַטאַציע פון דעם וועלט-מאַרק האָט די בורזשואַזיע צוגעגעבן אַ קאָסמאָפּאָליטישן כאַראַקטער דער פּראָדוקציע און דעם פאַרברויך פון אַלע לענדער. זי האָט, צום גרויסן עגמת-נפש פון די רעאַקציאָנערן, אַרויסגעצויגן ביי דער אינדוסטריע דעם נאַציאָנאַלן באָדן פון אונטער די פיס. די אוראַלטע נאַציאָנאַלע אינדוסטריעס זענען פאַרניכטעט געוואָרן און ווערן נאָך היינט טאָג-איין טאָג-אויס פאַרניכטעט. זיי ווערן אַרויסגעשטויסן דורך נייע אינדוסטריעס, וואָס איינצופירן זיי ווערט אַ לעבנספראַגע פאַר אַלע ציוויליזירטע פעלקער, דורך אינדוסטריעס, וואָס באַאַרבעטן שוין נישט בלויז היימישע רוישטאָפן, נאָר רוישטאָפן, וואָס קומען פון די ווייטסטע לענדער, און די פאַבריקאַטן זייערע ווערן פאַרנוצט נישט נאָר אויפן אָרט אין לאַנד גופא, נאָר אין אַלע טיילן פון דער וועלט. אָנשטאָט די אַלטע באַדערפענישן, וואָס פלעגן באַפרידיקט ווערן דורך אָרטיקע פּראָדוקטן, קומען נייע, וואָס נויטיקן זיך פאַר זייער באַפרידיקונג אין די פּראָדוקטן פון די ווייטסטע לענדער און קלימאַטן. אָנשטאָט דעם אַלטן לאָקאַלן און נאַציאָנאַלן זעלבסט-אויסקום און איינגעשלאָסנקייט, קומט אַן אַלזייטיקער פאַרקער, אַן אַלזייטיקע אָפּהענגיקייט פון די נאַציעס צווישנאַנאַנד. און פונקט ווי אויפן געביט פון מאַטעריעלער

פראָדוקציע, אַזוי איז אויך אויפן געביט פון גייסטיקער פּראָדוקציע. די גייסטיקע פּראָדוקטן פון איינצלנע נאַציעס ווערן דאָס אייגנס פון אַלעמען. די נאַציאָנאַלע איינזייטיקייט און באַגרענעצטקייט ווערט אַלץ מער און מער אוממעגלעך, און פון די פיל נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע ליטעראַטורן בילדעט זיך אויס איין וועלט-ליטעראַטור.

דורך דער שנעלער פאַרבעסערונג פון אַלע פּראָדוציר-מיטלען, דורך די אָן אַ שיעור פאַרגרינגערטע מיטלען פון קאָמוני-קאַציע שטויסט די בורזשואַזיע אַלעמען, אַפילו די באַרבאַרישסטע פעלקער, אויפן וועג פון ציוויליזאַציע. די בילי̇קע פּרייזן פון אירע סחורות זענען די שווערע אַרטילעריע, מיט וועלכער זי צעשיסט אַלע כינעזישע ווענט און צווינגט צו קאַפּיטולירן דעם האַרטנעקיקסטן האַס פון די באַרבאַרן צו פרעמדע. זי צווינגט אַלע פעלקער אָנצונעמען די פּראָדוציר-אופנים פון דער בורזשואַזיע, אויב זיי ווילן נישט אונטערגיין; זי צווינגט זיי איינצופירן ביי זיך גופא די אַזויגערופענע ציוויליזאַציע, ד. ה., צו ווערן בורזשואַ. מיט איין וואָרט, זי שאַפט זיך אַ וועלט לויט איר אייגענער געשטאַלט.

די בורזשואַזיע האָט אונטערגעוואָרפן דאָס דאָרף אונטער דער הערשאַפט פון שטאָט. זי האָט ריזיקע שטעט געשאַפן, זי האָט שטאַרק פאַרמערט די שטאָטישע באַפעלקערונג אין פאַר-גלייך מיט דער דאָרפישער, און האָט אויף אַזאַ אופן אַ באַדייטנ-דיקן טייל באַפעלקערונג באַפרייט פון דעם אידיאָטיזם פון דאָרפישן לעבן. און פונקט ווי זי האָט דאָס דאָרף געמאַכט אָפּהענגיק פון שטאָט, אַזוי האָט זי די באַרבאַרישע און האַלב-באַרבאַרישע לענדער געמאַכט אָפּהענגיק פון די ציוויליזירטע, די פּויערשע פעלקער — פון די בורזשואַזע, דעם מזרח — פון דעם מערב.

די בורזשואַזיע מאַכט אַלץ מער אַ סוף צו דער צעבראָקלט-קייט פון די פּראָדוציר-מיטלען, פון פאַרמעגן און פון דער באַפעלקערונג. זי האָט צונויפגעזאַמלט די באַפעלקערונג, צענט-ראַליזירט די פּראָדוציר-מיטלען און קאָנצענטרירט דאָס אייגנטום אין אַ קליינער צאָל הענט. דער רעזולטאַט דערפון האָט געמוזט

זיין אויך די פּאָליטישע צענטראַליזאַציע. אומאָפּהענגיקע פּראָווינצן, וואָס זענען געווען כּמעט נאָר אין אַ פאַרבאַנד צווישן זיך, מיט פאַרשידענע אינטערעסן, געזעצן, רעגירונגען און גרענעץ־טאַריפן, זענען צונויפגעבונדן געוואָרן אין איין נאַציע, מיט איין רעגירונג, מיט איין געזעצגעבונג, מיט איין נאַציאָנאַלן קלאַסן־אינטערעס, מיט איין גרענעץ־ליניע.

פאַר די קנאַפּע הונדערט יאָר פון איר קלאַסן־הערשאַפט האָט די בורזשואַזיע געשאַפן מער מעכטיקע און קאָלאָסאַלע פּראָדוציר־כּוחות, איידער אַלע פריערדיקע דורות צוזאַמען גענומען. די באַהערשונג פון נאַטור־כּוחות, די מאַשינעריע, די אָנווענדונג פון כעמיע אין דער אינדוסטריע און אין דער ערד־אַרבעט, דאַמפּ־שיפעריי, אייזנבאַנען, עלעקטרישע טעלעגראַפן, צעאַקערונג פון גאַנצע וועלט־טיילן, צופּאַסונג פון טייכן צו שיפעריי, גאַנצע ישובים ווי פון דער ערד אויסגעוואָקסענע, — אין וואָס פאַר אַ פריערדיקן יאָרהונדערט האָט מען זיך עס גאָר געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַזעלכע פּראָדוציר־קרעפטן דרימלען אין שויס פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט?

מיר האָבן, אַלזאָ, געזען: די מיטלען פון פּראָדוקציע און פאַרקער, וואָס זענען געווען דער יסוד, אויף וועלכן די בורזשואַזיע האָט זיך אַנטוויקלט, זענען געבוירן געוואָרן נאָך אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט. אויף אַ געוויסער שטופע אין דער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע מיטלען פון פּראָדוקציע און פאַרקער האָבן די פאַרהעלטענישן, אין וועלכע די פעאָדאַלע געזעלשאַפט האָט פּראָדוצירט און געפירט דעם אויסטויש, די פעאָדאַלע אָרגאַניזאַציע פון ערד־אַרבעט און מאַנופאַקטור, מיט איין וואָרט — די פעאָדאַלע אייגנטום־פאַרהעלטענישן — מער נישט אַנטשפּראָכן די שוין אַנטוויקלטע פּראָדוציר־קרעפטן. די פאַרהעלטענישן האָבן געשטערט דער פּראָדוקציע און נישט מיטגעהאָלפן איר. זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין צאָלרייכע קייטן פאַר איר. זיי האָבן געמוזט אויפגעריסן ווערן, און זיי זענען געוואָרן אויפגעריסן.

אויף זייער אָרט איז געקומען די פרייע קאָנקורענץ,

מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקער צו איר געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער אָרדענונג, מיט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע.

איצט קומט-פאָר פאַר אונזערע אויגן אַן ענלעכע באַוועגונג. די בורזשואַזע פּאַרהעלטענישן פון פּראָדוקציע און פאַרקער, די בורזשואַזע פאַרהעלטענישן פון אייגנטום — די היינטיקע בורזשואַזע געזעלשאַפט, וואָס האָט ווי דורך כּישוף אַרויסגעבראַכט אַזעלכע געוואַלטיקע מיטלען פון פּראָדוקציע און פאַרקער, איז געגליכן צו אַ כּישופמאַכער, וואָס האָט מיט זיינע באַשווערונגען אַרויסגערופן אונטערערדישע קרעפטן, און איז מער אַליין נישט בכוח זיי צו באַהערשן. שוין צענטליקער יאָרן, ווי די געשיכטע פון דער אינדוסטריע און האַנדל איז נאָר די געשיכטע דערפון, ווי די היינטיקע פּראָדוציר-קרעפטן בונטעווען זיך קעגן די היינטיקע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן, קעגן די אייגנטום-פאַרהעלטענישן, וואָס זענען די לעבנס-באַדינגונגען פון דער בורזשואַזיע און פון איר הערשאַפט. עס איז גענוג צו דערמאָנען די האַנדלס-קריזיסן, וואָס חזרן זיך איבער פּעריאָדיש און באַדראָען אַלץ מער די עקזיסטענץ פון דער גאַנצער בורזשואַזער געזעלשאַפט. בעת די האַנדלס-קריזיסן ווערט אַלעמאָל פאַרניכטעט אַ גרויסער טייל נישט נאָר פאַרטיקע פּראָדוקטן, נאָר אַפילו פון די פריער-געשאַפענע פּראָדוציר-קרעפטן. בשעת די קריזיסן ברעכט-אויס אַ געזעלשאַפטלעכע עפּידעמיע, וואָס אין אַלע פריערדיקע עפּאָכעס וואָלט זי אויסגעזען ווי אַן אַבסורד — די עפּידעמיע פון איבערפּראָדוקציע. די געזעלשאַפט פאַלט פּלוצלינג ווידער אַריין אויף אַ געוויסער צייט אין אַ צושטאַנד פון באַרבאַריזם; גלייך ווי הונגער אָדער אַן אַלגעמיינע פאַרניכטנדיקע מלחמה וואָלט זי אָפּגעשניטן פון אַלע לעבנס-מיטל; די אינדוסטריע, דער האַנדל ווערן ווי פאַרניכטעט, — און פאַרוואָס? ווייל די געזעלשאַפט פאַרמאָגט צו-פיל ציוויליזאַציע, צו-פיל לעבנס-מיטל, צו-פיל אינדוסטריע, צו-פיל האַנדל. די פּראָדוציר-כּוחות, וואָס די געזעלשאַפט האָט אין איר רשות, דינען מער נישט אויף צו אַנטוויקלען די בורזשואַזע פאַרהעלטענישן פון אייגנטום;

פאַרקערט, זיי זענען געוואָרן צו־גרויס פאַר דידאָזיקע פאַרהעלטענישן, זיי ווערן דורך זיי טאָרמאָזירט; און ווי נאָר זיי זענען גובר דידאָזיקע שטערונגען, אַזוי ברענגען זיי אַריין אַ צערודערונג אין דער גאַנצער בורזשואַזער געזעלשאַפט, שטעלן זיי אין געפאַר די עקזיסטענץ פון בורזשואַזן אייגנטום. די בורזשואַזע פאַרהעלטענישן זענען געוואָרן צו־ענג אויף אַריינצונעמען דאָס עשירות, וואָס זיי האָבן געשאַפן. — ווי אַזוי איז די בורזשואַזיע גובר דידאָזיקע קריזיסן? פון איין זייט, דורך דער געצוווּנגענער פאַרניכטונג פון אַ מאַסע פראָדוקציר־כּוחות; פון דער אַנדערער זייט, דורך דער דעראָבערונג פון נייע מערק און דורך אַ מער גרינטלעכער עקספלואַטאַציע פון די אַלטע מערק. ווי אַזוי אַלזאָ? דורך דעם, וואָס זי גרייט־צו נאָך גרעסערע און געוואַלטיקערע קריזיסן און פאַרמינערט די מיטלען צו פאַרהיטן פון קריזיסן.

דאָס געווער, מיט וועלכן די בורזשואַזיע האָט דערשלאָגן אויף טויט דעם פעאָדאַליזם, ווענדעט זיך איצט קעגן דער בורזשואַזיע גופא.

די בורזשואַזיע האָט אָבער נישט נאָר געשמידט דאָס געווער, וואָס דאַרף איר ברענגען דעם טויט; זי האָט אויך געשאַפן די מענטשן, וואָס וועלן דאָס געווער אָנווענדן — די היינטיקע אַרבעטער, די פראָלעטאַריער.

אין דערזעלבער מאָס, ווי עס אַנטוויקלט זיך די בורזשואַזיע, דאָס הייסט, דער קאַפיטאַל, אַנטוויקלט זיך אויך דער פראָלעטאַריאַט, דער קלאַס פון די מאָדערנע אַרבעטער, וואָס קאָנען עקזיסטירן נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זיי קריגן אַרבעט, און אַרבעט קאָנען זיי קריגן נאָר אַזוי לאַנג, ווי זייער אַרבעט פאַרמערט דעם קאַפיטאַל. אָט די אַרבעטער, וואָס מוזן זיך פאַרקויפן אויפן שטיק, זענען אַ סחורה, פונקט ווי אַלע אַנדערע אַרטיקלען פון האַנדל, און דעריבער מוזן זיי אויך אויסשטיין אַלע צופעליקייטן פון קאָנקורענץ, אַלע וואַקלונגען פון מאַרק.

די אַרבעט פון די פּראָלעטאַריער האָט, צוליב דער פאַר־שפּרייטונג פון מאַשינען און דער צעטיילונג פון דער אַרבעט, פאַרלוירן אינגאַנצן איר זעלבשטענדיקן כאַראַקטער און דערמיט אויך יעדע צוציִונגס־קראַפט פאַרן אַרבעטער. ער ווערט פשוט אַ צוגאָב צו דער מאַשין, און מען פאַרלאַנגט פון אים נאָר די איינפאַכסטע, איינטאָניקסטע באַוועגונגען, וואָס איז אַמגרינגסטן אויסצולערנען זיך. די הוצאות אויפן אַרבעטער באַגרענעצן זיך דעריבער כמעט נאָר מיט די לעבנס־מיטל, וואָס ער דאַרף האָבן, כדי אונטערצוהאַלטן זיין לעבן און פאָרזעצן זיין ראַסע. דער פּרייז אָבער פון אַ סחורה, הייסט עס אויך פון אַרבעט, באַשטייט פון די קאָסטן אויף פּראָדוצירן זי. דעריבער, איז וואָס מער די אַרבעט פאַרלירט איר חן, אַלץ מער פאַלט אויך דער לוין. נאָכמער: וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך די אָנווענדונג פון מאַשינען און די צעטיילונג פון דער אַרבעט, אַלץ שווערער ווערט די אַרבעט, — צי דורך דער פאַרמערונג פון די אַרבעטס־שעהן, צי דורך דער פאַרמערונג פון דעם סכום אַרבעט, וואָס מען פאָדערט אין אַ באַשטימטער צייט, דורך דעם פאַרגיכערטן לויף פון די מאַשינען א. אַז. וו.

די היינטיקע אינדוסטריע האָט פאַרוואַנדלט דעם קליינעם וואַרשטאַט פון דעם פאַטריאַרכאַלן מייסטער אין דער גרויסער פאַבריק פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליסט. די אַרבעטער־מאַסן, אָנגעפּאַקט אין די פאַבריקן, ווערן אָרגאַניזירט ווי סאָלדאַטן. ווי איינפאַכע זעלנער פון דער אינדוסטריע, ווערן זיי געשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון אַ גאַנצער יעראַרכיע אונטער־אָפיצירן און אָפיצירן. זיי זענען קנעכט נישט נאָר פון דעם בורזשואַזן קלאַס, פון דער בורזשואַזער מלוכה, זיי זענען יעדן טאָג און יעדע שעה פאַרשקלאַפט צו דער מאַשין, צום אויפזעער און קודם־כל, צו דעם געגעבענעם איינצלנעם בורזשוא, צום אונטערנעמער. און דערדאָזיקער דעספּאָטיזם ווערט נאָך קליינלעכער, פאַרהאַסטער, און פאַרביטערט נאָך מער, וואָס אָפענער ער פּראָקלאַמירט, אַז זיין צוועק איז פּראָפיט.

וואָס ווייניקער פלינקייט און כוח עס פאָדערט די האַנט-אַרבעט, ד. ה., וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך די מאָדערנע אינדוסטריע, אַלץ מער ווערט די אַרבעט פון מענער אַרויסגעשטויסן דורך דער אַרבעט פון פרויען און קינדער. אונטערשידן פון געשלעכט און עלטער האָבן נישט מער פאַר דעם אַרבעטער-קלאַס קיין שום געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג. עס זענען נאָר דאָ אַרבעטס-אינסטרומענטן, וואָס האָבן, אָפּהענגיק פון עלטער און געשלעכט, אַ פאַרשידענעם פרייז.

אַז דער פאַבריקאַנט האָט שוין אויסגעזויגן דעם אַרבעטער ביז גאָר, און דער לעצטער האָט שוין באַקומען זיין אַרבעטס-לוין דאַן באַפאַלן אים נאָך אַנדערע טיילן פון דער בורזשואַזיע — דער הויז-ווירט, דער קרעמער, דער וווּכערער א. אַז. וו.

די פריערדיקע נידעריקערע שיכטן פונם מיטלשטאַנד, קליינע אינדוסטריעלער, סוחרים און ראַנטיע, האַנטווערקער און פויערים, — די אַלע קלאַסן זינקען-אַראָפּ אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט, טיילווייז דערפאַר, וואָס זייער קליינער קאַפּיטאַל קלעקט נישט אויף צו טרייבן גרויס-אינדוסטריע, און ער האַלט נישט אויס די קאָנקורענץ פון די גרעסערע קאַפּיטאַליסטן, און טיילווייז, ווייל זייער טעכנישע פלינקייט פאַרלירט דעם ווערט ביי די נייע אופנים פון פּראָדוקציע. אַזוי רעקרוטירט זיך דער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג.

דער פּראָלעטאַריאַט גייט-אַדורך פאַרשידענע מדרגות פון אַנטוויקלונג. זיין קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע הייבט זיך אָן גלייך מיט זיין אויפקומען.

פון אָנהייב קעמפן די אַרבעטער איינציקווייז, דערנאָך נעמען זיך צונויף די אַרבעטער פון אַ פאַבריק, דערנאָך די אַרבעטער פון אַ גאַנצן אַרבעט-צווייג אין אַ געוויסן אָרט, קעגן דעם איינצלנעם בורזשואַ, וואָס עקספּלואַטירט זיי אוממיטלבאַר. זייערע אָנגריפן מאַכן זיי נישט נאָר קעגן די בורזשואַזע פאַר-העלטענישן פון דער פּראָדוקציע, נאָר אויך קעגן די פּראָדוציר-מיטלען גופא; זיי פאַרניכטן פרעמדע קאָנקורירנדיקע סחורות, ברעכן די מאַשינען, צינדן-אונטער די פאַבריקן, זיי ווילן צוריק

אויפשטעלן דעם אונטערגעגאַנגענעם מצב פון דעם מיטלאַלטערלעכן אַרבעטער.

אויף דערדאָזיקער שטופע שטעלן פון זיך, די אַרבעטער פאַר אַ מאַסע, וואָס איז צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און צעבראָקלט דורך קאָנקורענץ. מאַסן-באַוועגונגען פון אַרבעטער זענען דעמאָלט נאָך נישט אַ רעזולטאַט פון זייער אייגענער פאַראייניקונג, נאָר זיי ווערן אַרויסגערופן דורך דער בורזשואַזיע, וועלכע מוז — און קאָן נאָך דאַן — כּדי צו דערגרייכן אירע אייגענע פּאָליטישע צילן, ברענגען אין באַוועגונג דעם גאַנצן פּראָלע-טאַריאַט. אויף אָט דער שטופע, הייסט עס, באַקעמפן די פּראָלעטאַריער נישט זייערע שונאים, נאָר זייערע שונאים-שונאים — די רעשטן פון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, די ערד-אייגנטימער, די נישט-אינדוסטריעלע בורזשואַזיע, די קליין-בירגער. די גאַנצע געשיכטלעכע באַוועגונג איז אויף אַזאַ אופן קאָנצענ-טרירט אין די הענט פון דער בורזשואַזיע; יעדער זיג, וואָס ווערט אויף דעם אופן דערגרייכט, איז אַ זיג פון דער בורזשואַזיע.

אָבער מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע קומט-פאַר נישט נאָר אַ צאָל-פאַרמערונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט; ער זאַמלט זיך אַלץ אין גרעסערע מאַסן, עס וואַקסט זיין קראַפט, און ער פילט זי אַלץ מער. די אינטערעסן, דער לעבנס-מצב אינעווייניק אין דעם פּראָלעטאַריאַט גלייכן זיך אַלץ מער אויס, וואָרים די מאַשינען ווישן אַלץ מער-און-מער אָפּ די אונטער-שידן אין דער אַרבעט און דריקן-אַראָפּ דעם לוין כּמעט אומעטום אויף אַ גלייך נידעריקן ניוואָ. די וואַקסנדיקע קאָנקורענץ פון די אונטערנעמער צווישן זיך און די האַנדלס-קריזיסן, וואָס אָט די קאָנקורענץ רופט-אַרויס, מאַכן דעם אַרבעטס-לוין אַלץ מער וואַקלדיק; די אַלץ שנעלערע אַנטוויקלונג און אומאויפהערלעכע פאַרפולקומונג פון די מאַשינען מאַכט דעם גאַנצן לעבנס-מצב פון די אַרבעטער אַלץ מער אומזיכער; די צוזאַמענשטויסן צווישן דעם איינצלנעם אַרבעטער און דעם איינצלנעם אונטערנעמער נעמען אַלץ מער אָן דעם כאַראַקטער פון צוזאַמענשטויסן צווישן

צווי קלאסן. די אַרבעטער הייבן-אָן דערפון, וואָס זיי שאַפן קאָאַליציעס קעגן די אונטערנעמער; זיי נעמען זיך צונויף, כדי איינצושטעלן זיך פאַר זייער אַרבעטס-לוין. זיי בילדן אַפילו שטענדיקע אַסאָציאַציעס, כדי צו באַזאָרגן זיך אויף די פאַלן פון קאַמף-אויסברוכן. ערטערווייז נעמט דער קאַמף אָן די פאָרם פון אויפשטאַנדן.

פון צייט-צו-צייט זיגן די אַרבעטער, אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע. דער אייגנטלעכער רעזולטאַט פון זייערע קאַמפן איז נישט אַזוי דער דירעקטער דערפאָלג, ווי די פאַרייניקונג פון די אַרבעטער, וואָס פאַרשפּרייט זיך אַלץ מער. דערבײַ העלפן-מיט די וואַקסנדיקע פאַרקער-מיטלען, וואָס די גרויסע אינדוסטריע האָט געשאַפן און וועלכע פאַרבינדן די אַרבעטער פון פאַרשידענע געגנטן צווישנאַנאַנד. אָבער בלויז טאַקע אָט די פאַרבינדונג פאָדערט זיך, כדי די פיל אָרטיקע קאַמפן, וואָס טראָגן אומעטום דעמזעלבן כאַראַקטער, צו פאַרוואַנדלען אין איין נאַציאָנאַלן קלאַסן-קאַמף. יעדער קלאַסן-קאַמף איז אָבער אַ פּאָליטישער קאַמף. און די פאַרייניקונג, וואָס די בירגער פון מיטלאַלטער מיט זייערע דאָרפישע טראַקטן וואָלטן אויף דעם געדאַרפט האָבן יאָרהונדערטער, פירן די הייַנטיקע פּראָלעטאַריער אַדורך, אַ דאַנק די אייזנבאַנען, אין געציילטע יאָרן.

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע פון די פּראָלעטאַריער אין אַ קלאַס, און דערמיט אויך אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, ווערט אַלעמאָל אויפגעריסן, מחמת דער קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער גופא. זי קומט אָבער אַלעמאָל פונדאָסניי אויף נאָך שטאַרקער, פעסטער, מעכטיקער. זי דערשלאָגט זיך צו דער אָנערקענונג פון איינצלנע אינטערעסן פון די אַרבעטער אין דער פאָרם פון געזעצן, אויסנוצנדיק דערבײַ די קריגערייען פון דער בורזשואַזיע צווישן זיך. אַזוי איז געוועזן מיטן ביל וועגן צען-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג אין ענגלאַנד.

די צוזאַמענשטויסן אין דער אַלטער געזעלשאַפט בכלל העלפן-מיט, אַזוי אָדער אַנדערש, דער אַנטוויקלונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט. די בורזשואַזיע איז שטענדיק אין קאַמף: פון

אָנהייב – קעגן דער אַריסטאָקראַטיע, שפּעטער – קעגן די טייל פון דער בורזשואַזיע גופא, וואָס זייערע אינטערעסן זענען אין אַ סתירה מיט דער אַנטוויקלונג פון דער גרויסער אינדוסטריע, און שטענדיק – קעגן דער בורזשואַזיע פון אַלע אַנדערע לענדער. אין אַט די אַלע קאַמפן איז זי געצוואונגען צו אַפּעלירן צום פּראָלעטאַריאַט, אָנקומען צו זיין הילף, און אויף אַזאַ אופן אַריינציען אים אין דער פּאָליטישער באַוועגונג. אַזוי גיט זי אַליין איבער דעם פּראָלעטאַריאַט עלעמענטן פון איר אייגענער בילדונג, ד. ה. אַ געווער קעגן זיך אַליין.

ווייטער: דער פּאָרשריט פון דער אינדוסטריע, ווי מיר האָבן געזען, פירט דערצו, אַז גאַנצע שיכטן פון דעם הערשנדיקן קלאַס ווערן אַראָפּגעשטויסן אין די רייען פונם פּראָלעטאַריאַט, אָדער זיי ווערן לפּחות באַדראָט אין זייערע לעבנס-באַדינגונגען. אויך זיי ברענגען דעם פּראָלעטאַריאַט זייער פיל עלעמענטן פון בילדונג.

ענדלעך, אין צייטן ווען דער קלאַסן-קאַמף דערנענטערט זיך צו אַן אַנטשיידונג, נעמט-אָן דער פּראָצעס פון צע-פאַלונג אינעווייניק אין דעם הערשנדיקן קלאַס, אין דער גאַנצער אַלטער געזעלשאַפט אַזאַ העפטיקן, אַזאַ שאַרפן כאַראַק-טער, אַז אַ קליינער טייל פון דעם הערשנדיקן קלאַס רייסט זיך פון אים איינגאַנצן אָפּ און שליסט זיך אָן אין דעם רעוואָלוציאָנערן קלאַס, אין דעם קלאַס, וואָס טראָגט אין זיינע הענט די צוקונפט. פּונקט ווי אַ טייל פון דעם אַדל איז אַמאָל אַריבער צו דער בורזשואַזיע, אַזוי גייט איצט אַ טייל בורזשואַזיע אַריבער צום פּראָלעטאַריאַט, נעמלעך,– אַ טייל פון די בורזשואַ-אידעאָלאָגן, וועלכע האָבן זיך דער-הויבן ביז צו פאַרשטיין טעאָרעטיש די גאַנצע געשיכטלעכע באַוועגונג.

פון אַלע קלאַסן, וואָס שטייען ביים היינטיקן טאָג קעגן דער בורזשואַזיע, איז נאָר דער פּראָלעטאַריאַט אַן אמת-רעוואָלוציאָנערער קלאַס. אַלע איבעריקע קלאַסן פאַלן און גייען-אונטער מיט דער אַנטוויקלונג פון דער גרויס-אינדוסטרי,

דער פראָלעטאַריאַט אָבער איז אַליין אַ פּראָדוקט פון אָט דער אַנטוויקלונג.

די מיטל-שיכטן, דער קליינער אינדוסטריעלער, דער קליינער סוחר, דער בעל-מלאכה, דער פּויער, — זיי אַלע באַקעמפן די בורזשואַזיע, כדי צו זיכערן פון אונטערגאַנג זייער עקזיס-טענץ ווי מיטל-שיכטן. זיי זענען דעריבער נישט רעוואָלוציאָנער, נאָר קאָנסערוואַטיוו. נאָכמער, זיי זענען רעאַקציאָנער, זיי ווילן דרייען אויף צוריק דאָס ראָד פון דער געשיכטע. אויב זיי זענען יאָ רעוואָלוציאָנער, איז נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זיי שטייט-פאַר דער איבערגאַנג אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט, און דאַן פאַרטיידיקן זיי נישט זייערע איצטערדיקע, נאָר זייערע צו-קונפטיקע אינטערעסן, זיי פאַרלאָזן זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט און שטעלן זיך אויפן שטאַנדפּונקט פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

דער לומפּן-פּראָלעטאַריאַט, אָט דער פּאַסיווער צעפוילונגס-פּראָדוקט פון די אונטערשטע שיכטן פון דער אַלטער געזעלשאַפט, ווערט וווּ-נישט-וווּ אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג דורך דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע; אָבער זיין גאַנצער לעבנס-מצב איז אַזאַ, אַז ער איז מער גענייגט צו פאַרקויפן זיך פאַר רעאַקציאָנערע מאַכינאַציעס.

די לעבנס-באַדינגונגען פון דער אַלטער געזעלשאַפט זענען שוין פאַרניכטעט אין די לעבנס-באַדינגונגען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריער פאַרמאָגט נישט קיין אייגנטום; זיין פאַרהעל-טעניש צו ווייב-און-קינד האָט מער קיין שום געמיינזאַמס נישט מיט די בורזשואַזע פאַמיליען-פאַרהעלטענישן; די מאָדערנע אינדוסטריעלע אַרבעט, די היינטיקע אונטערגעוואָרפנקייט אונטערן קאַפּיטאַל, וואָס איז דיזעלביקע אין ענגלאַנד ווי אין פראַנקרייך, אין אַמעריקע ווי אין דייטשלאַנד, האָט פון אים אָפּגענומען יעטוועדן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. געזעצן, מאָראַל, רעליגיע זענען אין זיינע אויגן נישט מער ווי בורזשואַזע פאָראורטיילן, הינטער וועלכע עס באַהאַלטן זיך די אָדער אַנדערע בורזשואַזע אינטערעסן.

אַלע פריערדיקע קלאַסן, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו-

הערשאַפט האָבן געשטרעבט צו פאַרזיכערן זייער דערוואָרבענע לאַגע אין לעבן, שטעלנדיק די גאַנצע געזעלשאַפט אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז זיי זאָלן זיין גינסטיק פאַר זייער באַרייכערן זיך. די פּראָלעטאַריער אָבער קאָנען באַהערשן די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוציר-כּוחות נישט אַנדערש, סיידן זיי זאָלן אָפּשאַפן זייער אייגענעם ביזאיצטיקן אופן פון אייגנטום-דערוואָרבונג און דערמיט אויך דעם גאַנצן ביזאיצטיקן אופן פון דערווערבן אייגנטום. די פּראָלעטאַריער האָבן נישט וואָס צו פאַרזיכערן, פאַרקערט זיי דאַרפן צעשטערן אַלע ביזאיצטיקע אופנים פון פּריוואַטער באַרייכערונג און פּריוואַטער פאַרזיכערונג.

אַלע ביזאיצטיקע באַוועגונגען זענען געווען באַוועגונגען פון מינדערהייטן, אָדער צוליב די אינטערעסן פון מינדערהייטן. די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג איז די זעלבשטענדיקע באַוועגונג פון דער געוואַלטיקער מערהייט צוליב די אינטערעסן פון דער געוואַלטיקער מערהייט. דער פּראָלעטאַריאַט, דער אונטערשטער שיכט פון דער איצטיקער געזעלשאַפט, קאָן נישט דערהויבן און אויפגעריכט ווערן אַנדערש, ווי אַז דער גאַנצער איבערגעבוי פון די שיכטן, וואָס בילדן די אָפיציעלע געזעלשאַפט, זאָל נישט אויפגעריסן ווערן אינדערלופטן.

אויב נישט לויט דעם אינהאַלט, איז לויט דער פאָרם נאָך, דער קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע פריער פון אַלץ אַ נאַציאָנאַלער. דער פּראָלעטאַריאַט פון יעדן לאַנד מוז נאַטירלעך קודם-כּל פאַרטיק ווערן מיט זיין אייגענער בורזשואַזיע.

אָנצייכענענדיק אַזוי די סאַמע אַלגעמיינע פאַזעס אין דער אַנטוויקלונג פונם פּראָלעטאַריאַט, האָבן מיר נאָכגעפאָלגט דעם מער-אָדער-ווייניקער באַהאַלטענעם בירגער-קריג, וואָס קומט-פאָר אינעווייניק אין דער איצטיקער געזעלשאַפט, ביז צו דעם מאָמענט, ווען ער ברעכט-אויס אין אַן אָפענער רעוואָלוציע, און דער פּראָלעטאַריאַט וואַרפט מיט געוואַלט אַראָפּ די בורזשואַזיע, און לייגט דעם פונדאַמענט פון זיין הערשאַפט.

ווי מיר האָבן שוין געזען, האָבן זיך אַלע געזעלשאַפטן

ביזאיצט געשטיצט אויף דעם קעגנזאַץ צווישן אונטערדריקנדיקע און אונטערגעדריקטע קלאַסן. אָבער כּדי צו קאָנען אונטערדריקן אַ קלאַס, מוזן פאַרן לעצטן געזיכערט זיין אַזעלכע באַדינגונגען, ביי וועלכע ער זאָל קאָנען לפּחות אונטערהאַלטן זיין קנעכטישע עקזיסטענץ. דער לייבאייגענער האָט זיך ביי דער אָרדענונג פון לייב-אייגנשאַפט אַרויפגעאַרבעט ביז צו אַ מיטגליד פון דער קאָמונע, אַזוי ווי דער קליינבירגער האָט זיך דערהויבן צו אַ בורזשואַ אונטערן יאָך פון פעאָדאַלן אַבסאָלוטיזם. פאַרקערט, דער היינטיקער אַרבעטער, אַנשטאָט צו הויבן זיך אינאיינעם מיטן פּראָגרעס פון דער אינדוסטריע, זינקט ער אַלץ טיפער און טיפער אונטער די לעבנס-באַדינגונגען פון זיין אייגענעם קלאַס. דער אַרבעטער ווערט אַ פּאַופּער און אביון, און דער פּאַופּעריזם אַנטוויקלט זיך נאָך שנעלער, איידער די באַפעלקערונג און דאָס רייכטום. עס ווערט קלאָר, אַז די בורזשואַזיע איז אומפעיק צו בלייבן ווייטער דער הערשנדיקער קלאַס אין דער געזעלשאַפט און צו דערהויבן די לעבנס-באַדינגונגען פון איר קלאַס צו דער מדרגה פון אַ נאָרמע פאַר דער געזעלשאַפט. זי איז אומפעיק צו הערשן, ווייל זי איז אומפעיק צו זיכערן די עקזיסטענץ פאַר איר שקלאַף, אַפילו אין די באַדינגונגען פון זיין שקלאַפעריי, ווייל זי איז געצוווּנגען צו לאָזן אים אַראָפּזינקען אין אַזאַ לאַגע, ווו זי גאַר מוז אים דערנערן, אַנשטאָט פון אים גענערט צו ווערן. די געזעלשאַפט קאָן נישט מער לעבן אונטער איר הערשאַפט, ד. ה., איר לעבן פּאַרט זיך נישט מער מיט דער געזעלשאַפט.

דער וויכטיקסטער באַדינג פאַר דער עקזיסטענץ און פאַר דער הערשאַפט פון דעם בורזשואַזן קלאַס איז די אָנזאַמלונג פון עשירות אין די הענט פון יחידים, די באַשאַפונג און פאַרמערונג פון קאַפּיטאַל; די באַדינגונג פאַר דער עקזיסטענץ פון קאַפּיטאַל איז לוין-אַרבעט. די לוין-אַרבעט שטיצט זיך דורכויס אויף דער קאָנקורענץ פון די אַרבעטער צווישן זיך. דער פּראָגרעס פון דער אינדוסטריע, וואָס די בורזשואַזיע איז איר ווילנלאָזער און פּאַסיווער טרעגער, ברענגט אָנשטאָט דער איזאָלירונג פון די

אַרבעטער דורך דער קאָנקורענץ אַ רעוואָלוציאָנערע פאַרייניקונג פון זיי דורך דער אַסאָציאַציע. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער גרויס-אינדוסטריע ווערט, אויף אַזאַ אופן, אַרויסגעריסן ביי דער בורזשואַזיע פון אונטער די פיס דער באָדן גופא, אויף וועלכן זי פראָדוצירט און נעמט זיך צו די פראָדוקטן. זי פראָדוצירט פריער פון אַלץ איר אייגענעם באַגרעבער. איר אונטערגאַנג און דער זיג פון דעם פראָלעטאַריאַט זענען גלייך אומפאַרמיידלעך.

.2

פראָלעטאַריער און קאָמוניסטן.

אין וואָס פאַרא פאַרהעלטעניש שטייען די קאָמוניסטן צו די פראָלעטאַריער בכלל?

די קאָמוניסטן זענען נישט קיין באַזונדערע פאַרטיי אַנטקעגן אַנדערע אַרבעטער-פאַרטייען.

זיי האָבן נישט קיינע שום אינטערעסן, וואָס זאָלן זיין אָפּגעטיילט פון די אינטערעסן פונם גאַנצן פראָלעטאַריאַט.

זיי שטעלן נישט אַרויס קיינע באַזונדערע פרינציפּן, לויט וועלכע זיי וואָלטן וועלן פאָרמירן די פראָלעטאַרישע באַוועגונג.

די קאָמוניסטן שיידן זיך אונטער פון די איבעריקע פראָלעטאַרישע פאַרטייען נאָר דערמיט, וואָס פון איין זייט, טיילן זיי אויס אין די פאַרשידענע נאַציאָנאַלע קאַמפּן פון די פראָלעטאַריער די געמיינזאַמע אינטערעסן פון דעם גאַנצן פראָלעטאַריאַט, וועלכע זענען נישט אָפּהענגיק פון נאַציאָנאַליטעט און פאַרטיידיקן דידאָזיקע אינטערעסן; פון דער אַנדערער זייט — דערמיט, וואָס אויף די פאַרשידענע שטופעס פון אַנטוויקלונג, וועלכע דער קאַמף צווישן דעם פראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע מאַכט-דורך, פאַרטרעטן זיי שטענדיק די אינטערעסן פון דער גאַנצער באַוועגונג.

די קאָמוניסטן זענען, אויף אַזאַ אופן, אין דער פּראַקטיק דער אַנטשיידנדיקסטער, כסדר פאָרויס-טרייבנדיקער טייל פון די אַרבעטער-פאַרטייען אין אַלע לענדער; טעאָרעטיש האָבן זיי די מעלה לגבי דער איבעריקער מאַסע פון דעם פראָלעטאַריאַט, וואָס

זיי פאַרשטייען די באַדינגונגען, דעם גאַנג און די אַלגעמיינע רעזולטאַטן פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג.

דער נאָענטסטער צוועק פון די קאָמוניסטן איז דערזעלבער, ווי ביי אַלע איבעריקע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען: אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַריאַט ווי אַ קלאַס, אַראָפּוואַרפן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, און דער פּראָלעטאַריאַט זאָל דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט.

די טעאָרעטישע הנחות פון די קאָמוניסטן שטיצן זיך בשום-אופן נישט אויף אידייען און פּרינציפּן, וואָס עפּעס אַ וועלט-פאַרבעסערער האָט אויסגעקלערט אָדער אַנטדעקט.

זיי זענען נאָר דער אַלגעמיינער אויסדרוק פון די פאַקטישע פאַרהעלטענישן פון דעם עקזיסטירנדיקן קלאַסן-קאַמף, פון דער געשיכטלעכער באַוועגונג, וואָס קומט-פאָר פאַר אונזערע אויגן. די שטרעבונג אָפּצושאַפן די אַלטע פאַרהעלטענישן פון אייגנטום איז כאַראַקטעריסטיש נישט דווקא נאָר פאַרן קאָמוניזם.

די פאַרהעלטענישן פון אייגנטום האָבן אַלעמאָל זיך גע-שיכטלעך געביטן, זיי געפינען זיך אין אַ שטענדיקער געשיכטלעכער פאַרענדערונג.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, למשל, האָט אָפּגעשאַפט דאָס פעאָדאַל-אייגנטום לטובת דעם בורזשואַזן אייגנטום.

כאַראַקטעריסטיש פאַרן קאָמוניזם איז נישט די אָפּשאַפונג פון אייגנטום בכלל, נאָר די אָפּשאַפונג פון בורזשואַזן אייגנטום.

אָבער דאָס מאָדערנע בורזשואַזע פּריוואַט-אייגנטום איז דער לעצטער און פולסטער אויסדרוק פון דעם אופן צו פּראָדוצירן און צוצאייגענען פּראָדוקטן, וואָס שטיצט זיך אויף קלאַסן-סתירות, אויף עקספּלואַטאַציע פון איינעם דורך דעם אַנדערן.

אין דעם זינען קאָנען די קאָמוניסטן פאָרמולירן זייער טעאָריע אין דעם איינעם אויסדרוק: אָפּשאַפן פּריוואַט-אייגנטום.

מען האָט אונז, קאָמוניסטן, פאָרגעוואָרפן, אַז מיר ווילן אָפּ-שאַפן דאָס פערזענלעכע, מיט אייגענער אַרבעט דערוואָרבענע אייגנטום, דאָס אייגנטום, וואָס איז דער יסוד פון יעדער פער-זענלעכער פרייהייט, טעטיקייט און זעלבשטענדיקייט.

אייגנטום, וואָס מען האָט אַליין פאַרהאָרעוועט, דערוואָרבן פאַרדינט! צי רעדט איר וועגן דעם קליינבירגערלעכן קליינפויערשן, אייגנטום, וואָס עס איז געווען פאַר דעם בורזשואַזן האָבן מיר נישט וואָס עס אָפצושאַפן: די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע האָט עס אָפגעשאַפט און שאַפט עס אָפ יעדן טאָג.

אָדער אפשר רעדט איר וועגן דעם הייַנטיקן בורזשואַזן פריוואַט-אייגנטום?

נו, און די לוין-אַרבעט, די אַרבעט פון דעם פּראָלעטאַריער שאַפט אים עפּעס אייגנטום? ניין. זי שאַפט קאַפּיטאַל, ד. ה., אייגנטום, וואָס עקספּלואַטירט די לוין-אַרבעט, וואָס קאָן זיך פאַרמערן נאָר מיטן תנאי, עס זאָל שאַפן נייע לוין-אַרבעט, כדי פונדאָסניי זי צו עקספּלואַטירן. דאָס אייגנטום אין זיין הייַנטיקער געשטאַלט באַזירט זיך אויף דעם קעגנזאַץ צווישן קאַפּיטאַל און לוין-אַרבעט. טאָ לאָמיר באַטראַכטן ביידע זייטן פון דעמדאָזיקן קעגנזאַץ.

זיין אַ קאַפּיטאַליסט הייסט, פאַרנעמען נישט נאָר אַ פּערזענלעך, נאָר אַ געזעלשאַפטלעך אָרט אין דער פּראָדוקציע. דער קאַפּיטאַל איז אַ פּראָדוקט פון אַלגעמיינער אַרבעט, און ער קאָן געבראַכט ווערן אין באַוועגונג נאָר דורך דער בשותּפותער טעטיקייט פון אַ סך מיטגלידער, אין לעצטן סך-הכּל דורך דער בשותּפותער טעטיקייט פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

דער קאַפּיטאַל איז, אַלזאָ, נישט קיין פּערזענלעכע, נאָר אַ געזעלשאַפלעכע מאַכט.

דעריבער, ווען דער קאַפּיטאַל וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ כּלל-אייגנטום, וואָס געהערט אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, וועט דאָס נישט הייסן, אַז פּערזענלעך אייגנטום איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געזעלשאַפטלעכן. עס וועט זיך בייטן נאָר דער געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער פונם אייגנטום. עס וועט פאַרלירן זיין קלאַסן-כאַראַקטער.

איצט לאָמיר אַריבער צו דער לוין-אַרבעט.

דער דורכשניטלעכער פּרייז פון לוין-אַרבעט איז דער מינימום אַרבעטס-לוין, ד. ה., דער סכום לעבנס-מיטל, וואָס איז נויטיק כּדי

אויפצוהאַלטן דעם אַרבעטער, ווי אַן אַרבעטער, ביים לעבן. הייסט עס, דאָס וואָס דער לוין-אַרבעטער קריגט דורך זיין טעטיקייט, קלעקט נאָר אויף אונטערצוהאַלטן דאָס הוילע לעבן. בשום-אופן ווילן מיר נישט אָפּשאַפן די פּערזעלעכע דערווערבונג פון די אַרבעטס-פּראָדוקטן, וואָס זענען נויטיק כּדי אויפצוהאַלטן דירעקט דאָס לעבן,—אַזאַ דערווערבונג, וואָס לאָזט נישט איבער קיין שום ריינע הכנסה, וועלכע זאָל קאָנען געבן מאַכט איבער פרעמדער אַרבעט. מיר ווילן בלויז אָפּשאַפן דעם קבצנישן כאַראַקטער פון אָט דער דערווערבונג, אַז דער אַרבעטער לעבט נאָר, כּדי צו פאַרמערן דעם קאַפּיטאַל, און לעבט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל עס פאָדערן עס די אינטערעסן פון די הערשנדיקע קלאַסן.

אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט איז די לעבעדיקע אַרבעט נאָר אַ מיטל צו פאַרמערן די אָנגעזאַמלטע אַרבעט. אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט איז די אָנגעזאַמלטע אַרבעט נישט מער ווי אַ מיטל אויף צו פאַרברייטערן, באַרייכערן, דערהויבן דעם לעבנס-פּראָצעס פון די אַרבעטער.

אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט הערשט, איף אַזאַ אופן, די פאַרגאַנגענהייט איבער דער קעגנוואַרט; אין דער קאָמוניסטישער— די קעגנוואַרט איבער דער פאַרגאַנגענהייט. אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט איז דער קאַפּיטאַל זעלבשטענדיק און פּערזענלעך, בעת דער אַרבעטנדיקער יחיד איז אומזעלבשטענדיק און אומפּערזענלעך.

און אָפּשאַפן אָט די פאַרהעלטענישן הייסט ביי דער בורזשואַזיע אָפּשאַפן די פּערזענלעכקייט און די פרייהייט! זי איז גערעכט. עס האַנדלט זיך טאַקע וועגן אָפּשאַפן די בורזשואַזע פּערזענלעכקייט, די בורזשואַזע זעלבשטענדיקייט, די בורזשואַזע פרייהייט.

ביי די איצטיקע בורזשואַזע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן פאַרשטייט מען אונטער פרייהייט די פרייהייט פון האַנדל, די פרייהייט פון קויפן און פאַרקויפן.

אָבער מיט דער אָפּשאַפונג פון שאַכעריי, ווערט נאַטירלעך אויך אויס פרייע שאַכעריי. די טענות מכּוח פרייען מסחר, ווי אַלע

איבעריקע פרייהייטס־ראיות פון אונזער בורזשואַזיע האָבן בכלל אַ זינען נאָר בנוגע דעם אומפרייען מסחר, בנוגע דעם פאַר־שקלאַפטן בירגער פון מיטלאַלטער, אָבער נישט בנוגע דער קאָמו־ניסטישער אָפּשאַפונג פון דער שאַכערײַ בכלל, פון די בורזשואַזע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן און פון דער בורזשואַזיע גופא.

איר זענט אויפגעבראַכט, וואָס מיר ווילן אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום. אָבער אין אייער איצטיקער געזעלשאַפט איז דאָס פּריוואַט־אייגנטום פאַר ניין צענטל פון אירע מיטגלידער שוין אָפּגעשאַפט; עס עקזיסטירט דאָך גראָד דורך דעם, וואָס פאַר ניין צענטל עקזיסטירט עס נישט. איר וואַרפט אונז פאָר, הייסט עס, וואָס מיר ווילן באַזייטיקן אַזאַ מין אייגנטום, וואָס קאָן זיין נאָר ביי דעם נויטווענדיקן תּנאי, אַז די אומגעהייערע מערהייט פון דער געזעל־שאַפט זאָל גאָר קיין אייגנטום נישט האָבן.

מיט איין וואָרט, איר וואַרפט אונז פאָר, אַז מיר ווילן אָפּשאַפן אייער אייגנטום. אָט דאָס ווילן מיר טאַקע.

פון דעם מאָמענט אָן, וואָס אַרבעט וועט מער נישט קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן אין קאַפּיטאַל, געלט, ערד־רענטע, קורץ — אין אַ געזעלשאַפטלעכער מאַכט, וואָס קאָן מאָנאָפּאָליזירט ווערן, ד. ה., פון דעם מאָמענט, וואָס דאָס פּערזענלעכע אייגנטום וועט מער נישט קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן אין בורזשואַזן אייגנטום — פון דעם מאָמענט אָן, טענהט איר, איז אויס מענטשלעכע פּערזענלעכקייט.

איר זענט, הייסט עס, מודה, אַז אונטער פּערזענלעכקייט פאַרשטייט איר נישט קיין אַנדערן, אַחוץ דעם בורזשואַ, דעם בורזשואַזן אייגנטימער. און דידאָזיקע פּערזענלעכקייט דאַרף טאַקע אָפּגעשאַפט ווערן.

דער קאָמוניזם וועט ביי קיינעם נישט צונעמען די מאַכט אויף צו דערווערבן זיך געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקטן, ער וועט נאָר צונעמען די מאַכט אונטערצודריקן פרעמדע אַרבעט דורך אָט דער דערווערבונג.

מען זאָגט אויך, אַז קוים וועט ווערן אויס פּריוואַט־אייגנטום, וועט זיך אָפּשטעלן יעטוועדע טעטיקייט, און עס וועט זיך אָנהייבן אַן אַלגעמיינע פוילקייט.

אָבער אויב אַזוי, האָט די בורזשואַזע געזעלשאַפט שוין לאַנג געדאַרפט אונטערגיין פון פוילקייט; וואָרים די, וואָס אַרבעטן אין אָט דער געזעלשאַפט, דערווערבן נישט, און די, וואָס דערווערבן, אַרבעטן נישט. די אַלע ספקות באַשטייען נישט מער ווי אין דער טאַווטאָלאָגיע, אַז וויבאַלד עס וועט נישט זיין קיין קאַפּיטאַל, וועט נישט זיין קיין לוין-אַרבעט.

אַלע טענות, וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט קעגן דעם קאָמוניסטישן אופן פון דערווערבן און פּראָדוצירן מאַטעריעלע פּראָדוקטן, האָט מען אויסגעשפּרייט אויך אויף דעם דערווערבן און פּראָדוצירן גייסטיקע פּראָדוקטן.

פּונקט ווי די אָפּשאַפונג פון קלאַסן-אייגנטום באַטייט פאַר ן בורזשואַ, ווי די פּראָדוקציע גופא וואָלט ווערן אָפּגעשאַפט, אַזוי איז ביי אים אויך די אָפּשאַפונג פון קלאַסן-בילדונג אידענטיש מיט דער אָפּשאַפונג פון בילדונג בכלל.

די בילדונג, וואָס ער באַקלאָגט אַזוי איר אונטערגאַנג, באַטייט פאַר דער ריזיקער מערהייט מענטשן — דערצויגן ווערן צו זיין אַ מאַשין.

אָבער הערט-אויף צו שטרייטן מיט אונז, איר, וואָס גייט צו צו דער אָפּשאַפונג פון בורזשואַזן אייגנטום מיט אייערע בירגערלעכע פאַרשטעלונגען וועגן פרייהייט, בילדונג, רעכט א. אַ. וו. אייערע אידייען גופא זענען אַ פּראָדוקט פון די בורזשואַזע פּראָדוציר- און אייגנטום-פאַרהעלטענישן, פּונקט ווי אייער רעכט איז נישט מער ווי דער ווילן פון אייער קלאַס, דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ געזעץ, און דער אינהאַלט פון אָט דעם ווילן ווערט באַשטימט דורך די מאַטעריעלע לעבנס-באַדינגונגען פון אייער קלאַס.

צוזאַמען מיט אַלע ביזאיצט אונטערגעגאַנגענע קלאַסן טיילט איר פאַלגנדיקע עגאָיסטישע פאַרשטעלונג: די פאַרהעלטענישן פון אייער פּראָדוקציע און אייגנטום באַנעמט איר נישט ווי געשיכטלעכע פאַרהעלטענישן, וועלכע גייען-פאַרביי מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, נאָר איר פאַרוואַנדלט זיי אין אייביקע געזעצן פון נאַטור און שכל. דאָס וואָס איר גופא פאַרשטייט, ווען עס רעדט זיך וועגן אייגנטום פון די אַלטע צייטן

אָדער וועגן אייגנטום פון דער פעאָדאַלער צייט — דאָס ווילט איר נישט פאַרשטיין, ווי נאָר ס׳קומט צו רייד וועגן בורזשואַזן אייגנטום.

פאַרניכטונג פון דער פאַמיליע! אַפילו די גרעסטע ראַדי-קאַלן זענען אויסער זיך פון אָט דער שענדלעכער כּוונה פון די קאָמוניסטן.

אָבער אויף וואָס האַלט זיך די היינטיקע, די בורזשואַזע פאַמיליע? אויף קאַפּיטאַל, אויף פּריוואַט-דערווערבונג. אין איר פול-אַנטוויקלטער פאָרם עקזיסטירט זי נאָר פאַר דער בורזשואַזיע; זי געפינט אָבער איר דערגאַנצונג אין דער געצוווּנגענער פאַמיליענלאָזיקייט פון די פּראָלעטאַריער און אין אָפענער פּראָסטיטוציע.

די בורזשואַזע פאַמיליע וועט, נאַטירלעך, בטל-ווערן, ווען עס וועט בטל-ווערן אָט די דערגאַנצונג אירע, און ביידע וועלן זיי צוזאַמען פאַרשווינדן, ווען עס וועט פאַרשווינדן דער קאַפּיטאַל.

אָדער אפשר וואַרפט איר אונז פאָר, וואָס מיר ווילן אָפּשאַפן די עקספּלואַטאַציע פון קינדער דורך זייערע עלטערן? אין דעם פאַרברעכן זענען מיר זיך גראָד מודה.

אָבער, זאָגט איר, מיר שאַפן-אָפּ די אינטימסטע באַציִונגען, קוים ווילן מיר אָנשטאָט פאַמיליען-דערציִונג איינפירן געזעלשאַפט-לעכע דערציִונג.

אָבער ווערט דען אייער דערציִונג נישט באַשטימט דורך דער געזעלשאַפט? דורך די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, אין וועלכע איר פירט די דערציִונג, דורך דירעקטער אָדער אום-דירעקטער אַריינמישונג פון דער געזעלשאַפט, מיט דער הילף פון דער שול א. אַ. וו.? די קאָמוניסטן האָבן נישט אויסגעטראַכט די ווירקונג פון דער געזעלשאַפט אויף דער דערציִונג; זיי ענדערן בלויז דעם כאַראַקטער פון דער ווירקונג, זיי רייסן-אַרויס די דערציִונג פון אונטער דער השפּעה פונם הערשנדיקן קלאַס.

דאָס בורזשואַזע גערעדעריי וועגן פאַמיליע און דערציִונג, וועגן האַרציקע באַציִונגען צווישן עלטערן און קינדער ווערט נאָך עקלדיקער, וואָס מער עס ווערן — אַדאַנק דער גרויס-אינדוסטריע —

צעריסן פאַר די פּראָלעטאַריער אַלע פאַמיליען-בענדער און די קינדער ווערן פאַרוואַנדלט אין איינפאַכע האַנדלס-אַרטיקלען און אַרבעטס-אינסטרומענטן.

אָבער איר, קאָמוניסטן, ווילט איינפירן שותּפות אויף ווייבער,— שרייט אין איין כאָר די גאַנצע בורזשואַזיע.

פאַרן בורזשואַ איז זיין פרוי נישט מער, ווי אַ פּראָדוציר-אינסטרומענט. ער הערט, ווי מען וויל, אַז די פּראָדוציר-אינסטרומענטן זאָלן עקספּלואַטירט ווערן אויף אַ קאָלעקטיוון אופן, קומט ביי אים אויס נישט אַנדערש, ווי אַז דער גורל פון קאָלעקטיוויקייט וועט נישט אויסמיידן אויך די ווייבער.

ער האָט קיין השגה נישט, אַז עס האַנדלט זיך גראָד וועגן אָפּשאַפן אָט די לאַגע פון די ווייבער, ווי פון פּשוטע פּראָדוציר-אינסטרומענטן.

איבעריקנס, איז נישטאָ קיין מער לעכערלעכע זאַך, ווי אָט דער הויך-מאָראַלישער צאָרן פון אונזערע בורזשואַ קעגן דער כלומרשטער אָפיציעלער ווייבער-שותּפות ביי די קאָמוניסטן. די קאָמוניסטן פאַרשפאָרן איינפירן ווייבער-שותּפות; די שותּפות האָט כמעט תּמיד סיי-ווי עקזיסטירט.

אונזערע בורזשואַ באַגנוגענען זיך נישט דערמיט, וואָס זיי האָבן צו זייער רשות די ווייבער און טעכטער פון זייערע אַרבעטער— אָפּגערעדט שוין פון דער אָפיציעלער פּראָסטיטוציע — זיי געפינען באַזונדער פאַרגעניגן אין אָפּשלאָגן איינער ביים צווייטן די ווייבער.

די בורזשואַזע הייראַט איז אין דער ווירקלעכקייט אַ שותּפות אויף פאַרהייראַטע פרויען. העכסטנס וואָלט מען געקאָנט פאַר-וואַרפן די קאָמוניסטן, אַז אָנשטאָט אַ צביעותדיק באַהאַלטענער ווייבער-שותּפות, ווילן זיי איינפירן אַן אָפיציעלע, אָפנהאַרציקע שותּפות. עס פאַרשטייט זיך אָבער פון זיך אַליין, אַז קוים וועלן אָפּגעשאַפט ווערן די איצטיקע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן, וועט פאַרשווינדן אויך די אַרויסגערופענע דורך זיי ווייבער-שותּפות, ד. ה., די אָפיציעלע און נישט-אָפיציעלע פּראָסטיטוציע.

ווייטער האָט מען פאָרגעוואָרפן די קאָמוניסטן, אַז

זיי ווילן כלומרשט אָפּשאַפן דאָס פאָטערלאַנד, די נאַציע.

די אַרבעטער האָבן נישט קיין פאָטערלאַנד. מען קאָן ביי זיי נישט צונעמען דאָס, וואָס זיי האָבן נישט. אַזוי ווי דער פּראָלעטאַריאַט מוז קודם-כל דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט, זיך אָרגאַניזירן אַלס אַ נאַציאָנאַלער קלאַס, זיך זעלבסט קאָנסטיטואירן אַלס נאַציע — איז ער נאָך אַליין נאַציאָנאַל, הגם לגמרי נישט אין דעם זינען, ווי די בורזשואַזיע פאַרשטייט עס.

די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט און די קעגנזאַצן צווישן פעלקער פאַרשווינדן שוין איצט אַלץ מער-און-מער, צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער בורזשואַזיע, פון פרייען האַנדל, פון וועלט-מאַרק, צוזאַמען דערמיט ווי עס שטעלן זיך איין אומעטום גלייכע פאָרמען פון פּראָדוקציע און אַנטשפּרעכנדיק צו דעם אויך גלייכע לעבנס-פאַרהעלטענישן.

ביי דער הערשאַפט פונם פּראָלעטאַריאַט וועלן זיי, די אָפּגעזונדערטקייט און פעלקער-קעגנזאַצן, נאָך גיכער פאַרשווינדן. די פאַראייניקטע האַנדלונג, ווייניקסטנס פון די ציוויליזירטע לענדער, איז איינער פון די ערשטע תּנאים פאַר דער באַפרייונג פונם פּראָלעטאַריאַט.

אין דערזעלבער מאָס, ווי עס וועט אויפהערן די עקספּלואַטאַציע פון איין מענטש דורך דעם צווייטן, וועט אויפהערן די עקספּלואַטאַציע פון איין נאַציע דורך דער צווייטער.

צוזאַמען דערמיט ווי עס ווערט בטל דער קעגנזאַץ צווישן די קלאַסן אין דער נאַציע איינעווייניק, הערט אויך אויף די אויסערלעכע פיינטלעכע שטעלונג פון איין נאַציע קעגן דער צווייטער.

וואָס איז שייך די באַשולדיקונגען, וועלכע ווערן אַרויסגערוקט קעגן קאָמוניזם פון רעליגיעזן, פילאָזאָפישן, און בכלל פון אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט — פאַרדינען זיי נישט קיין אויספירלעכע באַהאַנדלונג.

צי איז דען טאַקע נויטיק אַזאַ טיפער שכל, כדי צו פאַרשטיין, אַז צוזאַמען מיט די לעבנס-פאַרהעלטענישן פון די מענטשן, מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען, מיט זייער געזעלשאַפט-

לעכן זיין — ענדערן זיך אויך זייערע פאָרשטעלונגען, אָנשויונגען און באַגריפן, מיט איין וואָרט — זייער גאַנצער באַוווסטזיין?

צי באַווייזט דען נישט די געשיכטע פון אידייען, אַז די גייסטיקע פּראָדוקציע ענדערט זיך צוזאַמען מיט דער מאַטער-יעלער? די הערשנדיקע אידייען פון אַ געוויסער עפּאָכע זענען אַלעמאָל געווען בלויז נאָר די אידייען פון דעם הערשנדיקן קלאַס פון דער עפּאָכע.

מען רעדט וועגן אידייען, וועלכע רעוואָלוציאָניזירן די גאַנצע געזעלשאַפט; דערמיט דריקט מען בלויז אויס דעם פאַקט, אַז אינעווייניק אין דער אַלטער געזעלשאַפט האָבן זיך אויס-געבילדעט עלעמענטן פון אַ נייער געזעלשאַפט, אַז צוזאַמען מיטן אונטערגיין פון די אַלטע לעבנס-פאַרהעלטענישן גייען טריט-ביי-טריט אונטער אויך די אַלטע אידייען.

אַז די אַלטע וועלט האָט געהאַלטן אין אונטערגיין, זענען די אַלטע רעליגיעס באַזיגט געוואָרן דורך דער קריסט-לעכער רעליגיע. און בעת די קריסטלעכע אידייען האָבן אין 18-טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן קאַפּיטולירן פאַר די אויפקלערונגס-אידייען, האָט די פעאָדאַלע געזעלשאַפט זיך געהאַט געראַנגלט אויף לעבן-און-טויט מיט דער דעמאָלט רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע. די אידייען וועגן פרייהייט פון געוויסן און רעליגיע האָבן בלויז אויסגעדריקט די הערשאַפט פון פרייער קאָנקורענץ אויפן געביט פון וויסן.

„אָבער — וועט מען זאָגן — רעליגיעזע, עטישע, פילאָזאָפישע, פּאָליטישע, רעכטלעכע אידייען א. אַ וו. האָבן זיך טאַקע גע-ביטן אין לויף פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. אָבער גופא די רעליגיע, די עטיק, די פילאָזאָפיע, די פּאָליטיק, דאָס רעכט האָבן זיך תמיד אויפגעהיט אין פּראָצעס פון אָט די שטענדיקע ענדערונגען.

„און עס זענען אַ חוץ דעם נאָך פאַראַן אייביקע אמתן, ווי פרייהייט, גערעכטיקייט א. אַ. וו., וועלכע זענען שותפותדיקע פאַר אַלע צושטאַנדן פון דער געזעלשאַפט. דער קאָמוניזם אָבער שאַפט-אָפּ די אייביקע אמתן; ער שאַפט-אָפּ די רעליגיע, די

מאָראַל, אָנשטאָט זיי איבערצואַנדערשן; און דעריבער געפינט ער זיך אין אַ סתירה מיט דעם גאַנצן ביזאיצטיקן גאַנג פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג".

אין וואָס באַשטייט אין לעצטן סך-הכל דידאָזיקע באַשולדיקונג? די גאַנצע געשיכטע פון דער געזעלשאַפט ביזאיצט האָט זיך געדרייט אַרום קלאַסן-קעגנזאַצן, וועלכע האָבן אין פאַרשידענע עפּאָכעס אָנגענומען אַן אַנדערע געשטאַלט.

אָבער וואָסער פאָרם דידאָזיקע קעגנזאַצן האָבן נישט אָנגענומען, די עקספּלואַטאַציע פון איין טייל געזעלשאַפט דורך דעם אַנדערן בלייבט אַ פאַקט, וועלכער איז געמיינזאַם פאַר אַלע פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער. עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס דער געזעלשאַפטלעכער באַוווסטזיין האָט די אַלע יאָרהונדערטער, נישט געקוקט אויף זייער גאַנצער פאַרשידנקייט און פיל-אַרטיקייט, געהאַט געוויסע געמיינזאַמע פאָרמען, באַוווסטזיין-פאָרמען, וועלכע וועלן פאַרשווינדן פולשטענדיק ערשט דאַן, ווען דער אַנטאַגאָניזם פון קלאַסן וועט אינגאַנצן פאַרשווינדן.

די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע איז דער סאַמע ראַדיקאַלער אופן פון איבעררייסן מיט די טראַדיציאָנעלע אייגנטום-פאַרהעלטענישן; איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס זי רייסט אין גאַנג פון איר אַנטוויקלונג אַזוי ראַדיקאַל איבער מיט די טראַדיציאָנעלע אידייען.

אָבער לאָמיר זיי לאָזן, די טענות פון דער בורזשואַזיע קעגן קאָמוניזם.

מיר האָבן שוין פריער געזען, אַז דער ערשטער שריט פון דער אַרבעטער-רעוואָלוציע דאַרף זיין, דערהויבן דעם פּראָלעטאַריאַט צו דער מדרגה פון הערשנדיקן קלאַס, אויסקעמפן די דעמאָקראַטיע.

און זיין פּאָליטישע הערשאַפט וועט דער פּראָלעטאַריאַט אויסנוצן, כדי ביסלעכווייז אָפּנעמען ביי דער בורזשואַזיע דעם גאַנצן קאַפּיטאַל, כדי צו קאָנצענטרירן אַלע פּראָדוציר-מיטלען אין די הענט פון דער מלוכה, דאָס הייסט אין די הענט פונם אָרגאַניזירטן אַלס הערשנדיקער קלאַס פּראָלעטאַריאַט, און כדי

זוי ווייט מעגלעך שנעל צו פאַרמערן דעם אַלגעמיינעם סכום פּראָדוציר-קרעפטן.

צום אָנהייב קאָן דאָס, נאַטירלעך, געשען נאָר מיט דער הילף פון אַ געוואַלטזאַמער אַריינמישונג אין דעם אייגנטום-רעכט און אין די בורזשואַזע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן, אַלזאָ דורך מאָס-מיטלען, וואָס זעען-אויס פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט נישט גענוג און נישט זיכער; אָבער אין לויף פון דער באַוועגונג וואַקסן דידאָזיקע מאָס-מיטלען זיך אַליין אַריבער, און זיי זענען אומפאַרמיידלעך אַלס מיטלען אויף אומצוועגדערן דעם גאַנצן פּראָדוציר-אופן.

דידאָזיקע מאָס-מיטלען וועלן, נאַטירלעך, זיין פאַרשידענע אין פאַרשידענע לענדער.

דאָך, אין די פאָרגעשריטנסטע לענדער, וועלן מסתמא אומעטום קאָנען אָנגעווענדט ווערן פאָלגנדיקע מיטלען:

1. עקספּראָפּריאירן דאָס ערד-אייגנטום און פאַרווענדן די ערד-רענטע אויף מלוכה-אויסגאַבן.
2. אַ הויכער פּראָגרעסיווער שטייער.
3. אָפּשאַפן דאָס רעכט פון ירושה.
4. קאָנפיסקירן דאָס אייגנטום פון אַלע עמיגראַנטן און אויפשטענדלער.
5. צענטראַליזירן דעם קרעדיט-וועזן אין די הענט פון דער מלוכה, אין דער פאָרם פון אַ נאַציאָנאַלן באַנק מיט מלוכה-קאַפּיטאַל, און מיט אויסשליסלעכע מאָנאָפּאָל-רעכט.
6. צענטראַליזירן דעם טראַנספּאָרט-וועזן אין די הענט פון דער מלוכה.
7. פאַרמערן די צאָל מלוכה-פאַבריקן און פּראָדוציר-מיטלען, צעאַקערן און פאַרבעסערן (מעליאָרירן) די פעלדער לויט אַן אַלגעמיינעם פּלאַן.
8. איינפירן אַ גלייכן אַרבעט-צוואַנג פאַר אַלע, אויפשטעלן אינדוסטריעלע אַרמייען, דערהויפּט פאַר דער לאַנדווירטשאַפט.
9. פאַראייניקן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע מיט דער אינדוסטריע; שטרעבן אָפּצושאַפן ביסלעכווייז דעם אונטערשיד צווישן שטאָט און דאָרף.

10. איינפירן עפנטלעכע און אומזיסטע דערציִונג פון אַלע קינדער; אָפּשאַפן די פאַבריקס-אַרבעט פון קינדער אין איר היינטיקער פאָרם; פאַרבינדן די דערציִונג מיט דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע א. אַ. וו.

אַז די קלאַסן-אונטערשידן וועלן אין לויף פון דער אַנט-וויקלונג בטל-ווערן און די גאַנצע פּראָדוקציע וועט זיין קאָנ-צענטרירט אין די הענט פון אַסאָציאירטע מענטשן, וועט די עפנטלעכע מאַכט גאָר אָנווערן איר פּאָליטישן כאַראַקטער. פּאָליטישע מאַכט אין אייגנטלעכן זינען פון וואָרט איז די אָרגאַניזירטע געוואַלט פון איין קלאַס אויף אונטערצודריקן אַ צווייטן קלאַס. אויב דער פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירט זיך אַלס קלאַס אין זיין קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע, און מיט דער הילף פון אַ רעוואָלוציע ווערט ער דער הערשנדיקער קלאַס, און אַלס הערשנ-דיקער קלאַס שאַפט ער אָפּ מיט געוואַלט די אַלטע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן — שאַפט ער אָבער אָפּ צוזאַמען מיט אָט די פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן די באַדינגונגען גופא פאַר דער עקזיסטענץ פון קלאַסן-אַנטאַגאָניזם, ס'הייסט, אַז ער שאַפט בכלל אָפּ קלאַסן און ממילא אויך זיין אייגענע הערשאַפט, אַלס קלאַס.

אויפן אָרט פון דער אַלטער בירגערלעכער געזעלשאַפט, מיט אירע קלאַסן און קלאַסן-קעגנזאַצן, קומט דאַן די אַסאָציאַציע, וווּ די פרייע אַנטוויקלונג פון יעדן איינעם איז דער תנאי פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון אַלע.

3.

סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ליטעראַטור.

1. רעאַקציאָנערער סאָציאַליזם.

a) פעאָדאַלער סאָציאַליזם.

לויט איר געשיכטלעכער לאַגע נאָך איז די פראַנצויזישע און ענגלישע אַריסטאָקראַטיע געווען באַרופן צו שרייבן פאַמפלעטן קעגן דער מאָדערנער בורזשואַזער געזעלשאַפט. אין דער פראַנצויזישער יולי-רעוואָלוציע פון 1830 און אין דער ענגלישער רעפאָרם-באַוועגונג איז אָט די אַריסטאָקראַטיע נאָך אַמאָל געוואָרן באַזיגט דורך דער פאַרהאַסטער אויפגעקומענער בורזשואַזיע. פון אַן ערנסטן פאָליטישן קאַמף האָט מער קיין רייד נישט געקאָנט זיין. איז איר געבליבן נאָר דער ליטעראַרישער קאַמף. אָבער אויך אויפן געביט פון דער ליטעראַטור איז שוין דאָס אַלטע לשון פון דער רעסטאַווראַציע-צייט געוואָרן אוממעגלעך *). כדי צו דערוועקן מיטגעפיל, האָט די אַריסטאָקראַטיע געמוזט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי האָט אין זינען נישט אירע אייגענע אינטערעסן, נאָר זי פאָרמולירט איר באַשולדיקונגס-אַקט קעגן דער בורזשואַזיע בלויז אין נאָמען פון די אינטערעסן פונם עקספּלואַטירטן אַרבעטער-קלאַס. זי האָט זיך אַזוי-אַרום אָנגעטון כאָטש דאָס פאַרגעניגן, וואָס זי האָט שפּאָט-לידער געזונגען וועגן איר נייעם

---

*) געמיינט איז נישט די ענגלישע רעסטאַווראַציע (1660—1689), נאָר די פראַנצויזישע (1814—1837). — באַמערקונג פון ענגעלסן צו דער ענגלישער אויסגאַבע.

באַלעבאָס און האָט אים אין אויער אַריינגעשעפּטשעט מער אָדער ווייניקער אומגליק־אָנזאָגנדיקע נביאות.

אַזוי איז אַנטשטאַנען דער פעאָדאַלער סאָציאַליזם — האַלב קלאָגליד, האַלב פּאַשקוויל, האַלב אַן אָפּקלאַנג פון דער פאַרגאַנגענהייט, האַלב אַ דראָונג אין דער צוקונפט; צייטנווייז האָט ער געטראָפן דער בורזשואַזיע אין האַרצן אַריין מיט זיינע ביטערע, שאַרפזיניקע און בייסיקע אורטיילן, אָבער אַ קאָמישן איינדרוק האָט אַלע־מאָל געמאַכט זיין אַבסאָלוטע אומפעיקייט צו באַנעמען דעם גאַנג פון דער מאָדערנער געשיכטע.

די אַריסטאָקראַטיע האָט געפאָכעט מיט דער פּראָלעטאַרי־שער בעטלער־טאָרבע, ווי מיט אַ פאָן, כדי צונויפצוזאַמלען אַרום זיך דאָס פאָלק. אָבער אַלעמאָל, ווי נאָר דאָס פאָלק האָט זיך געלאָזן גיין נאָך דער אַריסטאָקראַטיע, האָט עס באַלד דערזען אויפן רוקן ביי איר די אַלטע פעאָדאַלע הערבן, און איז זיך דאַן פונאַנדערגעלאָפן מיט אַ הויכן און גראָבן דרך־ארצדיקן געלעכטער.

אַמבעסטן האָבן געשפּילט דעמדאָזיקן ספּעקטאַקל אַ טייל פראַנצויזישע לעגיטימיסטן און „יונג־ענגלאַנד".

בעת די פעאָדאַלן ווילן דערווייזן, אַז זייער אופן פון עקספּלואַטאַציע האָט אַנדערש אויסגעזען, ווי די בורזשואַזע עקספּלואַטאַציע, פאַרגעסן זיי נאָר איין זאַך, אַז זיי האָבן זייער עקספּלואַטאַציע געפירט ביי גאָר אַנדערע און איצט שוין אָפּגע־לעבטע אומשטענדן און באַדינגונגען. ווען זיי ווייזן־אָן, אַז בעת זייער הערשאַפט איז נישט געווען אַזאַ זאַך, ווי דער מאָדערנער פּראָלעטאַריאַט, פאַרגעסן זיי, אַז די היינטיקע בורזשואַזיע איז געווען אַ נויטווענדיקער פּראָדוקט פון זייער געזעלשאַפט־אָרדענונג.

איבעריקנס, מאַכן זיי גאָר ווייניק אַ סוד פון דעם רעאַק־ציאָנערן כאַראַקטער פון זייער קריטיק: זייער הויפּט־באַשולדיקונג קעגן דער בורזשואַזיע באַשטייט גראָד דערין, וואָס די לעצטע כאָוועט־אויס אונטער איר רעזשים אַ קלאַס, וועלכער וועט אין דער לופטן אויפרייסן די גאַנצע אַלטע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג.

זייערע טענות צו דער בורזשואַזיע זענען אַ סך מער דער־

פאַר, וואָס זי שאַפט אַ רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, איידער דערפאַר, וואָס זי שאַפט בכלל אַ פּראָלעטאַריאַט.

אין דער פּאָליטישער פּראַקטיק נעמען זיי דעריבער אָנטייל אין אַלע געוואַלט-רעפּרעסיעס קעגן אַרבעטער-קלאַס, און אין טאָג-טעגלעכן לעבן האָבן זיי גאַנץ געשמאַק ליב, נישט געקוקט אויף זייער אויפגעבלאָזענער מליצה, צו קלייבן גאָלדענע עפּל, און טרייהייט, ליבע, ערע אויסצוטוישן אויף וואָל, בוריקעס און בראָנפן *).

פונקט ווי דער גלח איז תמיד געגאַנגען האַנט-אין-האַנט מיטן פּעאָדאַל, אַזוי איז אויך דער גלחישער סאָציאַליזם געגאַנגען האַנט-אין-האַנט מיטן פּעאָדאַלן.

נישטאָ קיין לייכטערע זאַך, ווי צוגעבן דעם קריסטלעכן אַסקעטיזם אַ סאָציאַליסטישע באַאַרבעטונג. איז דען דאָס קריסטנטום אויך נישט אַרויסגעטראָטן קעגן פּריוואַט-אייגנטום, קעגן הייראַט, קעגן מלוכה? האָט דען דאָס קריסטנטום נישט געפּריידיקט אויף זייער אָרט צדקה און בעטלעריי, הייראַטלאָזיקייט און גוף-פאַר-ניכטונג, נזיריש לעבן און קירכן-דינסט? דער קריסטלעכער סאָציאַליזם איז נישט מער ווי דאָס הייליקע וואַסער, מיט וועלכן דער גלח באַשפּריצט די פאַרביטערונג פונם אַריסטאָקראַט.

b) קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם.

די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע איז נישט דער איינציקער קלאַס, וואָס איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער בורזשואַזיע, וואָס זיינע לעבנס-באַדינגונגען זענען געוואָרן אַלץ ערגער און

*) דאָס באַציט זיך דער עיקר צו דייטשלאַנד, ווו די פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע און די יונקערס באַאַרבעטן דורך דירעקטאָרן דעם גרעסטן טייל פון זייערע מאַיאָנטקעס אויף אייגענעם חשבון און זענען דערצו אויך גרויסע פּראָדוצירער פון בוריקעס און בראָנפן. די רייכערע בריטישע אַריסטאָקראַטיע שטייט העכער דערפון, אָבער אויך זי ווייסט ווי צו קאָמפּענסירן זיך פאַרן פאַלן פון דער רענטע, דעקנדיק מיט איר נאָמען די געשעפטלעך פון די מער-ווייניקער צווייפלהאַפטע אַקציאָנערע קאָמפּאַניעס (ענגעלס).

קלאָגעדיקער אין דער היינטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט. דאָס מיטלאַלטערלעכע קליינבירגערטום און קליינפויערטום זענען געווען די פאָרלויפער פון דער מאָדערנער בורזשואַזיע. אין די לענדער, וווּ אינדוסטריע און האַנדל זענען נאָך ווייניק אַנטוויקלט, עקזיסטירן נאָך היינט אויך דידאָזיקע קלאַסן און פירן זייער נעבעכדיק לעבן זייט-ביי-זייט מיט דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע.

אין די לענדער, וווּ די מאָדערנע ציוויליזאַציע האָט זיך גוט אַנטוויקלט, האָט זיך געשאַפן אַ נייע קליינבורזשואַזיע, וועלכע געפינט זיך אויף האַלב-וועג צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע; אַלס דערגאַנצנדיקער טייל פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, שאַפט זיך דידאָזיקע קליינבורזשואַזיע אַלעמאָל פונדאָסניי; אירע מיטגלידער ווערן אָבער כסדר אַראָפּגעשטויסן דורך דער קאָנקורענץ אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט, און מיט דער אַנטוויקלונג פון דער גרויס-אינדוסטריע הייבן זיי שוין אַליין אָן איינצוזען, אַז עס דערנענטערט זיך דער מאָמענט, ווען זיי וועלן אַלס זעלבשטענדיקער שיכט פון דער היינטיקער געזעלשאַפט אינגאַנצן פאַרשווינדן-ווערן, און וועלן אינם האַנדל, אין דער מאַנופאַקטור און אין דער לאַנדווירטשאַפט פאַרביטן-ווערן דורך אַרבעט-אויפזעער און הויז-דינער.

אין אַזעלכע לענדער, ווי פראַנקרייך, וווּ דער פּויערים-קלאַס מאַכט-אויס די גרעסטע העלפט פון דער באַפעלקערונג, איז געווען נאַטירלעך, אַז שרייבער, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דער בורזשואַזיע און פאַרן פּראָלעטאַריאַט, האָבן אין זייער קריטיק פונם בורזשואַזן רעזשים אָנגעווענדט אַ קליינבירגערלעכע און קליינפויערשע מאָס, און האָבן פאַרטיידיקט די אַרבעטער-זאַך פון אַ קליינבירגערלעכן שטאַנדפונקט. אַזוי איז אַנטשטאַנען דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם. בראש פון אָט דער ליטעראַטור, נישט נאָר אין פראַנקרייך, נאָר אויך אין ענגלאַנד, שטייט סיסמאָנדי.

דערדאָזיקער סאָציאַליזם האָט זייער שאַרפזיניק אויפגעדעקט די סתירות פון די היינטיקע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן.

ער האָט דעמאַסקירט די צביעותדיקע אַפּאָלאָגעטיק פון די עקאָנאָמיסטן. ער האָט אויפן איבערצייגנדיקסטן אופן באַוויזן די צעשטערנדיקע ווירקונג פון די מאַשינען און פון דער אַרבעט-צעטיילונג; ער האָט קלאָר געמאַכט די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און ערד-באַזיץ, די איבערפּראָדוקציע, די קריזיסן, דעם אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג פון דער קליינבורזשואַזיע און פון פויערטום, די וואַקסנדיקע אָרימקייט פונם פּראָלעטאַריאַט, די אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע, די שרייענדיקע עוולות אין דער פאַרטיילונג פון רייכטום, די פאַרניכטנדיקע אינדוסטריעלע מלחמה פון די פעלקער צווישנאַנאַנד, און די צעפאַלונג פון די אַלטע לעבנס-מידות, פון די אַלטע פאַמיליען-פאַרהעלטענישן, פון די אַלטע נאַציאָנאַליטעטן.

אָבער די פּאָזיטיווע פּראָגראַם פון אַט דעם סאָציאַליזם באַשטייט דערין, אַז אָדער ער וויל צוריק רעסטאַווירן די אַלטע פּראָדוציר- און פאַרקער-מיטלען און צוזאַמען מיט זיי די אַלטע אייגנטום-פאַרהעלטענישן און די גאַנצע אַלטע געזעלשאַפט; אָדער ער וויל מיט געוואַלט אַריינפּרעסן די היינטיקע מיטלען פון פּראָדוקציע און פאַרקער אין די ראַמען פון די אַלטע אייגנטום-פאַרהעלטענישן, וועלכע זענען דורך זיי (דורך די נייע פּראָדוציר-מיטלען — איבערז.) איפּגעריסן געוואָרן און געמוזט אויפגעריסן ווערן. אין ביידע פאַלן איז דערדאָזיקער סאָציאַליזם גלייכצייטיק אי רעאַקציאָנער, אי אוטאָפּיש.

צעכן-אָרגאַניזאַציע אין דער מאַנופאַקטור און פּאַטריאַרכאַלישע ווירטשאַפט אין דאָרף — דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט זיינס.

אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג האָט דערדאָזיקער סאָציאַליזם דעגענערירט און זיך פאַרוואַנדלט אין פּחדנותדיקער קאַצניאָמערײַ.

c) דער דייטשער אָדער דער „אמתער" סאָציאַליזם.

די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ליטעראַטור פון פראַנקרייך, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אונטערן דרוק פון

אַ הערשנדיקער בורזשואַזיע און איז געווען דער ליטעראַרישער אויסדרוק פונם קאַמף קעגן אָט דער הערשאַפט — איז אַריינגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד גראַד דעמאָלט, ווען די דאָרטיקע בורזשואַזיע האָט ערשט געהאַט אָנגעהויבן איר קאַמף קעגן פעאָדאַלן אַבסאָלוטיזם.

דייטשע פילאָזאָפן, האַלב-פילאָזאָפן און סתּם שיין-גייסטער האָבן זיך גיריק אַרויפגעוואָרפן אויף דערדאָזיקער ליטעראַטור; זיי האָבן אָבער דערביי פאַרגעסן, אַז צוזאַמען מיט דער אַריינגע-וואַנדערטער פראַנצויזישער ליטעראַטור האָבן נאָך נישט אַריבערגע-וואַנדערט קיין דייטשלאַנד די פראַנצויזישע לעבנס-פאַרהעלטענישן. אין די דייטשישע באַדינגונגען האָט די פראַנצויזישע ליטעראַטור נישט געהאַט קיין שום אוממיטלבאַר-פראַקטישע באַדייטונג, און האָט באַ-קומען דעם כאַראַקטער פון אַ ריין-ליטעראַרישער שטרעמונג. זי האָט זיך געמוזט פאַרוואַנדלען אין פוסטע אַבסטראַקטע חקירות וועגן דער רעאַליזירונג פון מענטשלעכן מהות. אַזוי זענען די פאָדערונגען פון דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע געווען פאַר די דייטשע פילאָזאָפן פון 18-טן יאָרהונדערט סתּם פאָדערונגען פון „פראַקטישן פאַרשטאַנד" בכלל, און די ווילנס-אויסערונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער פראַנצויזישער בורזשואַזיע האָבן אין זייערע אויגן אויסגעזען, ווי געזעצן פון ריינעם ווילן, — פון ווילן, ווי ער באַדאַרף זיין, פון דעם אמתן מענטשלעכן ווילן.

די אַרבעט פון די דייטשע ליטעראַטן איז באַשטאַנען אויסשליסלעך דערין, צו ברענגען די נייע פראַנצויזישע אידייען אין הסכּם מיט זייער אַלטן פילאָזאָפישן געוויסן, אָדער ריכטיקער, אין פאַרדייען די פראַנצויזישע אידייען, בלייבנדיק ביים אייגענעם פילאָזאָפישן שטאַנדפונקט.

דאָסדאָזיקע פאַרדייען איז פאָרגעקומען אויף דעמזעלבן אופן, ווי מען פאַרדייעט בכלל אַ פרעמדע שפּראַך — דורך איבער-זעצונג.

ווי באַקאַנט, פלעגן די מאָנאַכן פאַרשרייבן די מאַנוסקריפּטן, אויף וועלכע עס האָבן זיך געפונען קלאַסישע ווערק פון דער אַלטער היידן-צייט, מיט נאַרישע בבא-מעשיות וועגן קאַטוילישע

היליקע. די דייטשע ליטעראַטן זענען פונקט פאַרקערט זיך באַגאַנגען מיט דער וועלטלעכער פראַנצויזישער ליטעראַטור. זיי האָבן זייער פילאָזאָפישן אומזין געמאַכט פאַרן פונדאַמענט צום פראַנצויזישן אָריגינאַל. אַזוי למשל, אונטער דער פראַנצויזישער קריטיק פון דער געלט-ווירטשאַפט האָבן זיי אויפגעשריבן: „די אָפּפרעמדונג פון מענטשלעכן וועזן"; אונטער דער פראַנצויזישער קריטיק פון דער בורזשואַזער מלוכה האָבן זיי אויפגעשריבן: „די באַזייטיקונג פון דער הערשאַפט פון דעם אַבסטראַקט-אַלגעמיינעם" א. אַ. וו.

און פאַרבייטנדיק די פראַנצויזישע אַרגומענטאַציע מיט אָט די פילאָזאָפישע חקירות, האָבן זיי דעם באַקומענעם רעזולטאַט אַ נאָמען געגעבן „פילאָזאָפיע פון טאַט", „אמתער סאָציאַליזם", „דייטשע וויסנשאַפט פון סאָציאַליזם", „פילאָזאָפישע באַגרינדונג פונם סאָציאַליזם" א. אַ. וו.

אויף אַזאַ אופן איז די פראַנצויזישע סאָציאַליסטיש-קאָמוניסטישע ליטעראַטור ממש קאַסטרירט געוואָרן. און אַזוי ווי ביי די דייטשן אין האַנט האָט זי אויפגעהערט אויסצודריקן דעם קאַמף פון איין קלאַס קעגן צווייטן, איז דער דייטש געוואָרן שטאָלץ ביי זיך, אַז אָט, ער האָט גובר-געווען די „פראַנצויזישע איינזייטיקייט", ער פאַרטרעט נישט אמתע באַדערפעניש, נאָר די באַדערפעניש אין אמת, ער פאַרטיידיקט נישט די אינטערעסן פונם פראָלעטאַריאַט, נאָר די אינטערעסן פונם מענטשלעכן וועזן, פונם מענטש בכלל, — פון יענעם מענטש, וועלכער געהערט נישט צו קיין שום קלאַס, וועלכער עקזיסטירט בכלל נישט אין דערווירקלעכקייט, נאָר בלויז אין די נעפּל-הויכן פון דער פילאָזאָפישער פאַנטאַזיע.

דערדאָזיקער דייטשער סאָציאַליזם, וועלכער האָט אַזוי ערנסט און פייערלעך גענומען זיינע אייגענע אומבאַהאָלפענע שול-איבונגען און האָט וועגן זיי אַזוי מאַרק-שרייעריש געטרומייטערט — ער האָט מיט דער צייט אָנגעהויבן צוביסלעך פאַרלירן זיין פעדאַנטישע אומשולד.

דער קאַמף פון דער דייטשער, באַזונדערס פון דער

פרייסישער בורזשואַזיע קעגן די פעאָדאַלן און קעגן קעניגלעכן אַבסאָלוטיזם, מיט איין וואָרט, די ליבעראַלע באַוועגונג — האָט אָנגענומען אַ מער ערנסטן כאַראַקטער.

דאָ האָט דער „אמתער" סאָציאַליזם געהאַט די געווינטשטע געלעגנהייט אַנטקעגנצושטעלן קעגן דער פּאָליטישער באַוועגונג די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען; ער האָט איצט געקאָנט אַרויספאָרן מיט די טראַדיציאָנעלע חרמות קעגן ליבעראַליזם, קעגן דער רעפּרעזענטאַטיווער מלוכה, קעגן דער בורזשואַזער קאָנקורענץ, קעגן בורזשואַזער פּרעסע-פרייהייט, בורזשואַזן רעכט און בורזשואַזער פרייהייט און גלייכהייט, און איינקנעלן מיט דער פאָלקס-מאַסע, אַז זי קאָן גאָרנישט נישט געווינען פון אָט דער בירגערלעכער באַוועגונג, נאָר פאַרקערט, זי קאָן צוליב איר אַלץ פאַרלירן. דער דייטשער סאָציאַליזם האָט פאַרגעסן, אַז דער אויסגאַנגס-פּונקט פון דער פראַנצויזישער קריטיק — פון וועלכער ער איז געווען נישט מער ווי אַ גייסטלאָזער ווידערקול — איז די שוין עקזיסטירנדיקע מאָדערנע בורזשואַזע געזעלשאַפט מיט די אַנטשפּרעכנדיקע מאַטעריעלע לעבנס-באַדינגונגען און צוגע-פּאַסטער פּאָליטישער קאָנסטיטוציע, — אַלץ פאָרבאַדינגונגען, וואָס אין דייטשלאַנד דאַרפן זיי ערשט אויסגעקעמפט ווערן.

פאַר די דייטשע אַבסאָלוטע רעגירונגען מיט זייער גאַנצער כאָפּטע גלחים, לערערס, יונקערס און ביוראָקראַטן איז אָט דער סאָציאַליזם געווען בלויז אַ באַקוועמער שרעק-שילד קעגן דער אָנגרייפנדיקער בורזשואַזיע.

ער איז געווען די זיסלעכע דערגאַנצונג צו די ביטערע בייטשן-קלעפּ און ביקסן-קוילן, מיט וועלכע דיזעלבע רעגירונגען האָבן געענטפערט אויף די אויפשטאַנדן פון די דייטשע אַרבעטער.

אויב דער „אמתער" סאָציאַליזם איז אַזוי-אַרום געוואָרן אַ געווער אין דער האַנט פון די רעגירונגען קעגן דער דייטשער בורזשואַזיע, האָט ער פון דער אַנדערער זייט אוממיטלבאַר אויך פאַר-טראָטן רעאַקציאָנערע אינטערעסן, די אינטערעסן פון דער דייטשער קליינבורזשואַזיע. אין דייטשלאַנד איז די קליינבורזשואַזיע, וועלכע

שטאַמט נאָך פון 16-טן יאָרהונדערט און איז זייט דעמאָלט אַלע־מאָל אין אַן אַנדערער פאָרם פונדאַסניי אויפגעשווומען, דער אייגנטלע־כער געזעלשאַפטלעכער יסוד פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג.

דערהאַלטן די קליינבורזשואַזיע הייסט, דערהאַלטן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג אין דייטשלאַנד. מיט שרעק דערוואַרט זי איר אייגענעם אונטערגאַנג פון דער אינדוסטריעלער און פאָלי־טישער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, פון איין זייט — מחמת דער קאָנצענטראַציע פונם קאַפּיטאַל, און פון דער צווייטער זייט — צוליב דער אַנטשטייונג פון אַ רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. דער „אמתער" סאָציאַליזם, האָט זיך איר געדוכט, דערהרגעט אָט די ביידע פליגן מיט איין קלאַפּ. און ער האָט זיך דעריבער פאַר־שפּרייט, ווי אַ מגפה.

דער לבוש פון ספּעקולאַטיוון שפּינוועבס, אויסגענייט מיט בלומען פון שיין-גייסטיקער מליצה און דורכגעווייקט מיט טוי פון סענטימענטאַלער ליבשאַפט, אין וועלכן (לבוש) די דייטשע סאָצ־יאַליסטן האָבן איינגעהילט זייערע פּאָר איינגעדאַרטע „אייביקע אמתן", האָט נאָר נאָך פאַרגרעסערט דעם נאָכפרעג אויף זייער סחורה ביי אָט דעם עולם.

דער דייטשער סאָציאַליזם, פון זיין זייט, איז אויך אַלץ מער געקומען צום באַוווּסטזיין, אַז ער איז באַרופן צו זיין דער הויך־קלינגענדיקער פאַרטרעטער פון אָט דער קליינבורזשואַזיע.

די דייטשע נאַציע האָט ער פּראָקלאַמירט, אַלס די נאָר־מאַלע נאַציע, און דעם דייטשן פיליסטער, אַלס דעם נאָרמאַלן מענטש. יעדער געמיינהייט פון אָט דעם פיליסטער האָט ער צוגעגעבן עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם העכערן סאָציאַליסטישן זינען, וואָס האָט די געמיינהייט פאַרוואַנדלט און איר היפּוך. ער האָט געמאַכט דעם לעצטן קאָנסעקווענטן אויספיר און אַרויסגעטראָטן דירעקט קעגן דער „גראָב-צעשטערנדיקער" טענדענץ פונם קאָמו־ניזם, דעקלאַמירנדיק וועגן זיין אייגענער אומפּאַרטייאישער דער־הויבנקייט איבער יעטוועדן קלאַסן-קאַמף.

מיט געציילטע אויסנאַמען, געהערן כמעט אַלע כלומרשט סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע שריפטן, וואָס זענען אין

אומגאַנג אין דייטשלאַנד, צו אָט דער שמוציקער און קאָפּ־צעמישנדיקער ליטעראַטור *).

2. קאָנסערוואַטיווער אָדער בורזשואַזער סאָציאַליזם.

פאַראַן אַ טייל פון דער בורזשואַזיע, וועלכער וויל היילן די סאָציאַלע אומגליקן, כדי צו זיכערן דעם קיום פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

צו אָט דעם טייל געהערן: עקאָנאָמיסטן, פילאַנטראָפּן, הומאַניטאַרע לייט, רעפאָרמאַטאָרן, וואָס ווילן פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן, טוער אויפן געביט פון צדקה, צער־בעלי־חיימניקעס, גרינדער פון אַנטי־אַלקאָהאָל־פאַריינען, ווינקל־רעפאָרמאַטאָרן פון כלערליי מינים. דידאָזיקע מענטשן האָבן אַפילו אויסגעאַרבעט גאַנצע סיסטעמען פון בורזשואַזן סאָציאַליזם.

אַלס בײַשפּיל, וועלן מיר אָנרופן פּרודאָנס ווערק „די פילאָזאָפיע פון אָרימקייט” (Philosophie de la Misère).

די בורזשואַזע סאָציאַליסטן ווילן אײַנהאַלטן די לעבנס־באַדינגונגען פון דער הייַנטיקער געזעלשאַפט, נאָר אָן די קאַמפן און געפאַרן, וואָס זיי רופן אומפאַרמיידלעך אַרויס. זיי ווילן האָבן די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפט, נאָר אָן די עלעמענטן, וואָס רעוואָלוציאָניזירן זי און צעשטערן זי. זיי ווילן די בורזשואַזיע אָן דעם פּראָלעטאַריאַט. די בורזשואַזיע שטעלט זיך, נאַטירלעך, פאָר, אַז די וועלט, אין וועלכער זי האָט די ממשלה, איז די בעסטע פון אַלע וועלטן. דער בורזשואַזער סאָציאַליזם אַנטוויקלט אָט די טרייסטנדיקע פאָרשטעלונג און מאַכט פון איר אַ האַלבע אָדער אַ גאַנצע סיסטעם. און בעת ער רופט דעם פּראָלעטאַריאַט, ער זאָל פאַרווירקלעכן זיינע סיסטעמען און דורכדעם אַריינקומען אין נייעם ירושלים, פאַרלאַנגט ער, אייגנטלעך, נישט מער, ווי אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל ווייטער בלייבן שטעקן אין דער איצטיקער

---

*) דער רעוואָלוציע־שטורעם פון יאָר 1848 האָט אינגאַנצן אויסגעקערט אָט די נעבעכדיקע ריכטונג און האָט אָפּגענומען בײַ אירע טרעגער דעם חשק צו שפּילן זיך ווייטער אין סאָציאַליזם. דער וויכטיקסטער פאָרשטייער און קלאַסישער טיפּ פון אָט דער ריכטונג איז דער הער קאַרל גרין.

געזעלשאַפט, נאָר ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין האַס צו איר.

אַ צווייטער מין פון אָט דעם סאָציאַליזם, אַ ווייניקער סיסטעמאַטישער, נאָר מער פּראַקטישער האָט זיך באַמיט צו פאַרמיאוסן דעם אַרבעטער-קלאַס יעדע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, טענהנדיק, אַז דער אַרבעטער-קלאַס קאָן האָבן נוצן נישט פון דער אָדער יענער פּאָליטישער ענדערונג, נאָר בלויז פון דער אומענדערונג פון די מאַטעריעלע לעבנס-באַדינגונגען, פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן. אָבער אונטער אומענדערונג פון די מאַטעריעלע לעבנס-באַדינגונגען פאַרשטייט אָט דער סאָציאַליזם בשום-אופן נישט די אָפּשאַפונג פון די בורזשואַזע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן, וואָס קאָן געשען נאָר אויף אַ רעוואָלוציאָנערן וועג, נאָר בלויז אַדמיניסטראַטיווע פאַרבעסערונגען, וועלכע קאָנען דורכגעפירט ווערן אויפן באָדן פון די זעלביקע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן, ד. ה., אַז אין דער פאַרהעלטעניש צווישן קאַפּיטאַל און לוין-אַרבעט ענדערן זיי נישט גאָרנישט, נאָר אין בעסטן פאַל פאַרקלענערן זיי פאַר דער בורזשואַזיע די קאָסטן פון איר הערשאַפט און פאַראיינפאַכן איר מלוכהשע באַלעבאַטישקייט.

דעם געהעריקן אויסדרוק זיינעם באַקומט דער בורזשואַזער סאָציאַליזם ערשט דאַן, ווען ער ווערט פאַרוואַנדלט בלויז אין הוילער ריטאָריק.

פרייער האַנדל — צוליב די אינטערעסן פונם אַרבעטנדיקן קלאַס! שוץ-צאָלן — צוליב די אינטערעסן פונם אַרבעטנדיקן קלאַס! איינצל-קאַמערן אין די תּפיסות — צוליב די אינטערעסן פון דעם אַרבעטנדיקן קלאַס! דאָס איז דאָס לעצטע, דאָס איינציקע ערנסט געמיינטע וואָרט פון דעם בורזשואַזן סאָציאַליזם.

דער סאָציאַליזם פון דער בורזשואַזיע באַשטייט טאַקע אין דער באַהויפּטונג, אַז די בורזשואַ זענען בורזשואַ — צוליב די אינטערעסן פון דעם אַרבעטנדיקן קלאַס.

3. קריטיש-אוטאָפּישער סאָציאַליזם און קאָמוניזם.

מיר רעדן דאָ נישט וועגן דער ליטעראַטור, וועלכע האָט אין אַלע גרויסע רעוואָלוציעס פון דער נייער צייט אויסגעדריקט

די פאָדערונגען פונם פּראָלעטאַריאַט (באַבעפס ווערק א. אַ. וו.).

די ערשטע פּרוּוון פונם פּראָלעטאַריאַט — אין אַ צייט פון אַלגעמיינער אויפרודערונג, דאַן, ווען די פעאָדאַלע אָרדענונג איז געוואָרן אומגעוואָרפן — אַדורכצופירן זיינע אייגענע קלאַסן-אינטערעסן האָבן געמוזט דורכפאַלן, סיי צוליב דעם וואָס דער פּראָלעטאַריאַט גופא איז נאָך נישט געווען גענוג אַנטוויקלט, סיי ווייל ס׳האָבן נאָך געפעלט די מאַטעריעלע באַדינגונגען פאַר זיין באַפרייונג — באַדינגונגען, וועלכע זענען אַליין ערשט אַ פּראָדוקט פון דער בורזשואַזער עפּאָכע. די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, וועלכע האָט באַגלייט די דאָזיקע ערשטע באַוועגונגען פונם פּראָלעטאַריאַט, האָט לויט איר אינהאַלט נאָך געמוזט זיין רעאַקציאָנער. זי פּרײדיקט אַלגעמיינעם אַסקעטיזם און פּרימיטיוועסטע גלייכמאַכעריי.

די אייגנטלעכע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע סיסטעמען — די סיסטעמען פון סען סימאָן, פוריע, אָוּען א. אַ. וו. — קומען אויף אין פעריאָד פון ערשטן אומאַנטוויקלטן קאַמף צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, וועלכן (קאַמף) מיר האָבן אויבן געשילדערט (זע: בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט).

די שאַפער פון אָט די סיסטעמען זעען טאַקע דעם קלאַסן-אַנטאַגאָניזם און די צעשטערנדיקע עלעמענטן, וואָס ווירקן אין דער היינטיקער געזעלשאַפט. אָבער זיי זעען נישט אינם פּראָלעטאַריאַט קיין שום געשיכטלעכע זעלבשטענדיקייט, זיי שטעלן זיך נישט פאָר קיין שום ספּעציפישע פּראָלעטאַריש-פּאָליטישע באַוועגונג.

אַזוי ווי די אַנטוויקלונג פון די קלאַסן-קעגנזאַצן גייט האַנט-אין-האַנט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, זעען זיי אויך נישט די מאַטעריעלע באַדינגונגען פאַר דער באַפרייונג פונם פּראָלעטאַריאַט, און פאַרנעמען זיך מיט אַרומזוכן אַ סאָציאַלע וויסנשאַפט, סאָציאַלע געזעצן, וואָס זאָלן ערשט באַשאַפן אָט די באַדינגונגען.

אויפן אָרט פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט מוז, אויב אַזוי, זיך אַרויסרוקן זייער פּערזענלעכע שאַפערישע טעטיקייט, אויפן אָרט פון געשיכטלעכע באַדינגונגען פון דער באַפרייונג — פאַנטאַסטישע באַדינגונגען, אויפן אָרט פון דער בהדרגה וואַקסנדיקער אָרגאַ-

ביזירונג פונם פראָלעטאַריאַט צו אַ קלאַס — אַן אייגן אויסגע־טראַכטע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט. די ווייטערדיקע וועלט-געשיכטע שטעלט זיך זיי פאָר בלויז ווי פראָפּאַגאַנדע און פּראַקטישע פאַרווירקלעכונג פון זייערע סאָציאַלע פּלענער.

אמת, זיי פאַרשטייען דערביי, אַז מיט זייערע פּלענער פאַרטרעטן זיי דער עיקר די אינטערעסן פון דעם אַרבעטנדיקן קלאַס, ווי פון דעם קלאַס, וועלכער ליידט אַממערסטן. אָבער נאָר טאַקע אַלס אַזעלכער עקזיסטירט ער פאַר זיי, דער פּראָלעטאַריאַט — אַלס דער סאַמע ליידנדיקער קלאַס.

צוליב דער אומאַנטוויקלטער פאָרם פונם קלאַסן-קאַמף און צוליב זייער אייגענער סאָציאַלער לאַגע הייבן זיי אָבער אָן צו גלויבן, אַז זיי אַליין שטייען העכער איבער די קלאַסן-קעגנזאַצן. זיי ווילן אויסבעסערן די לאַגע פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, אַפילו פון די, וואָס זייער מעמד איז דער בעסטער. זיי אַפּעלירן דעריבער תּמיד צו דער גאַנצער געזעל־שאַפט אָן אונטערשיד; נאָכמער, זיי האַלטן אַפילו פאַר בעסער צו ווענדן זיך צום הערשנדיקן קלאַס. מען באַדאַרף דאָך נאָר פאַרשטיין זייער סיסטעם, כּדי איינצוזען, אַז דאָס איז דער סאַמע בעסטער פּלאַן פאַר דער מעגלעך-בעסטער געזעלשאַפט־לעכער אָרדענונג.

זיי זענען דעריבער קעגן יעדער פּאָליטישער, באַזונדערס קעגן יעדער רעוואָלוציאָנערער האַנדלונג; זיי ווילן זייער ציל דערגרייכן אויף אַ פרידלעכן וועג, און זיי פּרוּוון זיך דורכצולייגן אַ וועג פאַרן נייעם עוואַנגעליום דורך קליינע עקספּערימענטן, וועלכע גיבן זיך, נאַטירלעך, נישט איין, דורך דער מאַכט פון ביישפּיל.

פאַנטאַסטישע בילדער פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט באַווייזן זיך דאַן, ווען דער פּראָלעטאַריאַט גופא איז נאָך גאָר ווייניק אַנטוויקלט און באַנעמט נאָך זיין אייגענע לאַגע אויך פאַנטאַסטיש; די בילדער זענען, אַלזאָ, אַ פּראָדוקט פון זיין ערשטן אינסטינקטיוון דראַנג צו אַן אַלגעמיינער איבערבויונג פון דער געזעלשאַפט.

אָבער די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ווערק פאַר־

מאָגן אין זיך אויך עלעמענטן פון קריטיק. זיי גרייפן־אָן אַלע
יסודות פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט. זיי האָבן דעריבער
געשאַפן זייער ווערטפולן מאַטעריאַל אויף אויפצוקלערן די
אַרבעטער. זייערע פּאָזיטיווע הנחות וועגן דער צוקונפטיקער גע־
זעלשאַפט, ווי למשל, וועגן אָפּשאַפן דעם קעגנזאַץ צווישן שטאָט
און דאָרף, וועגן אָפּשאַפן די פאַמיליע, דאָס פּריוואַט־אייגנטום,
די לוין־אַרבעט, אָדער וועגן פּראָקלאַמירן געזעלשאַפטלעכע
האַרמאָניע און פאַרוואַנדלען די מלוכה אין איינפאַכער פאַרוואַלטע־
ריי מיט דער פּראָדוקציע — דידאָזיקע אַלע הנחות דריקן בלויז
אויס די נויטיקייט אָפּצושאַפן דעם קלאַסן־אַנטאַגאָניזם, וועלכער
הייבט ערשט אָן זיך צו אַנטוויקלען און וועלכן זיי קענען ערשט
באַר אין זיינע ערשטע אומקלאָרע אָנפאַנג־פאָרמען. די הנחות גופא
טראָגן דעריבער נאָך אַ ריין־אוטאָפּישן כאַראַקטער.

די באַדייטונג פונם קריטיש־אוטאָפּישן סאָציאַליזם און קאָמו־
ניזם געפינט זיך אין אַן אומגעקערטער פאַרהעלטעניש צום גאַנג
פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. אין דערזעלבער מאָס, ווי
דער קלאַסן־קאַמף אַנטוויקלט זיך און נעמט־אָן באַשטימטע
פאָרמען, פאַרלירט יעדן פּראַקטישן ווערט און יעדע טעאָרעטישע
באַרעכטיקונג דאָס פאַנטאַסטישע שטעלן זיך העכער איבער דעם
קלאַסן־קאַמף, דאָס פאַנטאַסטישע אַרויסטרעטן קעגן אים. און
דעריבער, אויב די שאַפער פון דידאָזיקע סיסטעמען זענען אַפילו
געווען אין פיל הינזיכטן רעוואָלוציאָנערן, בילדן אָבער זייערע
תלמידים שטענדיק רעאַקציאָנערע סעקטעס. זיי האַלטן זיך פעסט ביי
די אַלטע אָנשויונגען פון די לערער, קעגן דער ווייטערדיקער געשיכט־
לעכער אַנטוויקלונג פונם פּראָלעטאַריאַט. זיי שטרעבן דעריבער כסדר
אָפּצוטעמפּן דעם קלאַסן־קאַמף, צו ברענגען די קעגנזאַצן צו אַ פּשרה.
זיי טרוימען נאָך אַלץ וועגן דער עקספּערימענטאַלער רעאַליזירונג
פון זייערע סאָציאַלע אוטאָפּיעס, וועגן גרינדן איינצלנע פאַ־
לאַנסטערעס, וועגן שאַפן קאָמוניסטישע קאָלאָניעס (Home Kolonien),

---

*) Home Kolonien (קאָלאָניעס אינעווייניק אין לאַנד) — אַזוי רופט
אָאוּען זיינע קאָמוניסטישע מוסטער־ישובים. פאַלאַנסטערע איז געווען דער נאָמען

חעגן אויפבויען אַ קליינע איקאַריע — אָט די טאַשן-אויסגאַבע פון אַ ניי-ירושלים, און כּדי צו בויען די אַלע לופט-שלעסער, מוזן זיי ווילנדיק-נישט-ווילנדיק אַפּעלירן צו דער מענטשן-ליבע פון די בורזשואַזע הערצער און געלט-זעק. ביסלעכווייז זינקען זיי אַראָפּ צו דער מדרגה פון די פריער געשילדערטע רעאַקציאָנערע אָדער קאָנסערוואַטיווע סאָציאַליסטן, און שיידן זיך פון זיי אונטער־סיידן בלויז מיט מער סיסטעמאַטישן פּעדאַנטיזם און מיט פּאַנאַטישן אָבערגלויבן אין דער וווּנדער-ווירקונג פון זייער סאָציאַלער וויסנשאַפט.

און דערפאַר טרעטן זיי אַזוי פאַרביטערט אַרויס קעגן יעדער פּאָליטישער באַוועגונג פון די אַרבעטער — ווייל אַזאַ באַוועגונג, מיינען זיי, קאָן זיך נעמען נאָר פון בלינדן נישט-גלויבן אין דעם נייעם עוואַנגעליום.

אין ענגלאַנד טרעטן די אָאוּעניסטן אַרויס קעגן די טשאַרטיסטן, און אין פראַנקרייך טרעטן-אַרויס די פוריעריסטן — קעגן די רעפאָרמיסטן.

פאַר די געזעלשאַפטלעכע פּאַלאַצן, וואָס פוריע האָט געפּלאַנט. איקאַריע האָט זיך גערופן דאָס אוטאָפּישע פאַנטאַזיע-לאַנד, וואָס קאַבע האָט געשילדערט זיינע קאָמוניסטישע אינסטיטוציעס.

4

די באַציונג פון די קאָמוניסטן צו פאַרשידענע אָפּאָזיציאָנעלע פאַרטייען.

נאָך דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן געזאָגט אין קאַפּיט. II איז די באַציִונג פון די קאָמוניסטן צו די שוין עקזיסטירנדיקע אַרבעטער-פּאַרטייען קלאָר פון זיך אַליין; ממילא איז שוין קלאָר אויך זייער באַציִונג צו די טשאַרטיסטן אין ענגלאַנד און צו די אַגראַר-רעפאָרמער אין צפון-אַמעריקע.

זיי קעמפן פאַר די אוממיטלבאַרע אינטערעסן און צילן פון דעם אַרבעטער-קלאַס, אָבער אין דער באַוועגונג פון היינט פאַרטרעטן זיי גלייכצייטיק אויך די צוקונפט פון דער באַוועגונג. אין פראַנקרייך שטייען די קאָמוניסטן צו צו דער סאָציאַליסטיש-דעמאָקראַטישער *) פאַרטיי קעגן דער קאָנסערוואַטיווער און ראַדיקאַלער בורזשואַזיע; דערביי אָבער זאָגן זיי זיך נישט אָפּ פון רעכט צו קריטיקירן די פראַזעס און אילוזיעס, וואָס שטאַמען פון דער רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע.

אין דער שווייץ שטיצן זיי די ראַדיקאַלן, הגם זיי ווייסן אַז די דאָזיקע פאַרטיי באַשטייט פון סתירהדיקע עלעמענטן, טיילווייז פון דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן אין פראַנצויזישן גייסט און טיילווייז פון בירגערלעכע ראַדיקאַלן.

---

*) די פאַרטיי, וועלכע האָט זיך דעמאָלט אָט דעם נאָמען געגעבן אין פראַנקרייך — סאָציאַליסטן-דעמאָקראַטן — האָט געהאַט אַלס אירע פאָרשטייער — אין דער פאָליטיק לעדרו ראָלענען, אין דער ליטעראַטור לואי בלאַנען. זי איז אַלזאָ, געווען הימל-ווייט פאַרשידן פון דער היינטיקער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

צווישן פּאָליאַקן שטיצן די קאָמוניסטן די פּאַרטיי, וועלכע האַלט די אַגראַר-רעוואָלוציע פאַר אַ נויטיקער באַדינגונג פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג, דיזעלבע פּאַרטיי, וועלכע האָט אַרויס-גערופן צום לעבן דעם קראָקעווער אויפשטאַנד פון יאָר 1846.

אין דייטשלאַנד, ווי נאָר די בורזשואַזיע טרעט-אַרויס רעוואָלוציאָנער, קעמפט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי צוזאַמען מיט איר קעגן דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, קעגן פעאָדאַלן ערד-באַזיץ און קעגן דער קליינבורזשואַזיע.

זי פאַרגעסט אָבער אויף קיין איין אויגנבליק נישט, אַז מען מוז אַנטוויקלען ביי די אַרבעטער וואָס אַ קלאָרערן באַ-וווּסטזיין וועגן דעם פיינטלעכן קעגנזאַץ צווישן בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט, כּדי די דייטשע אַרבעטער זאָלן באַלד קאָנען אויסנוצן די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַדינגונגען, וואָס די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע מוז מיט זיך ברענגען, אַלס וואָפן קעגן דערזעלבער בורזשואַזיע; כּדי נאָכדעם ווי די רעאַק-ציאָנערע קלאַסן פון דייטשלאַנד וועלן זיין באַזיגט, זאָל זיך תּיכּף אָנהייבן דער קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע זעלבסט.

די קאָמוניסטן ווענדן זייער הויפּט-אויפמערקזאַמקייט אויף דייטשלאַנד, ווייל דייטשלאַנד שטייט ערב אַ בורזשואַזער רעוואָ-לוציע, און ווייל דאָ וועט די רעוואָלוציע פאָרקומען ביי מער פּראָגרעסיווע באַדינגונגען פון אייראָפּעישער ציוויליזאַציע און ביי אַ פיל מער אַנטוויקלטן פּראָלעטאַריאַט, ווי אין ענגלאַנד אין 17-טן און אין פראַנקרייך אין 18-טן יאָרהונדערט; די דייטשע בורזשואַזע רעוואָלוציע קאָן, אַלזאָ, זיין נאָר אַן אוממיטלבאַרער אַריינפיר צו אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

מיט איין וואָרט, די קאָמוניסטן שטיצן אומעטום יעדע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג קעגן די עקזיסטירנדיקע סאָציאַלע און פּאָליטישע פאַרהעלטענישן.

אין די אַלע באַוועגונגען רוקן זיי אַרויס די פראַגע וועגן אייגנטום, אַלס די גרונט-פראַגע פון דער באַוועגונג, אומאָפּ-הענגיק דערפון, צי די פראַגע האָט אָנגענומען אַ מער אָדער ווייניקער אַנטוויקלטע פאָרם.

און לסוף, די קאָמוניסטן שטרעבן אומעטום איינצושטעלן אַ הסכם און אַ פאַרבינדונג צווישן די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער.

די קאָמוניסטן האָבן נישט וואָס זיך צו באַהאַלטן מיט זייערע אָנשויונגען און פּלענער. זיי זאָגן אָפן, אַז זייערע צילן קאָנען דערגרייכט ווערן נאָר דורך אומוואַרפן מיט געוואַלט די גאַנצע פּיזאיצטיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. זאָלן די הערשנדיקע קלאַסן ציטערן פאַר אַ קאָמוניסטישער רעוואָלוציע. די פּראָלע-טאַריער קאָנען אין איר גאָרנישט פאַרלירן, אויסער זייערע קייטן. געווינען קאָנען זיי אַ גאַנצע וועלט.

פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!

בעמען און פרעמד־ווערטער

א.

אָאועז, ראָבערט — ענגלישער סאָציאַליסט־אוטאָפּיסט, געב. 1771, געשט. 1858. ער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון אַ נייער געזעלשאַפטס־אָרדנונג, ווו דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע לעבן זאָל פאָרקומען אין קליינע קאָמוניסטישע געמיינדעס.

אַבסאָלוטיזם — אומבאַגרענעצטע אַליינהערשאַפט.

אוטאָפּיע — אַ טרוים־לאַנד, וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט אין ערגעץ נישט פאַראַן. לויט דעם אינזל אוטאָפּיע, ווו דער ענגלישער סאָציאַליסט טאָמאַס מאָרוס האָט אין 1516 געבויט זיין קאָמוניסטישע אידעאַל־מלוכה.

אוטאָפּיש — אומווירקלעך, איינגעבילדעט, געשאַפן נאָר אין דמיון און נישט עקזיסטירנד אין דער ווירקלעכקייט.

אוטאָפּיסט — דער, וואָס טראַכט־אויס צושטאַנדן, נישט געמעגדיק אין אַכט די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען. אוטאָפּיסטן זענען געווען די סאָציאַליסטן פאַר מאַרקסן און ענגעלסן, ווי למשל פוריע, סען־סימאָן, אָאוען, טאָמאַס מאָרוס א. א. וו.

איבערפּראָדוקציע — ווען עס איז אויסגעאַרבעט מער סחורה, איידער מען באַדאַרף, אַזוי אַז אַ טייל בלייבט ליגן נישט פאַרקויפט. בכלל: די פּראָדוצירונג פון וועלכער ס'איז זאַך אין אַ גרעסערער צאָל, ווי זי איז נויטיק, ווי זי ווערט פאַרברויכט.

אינטעלעקטועל — וואָס האָט אַ שייכות צום פאַרשטאַנד.

אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־אַסאָסיאַציע — אַזוי האָט זיך גערופן דער ערשטער אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל (1864—1874); דעם גרינדונגס־אַדרעס און די סטאַטוטן פונם אינטערנאַציאָנאַל האָט געשריבן מאַרקס.

איקאַריע — אַזוי הייסט די סאָציאַליסטישע מלוכה, וואָס דער פראַנצויזישער קאָמוניסט קאַבע האָט געשילדערט אין זיין ראָמאַן „די רייזע קיין איקאַריע״.

אַנאַרכיע — אַ צושטאַנד אָן געזעצן, אָן אַ רעגירונג. „אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע״ הייסט, אַז מען פּראָדוצירט אָן אַ פּלאַן; די אונטערנעמער באַרעכענען נישט פריער, צי די געזעלשאַפט ברויך טאַקע אַזאַ סכום פון דער אָדער יענער סחורה.

אָפּאָזיציע — קעגנערשאַפט, קעגנזאַץ.

אָפּאָזיציאָנעל — אין קעגנערשאַפט, אין קאַמף צו דער רעגירונג אָדער צו דער הערשנדיקער פּאַרטיי.

אָפיציעל — אַמטלעך, וואָס האָט אַ שייכות צו דער מאַכט, וואָס שטאַמט פון דער מאַכט.

אָפיציעלע געזעלשאַפט — די געזעלשאַפט, וואָס גרופּירט זיך אַרום די הערשנדיקע ספערן; דער קרייז מענטשן אין אַ שטאַט אָדער אַ לאַנד וואָס פאַרקערן צווישן זיך, ווערן געוויינלעך פאַרבעטן צו עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען (אויפנאַמעס, פייערלעכקייטן א. ד. ג.) און האַלטן, אַז זיי זענען די „מלוכה״, די „געזעלשאַפט״.

אַריסטאָקראַטיע — אַדל, פּריצימשאַפט.

ב.

באַבעף — אַ ראַדיקאַלער רעפּובליקאַנער (יאַקאָבינער בעת דער פראַנצ. רעוואָלוציע), געבוירן אין 1764; אין 1795 האָט ער געגרינדעט דעם קלוב „פּ[illegible]עאָן״, אָדער „קלוב פון די גלייכע״, און האָט אָרגאַניזירט אַ פאַרשווערונג — אַראָפּצוּוואַרפן די דעמאָקראַטיע בירגערלעך-רעפּובליקאַנישע רעגירונג, צונעמען אַלע פאַרמעגנס לטובת דעם פאָלק, און אויפשטעלן אַ קאָמוניסטישע מלוכה, אויף די יסודות פון פאַרמעגן-געמיינשאַפט און מלוכהשער אַרבעט-פאַרטיילונג. דעם 27 מאַי 1797 איז ער פאַר דערפאַר גיליאָטינירט געוואָרן.

בורזשואַזער אידעאָלאָג — אַ גייסטיקער, ליטעראַרישער פאַרטרעטער פון דער בורזשואַזיע; אַזאַ, וואָס אָנערקענט, אַז דער אַרבעטער ווערט

מאַקע באַוואָלט דורך דער בורזשואַזער געזעלשאַפט און וויל אים מיט
עפּעס העלפן (רחמנות-סאָציאַליזם).

בורזשואַזע מלוכה — די מלוכה, אין וועלכער עס הערשט, רעגירט די בורזשואַזיע.

בורזשואַזער סאָציאַליזם — אַ סאָציאַליזם, וואָס רופט נישט די אַרבעטער צום קלאַסן-קאַמף, צו שטירצן די בורזשואַזע געזעלשאַפט; ער וויל איינהאַלטן די קלאַסן-מלוכה פון דער בורזשואַזיע און בלויז אין אירע ראַמען פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן.

בלאַן, לואי — אַ פראַנצויזישער היסטאָריקער און פּאָליטיקער, וועלכער האָט געלעבט פון 1811 ביז 1882; איינער פון די פירער פון דער פראַנצ. רעוואָלוציע אין 1848. אין 1840 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט. בעת דער רעוואָלוציע פון 1871 האָט ער זיך שוין געפירט, ווי אַ געוויינלעכער קליינבירגער.

ג.

גיזאָ — אַ פראַנצויזישער פּאָליטיקער (געב. 1787, געשט. 1874); עטלעכע מאָל געוועזן מיניסטער; אין יאָר 1847 געוועזן פרעמיער-מיניסטער, ביזן אויסברוך פון דער פעברואַר-רעוואָלוציע פון 1848.

וו.

וואַסאַל — דער, וואָס איז צו עמיצן אונטערטעניק און מוז אים געהאָרכן און באַקומט דערפאַר פון יענעם אייניקע רעכט און פּריווילעגיעס.

וועגעטירן — פירן אַ נעבעכדיק לעבן, לעבן ווי אַ געוויקס (אָן זינען, אָן טעם).

ט.

טאַווטאָלאָגיע — דאָסזעלבע, דאָס אייגענע; אומנויטיקע איבערחזרונג פונם געזאָגטן, נאָר מיט אַנדערע ווערטער; אַ טאַווטאָלאָגיע זאָגט אונז נישט קיין שום נייעס און קלערט קיין זאַך נישט אויף.

טעאָריע — וויסנשאַפטלעכע דערקענטעניש; דער היפוך פון „פּראַקטיק"; די „טעאָריע" באַארבעט וויסנשאַפטלעך די דערפאַרונגען פון דער פּראַקטיק.

טעאָרעטיש — וויסנשאַפטלעך; דאָס באַקומענע דורך דענקען, להיפוך צו „פּראַקטיק", וואָס באַקומט זיך פון דערפאַרונג, פון עקספּערימענטן.

טענדענץ — ריכטונג, נייגונג, כוונה, ציל, די שטרעבונג צו אַ באַשטימטן ציל.

טרעד־יוניאָן — פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון אַרבעטער (אין ענגלאַנד).

י.

יוני־אויפשטאַנד — דער אויפשטאַנד אין פּאַריז אין 1848, אין יוני.

יולי־רעוואָלוציע — די פראַנצויזישע רעוואָלוציע אין יולי 1830.

ל.

לאַסאַליאַניזם — די לערע פון פערדינאַנד לאַסאַל (1825—1864), לויט וועלכער די לאַגע פון די אַרבעטער־מאַסן מוז געענדערט ווערן דורך דויערנדיקער מלוכה־הילף, און דעריבער דאַרפן די אַרבעטער קעמפן פאַר אַלגעמיינעם וואַל־רעכט, כדי זיך דערשלאָגן צו דעם נויטיקן איינפלוס אויף דער געזעצגעבונג.

לומפּן־פּראָלעטאַריאַט — דעגראַדירטע פּראָלעטאַריער; באַזיצלאָזע, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, געוואָרן בעטלער, נע־וונדניקעס, פאַרברעכער, אַרבעט־אומפעיק א. א. וו.

ליבעראַל — פריי, אומאָפּהענגיק, זעלבשטענדיק, פרײַדענקעריש.

ליבעראַליזם — דער פּרינציפּ, די לערע פון די ליבעראַלן. דער ליבעראַליזם איז פאַר „פרייהייטן", ער פאַרשטייט אָבער אונטער אים קודם־כל האַנדלס־פרייהייט און פרייהייט צו עקספּלואַטירן די אַרבעטער.

לעגיטימיסט — אַ פּאָליטיקער, וואָס האַלט זיך ביי דעם בליק, אַז רעכט אויפן טראָן זענען ירושה־רעכט, וואָס קיינער קאָן זיי נישט אָפּפרעגן. ווען אין פראַנקרייך איז שוין געווען איינגעפירט די רעפּובליק, האָבן די לעגיטימיסטן נאָך אַלץ געהאַלטן, אַז די בורבאָנער דאַרפן ווערן די קעניגן פון פראַנקרייך. זיי זענען געווען די פּאַרטיי פון גרויסן ערד־באַזיץ.

לעדרו, ראָלען — א פראַנצויזישער פּאָליטיקער און שריפטשטעלער, וועלכער האָט געלעבט פון 1808 ביז 1874; בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1848 האָט ער געהערט צו דער „בארג־פארטיי" (א פּראָלעטאַריש־קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט געשטרעבט צו א האַרמאָניע צווישן פּראָלעטאַריאַט און בירגערטום).

מ.

מאָדיפיצירן — אומענדערן, אנדערש מאַכן.

מאַטעריעל — קערפּערלעך, שטאָפלעך; גראָב, גשמיותדיק.

מאַנאָפּאָל — אויסשליסלעכע רעכט אויף האַנדל מיט דעם אָדער יענעם קעגנשטאַנד, אויף פּראָדוצירן א געוויסע סחורה א. ד. ג.

מאַנופאַקטור — א גרויס־אונטערנעמונג, נאָר ווו עס ווערט נאָך געאַרבעט אויף א האַנטווערקערישן אופן. פון דאַנען שטאַמט דאָס וואָרט „מאַנופאַקטור־סחורה", הגם די שטאָפן ווערן איצט אויסגעאַרבעט שוין נישט מיט דער האַנט, נאָר מיט דער מאַשין.

מאַניפעסט — אן עפנטלעכע באַקאַנטמאַכונג, אן עפנטלעכע שריפטלעכע דערקלערונג. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" איז די עפנטלעכע דערקלערונג וועגן די אָנשויונגען און צילן פון די קאָמוניסטן.

מעטערניך — עסטרייכישער מיניסטער, געשפּילט זייער א גרויסע ראָל נאָך נאַפּאָלעאָנס פאַל און נאָכן ווינער קאָנגרעס. איבער 30 יאָר געווען דער אַלמעכטיקער מיניסטער פון דער רעאַקציע, ביז ער איז געפאַלן אין יאָר 1848, פון דער ווינער רעוואָלוציע.

נ.

נאַציאָנאַלער קאַמף — אין „מאַניפעסט" מיינט דער אויסדרוק קאַמף צווישן מלוכות. אַלע פעלקער פון א מלוכה ווערן גענומען צוזאַמען אַלס נאַציע.

ס.

סאָציאַליזם — א געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, ביי וועלכער די פּראָדוציר־מיטל (באָדן, גרובנס, פאַבריקן, מאַשינען א. אז. וו.) זענען דאָס געמיינזא־

מע אייגנטום פון פאָלק און דינען אויף צו פירן א פּלאַנירטע בע־ברויך־ווירטשאַפט (און נישט מאַרק־ווירטשאַפט; ס׳הייסט, מען פּראָדו־צירט פאַרן געברויך, נישט פאַרן פאַרקויף; די פּראָדוצירטע אַרטיקלען הערן־אויף צו זיין סחורה). אין „מאַניפעסט" נוצן מאַרקס און ענגעלס דאָס וואָרט קאָמוניזם, אַנשטאָט סאָציאַליזם, ווייל מיט „סאָציאַליזם", „סאָציאַליסט" און „סאָציאַליסטיש" האָט מען דאַן באַצייכנט די לערעס און אַנהענגער פון די פאָרלויפער פון מאַרקס און ענגעלס, ווי סען־סימאָן, פוריע, פּרודאָן, לואי בלאַן א. אַ. וו.

סיסמאָנדי — א פראַנצויזישער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער שריפטשטעלער, געב. 1773, געשט. 1842.

סענטימענטאַל — פילבאַר, מיט אַן אויסגוס פון געפילן.

סען־סימאָן — גראַף סען־סימאָן א שריפטשטעלער און גרינדער פון א סאָ־ציאַליסטישער שיטה, איז געב. 1760 און געשט. 1825 אין פּאַריז. ער האָלט די אַרבעטער־פראַגע און איר לייזונג פאַר דער וויכטיקסטער געזעלשאַפטלעכער אויפגאַבע פון זיין צייט, אָבער די לייזונג גופא שטעלט ער זיך פאָר זייער פאַנטאַסטיש.

סעקטע — א רעליגיעזע אָדער פילאָזאָפישע גרופּע, וואָס זונדערט זיך אָפּ מיט אירע אָנשויונגען פון דער איבעריקער געזעלשאַפט; מען רופט אויך מיטן נאָמען סעקטע, אַלס זידל־וואָרט, א קליינע פּאָליטישע פּאַרטיי — מען וויל דערמיט אונטערשטרייכן, אַז די פּאַרטיי איז אָפּגעריסן פונם ווירקלעכן לעבן פון די פאָלקס־מאַסן.

פּ.

פּאָזיטיוו — באַשטימט, געוויס, ווירקלעך, פעסטגעשטעלט, צופּאַרלעסיק.

פּאַטריאַרכאַליש — אַלטפאָטעריש.

פּאַטריציער — דער וואָס געהערט צו אַן אַלטער פּריווילעגירטער פאַמיליע, א שטאָט־אַריסטאָקראַט (אין אַמאָליקן רוים האָבן זיך די פּולבארעכ־טיקטע שטאָטישע בירגער גערופן פּאַטריציער, אַלס קעגנזאַץ צו די פּלעבייער, וועלכע זענען געווען רעכטלאָז).

פּאָליטיק — וואָס איז נוגע די מלוכה און איר אָנפירונג; די קונסט פון מלוכה־פאַרוואַלטונג, מלוכה־וויסנשאַפט; די טעטיקייט, וועלכע נאָציט

זיך צום אויך פון פאַרוואַלטן מיט דער מלוכה, מיטן לאַנד, מיט דער שטאַט, צום אופן פון אַרויסגעבן געזעצן און דורכפירן זיי אין לעבן.

פּאָליטיש — וואָס איז נוגע די געזעצן, די רעגירונג און די פאַרוואַלטונג פון אַ לאַנד, צי פון אַ שטאַט.

פּאַמפלעט — פּאָלעמישע שריפט, זידל-שריפט.

פּאַריזער קאָמונע — די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג פון דער שטאָט פּאַריז בעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין די יאָרן 1792 און 1794, ווען דער שטאָט־ראַט פון פּאַריז האָט געהאַט אַן אַנטשיידנדיקן איינפלוס אויף דער געזעצגעבונג. דידאָזיקע רעגירונג האָט ענערגיש פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די נידעריקע פאָלקס־מאַסן, פון די אַרבעטער, זי האָט געשלאָסן הלוואות און פאַרטיילט ביליקע לעבנס-מיטל צווישן דער אָרימער באַפעלקערונג. אין 1871 איז אין פּאַריז צום צווייטן מאָל צושטאַנדגעקומען אַ קאָמונע, נאָך אַ פיל גרעסערע, אין וועלכער סאָציאַליסטן האָבן שוין געשפּילט אַ גרויסע ראָל (זע: קאָמונע).

פּלעבייער — אַזוי האָט זיך גערופן אין אַלטן רוים דער אונטערשטער אונטער־דריקטער פאָלקס־קלאַס, אין קעגנזאַץ צו די הערשנדיקע פּאַטריציער.

פּעדאַנטיזם — גריבלעריי אין קלייניקייטן, אין ווערטער; ציטערן אין יעדער זאַך איבער דער פאָרם ביז קלייגלעכקייט.

פּעריאָד — אַן אָפּשניט־צייט, אַ רייע יאָרן, אין משך פון וועלכע עס ווערט פאַרענדיקט אַ געוויסע געשיכטלעכע אַנטוויקלונג; אַ צאָל יאָרן צווישן צוויי גרויסע געשעענישן.

פּעריאָדיש — אַזוינס, וואָס חזרט זיך איבער צו אַ באַשטימטער צייט; צייטנווייז פאַריבערגייענדיק.

פּראָגראַם — אַ קורצע פאָרמולירונג פון די גרונט-פּרינציפּן, ביי וועלכע מען האַלט זיך, פון די צילן, צו וועלכע מען שטרעבט, פון די צוזאָגן, וועלכע מען מאַכט, פון די פאָדערונגען, וועלכע מען שטעלט.

פּראָדוציר־אופן — דער אופן, ווי עס ווערט פּראָדוצירט.

פּראָדוציר־מיטל — ווערקצייג, מכשירים, מיט וועלכע מען אַרבעט. האַנט-וועדקצייג און מאַשינען זענען פּראָדוציר־מיטל, פּראָדוציר־אינסטרומענטן.

פּראָדוציר־קאָסטן — די קאָסטן פון פּראָדוצירן אַ געוויסן קעגנשטאַנד.

פּראָדוציר־קראַפט — די קראַפט, מיט וועלכער עפּעס ווערט געמאַכט, אויס־

געארבעט. דאמף, וואסער, עלעקטריע א. ד. ג. זענען פראָדוציר־קרעפטן.

פראָדוציר־פאַרהעלטעניש — די פארהעלטענישן, אין וועלכע עס ווערט פראָדוצירט: דורך האנט־ארבעט אָדער דורך מאשינען, דורך שקלאפן אָדער דורך לוין־ארבעטער א. א. וו.

פראָסטיטוציע — געקויפטע ליבע, זנות.

פראָפּאַגאַנדע — פארשפרייטונג פון אָנשויונגען און פרינציפן; פארשפרייט געוויסע געדאַנקען דורך וואָרט און שריפט.

פראָקלאַמירן — אויסרופן, אָנזאָגן, באקאנט־מאכן.

פראָקלאַמאַציע — אויפרוף, עפנטלעכע באקאנטמאכונג.

פרודאָן — פראנצויזישער סאָציאַליסט, געב. 1809, געשט. 1865; געווען א זעצער, דערנאָך געוואָרן א שריפטשטעלער, און האָט שארף קריטיקירט די בורזשואזע געזעלשאפט־אָרדענונג. די געזעלשאפט, האָט ער גע־פרײדיקט, דארף זיך באזירן אויף די פרינציפן פון גערעכטיקייט און קעגנזייטיקייט; אויפן אָרט פון צוואנג-הערשאפט פון דער מלוכה דארף קומען די אײנפאכע מלוכהלאָזע רעגירונג פונם שכל. פון זײנע ווערק איז באזונדערס בארימט דאָס בוך „די פילאָזאָפיע פון אָרימקייט“. פון אים שטאמט אויך דער אויסדרוק: „אײגנטום איז גנבה“.

פרודאָניזם — די סאָציאַליסטישע לערע פון פרודאָן.

פרינציפּ — גרונט־כלל, גרונט־תקנה.

פ.

פאַזע—פארשידענע דערשײנונגס־פאָרמען, גילגולים, אנטוויקלונגס-ענדערונגען. די פארשידענע פאָרמען, אין וועלכע די לבנה דערשײנט פאר אונז, רופן זיך לבנה־פאזעס.

פאַנטאַסטיש — וואָס שטאמט בלויז פון דער פאנטאזיע; וונדערבאר, מערק־ווירדיק.

פילאָזאָפיע — וועלט־אָנשויונג.

פילאָזאָפירן — נאָכקלערן איבער דער צוועקמעסיקייט אָדער אומצוועקמעסיקייט פון דער וועלט, איבער די שײכותן צווישן מענטשן און זאכן.

ק.

קאַטעדראַלע — א קירכע, וועלכע האָט אין איר שפּיץ א ביסקופּ, אָדער אַן ארצי-ביסקופּ.

קאָמונע — געמיינדע. מייסטנס באַנוצט מען דאָס וואָרט, ווען מען האָט אין זינען די פּאריזער קאָמונע פון יאָר 1871, ווען דער פּאַריזער פּראָלע־טאריאַט האָט פּארכאַפּט די מאכט און האָט געהערשט איבער צוויי חדשים; דידאָזיקע פּראָלעטארישע הערשאַפט טראָגט דעם נאָמען—פּאַרי־זער קאָמונע. וועגן איר רעדן אויך מארקס און ענגעלס אין זייער פּאָרוואָרט.

קאָמוניזם — זע „סאָציאָליזם‟.

קאָנטינענט — ערד-טייל (די גאַנצע ערד איז איינגעטיילט אין 5 קאָנטי־נענטן — אייראפּע, אזיע, אפריקע, אמעריקע, אויסטראַליע) ; מיטן וואָרט קאָנטינענט באַצייכנט מען אויך די אָדער אַנדערע לענדער׳ ווען מען וויל באַטאָנען זייער אונטערשייד פון אינזלען, פון אינזל־לענדער.

קאָנסטיטוציע — סטאַטוט. פּאָליטיש : דאָס גרונט-געזעץ פון א מלוכה, וואָס פּירט-איין אין איר א פּארלאמענט מיט פּאָלקס-פּארטרעטער (דעפּו־טאַטן). — קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע רופט זיך א מלוכה, וואָס, האָט אי א הערשער, אי א פּאָלקס-פּארטרעטונג (סיים, פּארלאמענט לאַנדטאַג), צום אונטערשייד פון אבסאָלוטער מאָנארכיע, ווו קיין שום פּאָלקס-פּארטרעטונג איז נישט פאראַן, און די גאַנצע מאכט האָט דער מאָנארך.

קאָנסעקווענט — לויט די קאָנסעקווענצן. האַנדלען געטריי צו פּרינציפּן, פעסט גיין אין איין ריכטונג.

קאָנסערוואַטיוו — זיך האַלטן ביים אַלטן, ביים טראַדיציאָנעלן, זיין קעגן נייעסן.

קאָנסערוואַטיזם — וועלט-אָנשויונג, וואָס פאַרטיידיקט דאָס אַלטע, דאָס עק־זיסטירנדיקע און טרעט-ארויס קעגן נייעסן.

קאָנצענטראַציע — צוזאמענגענומען ארום איין מיטלפּונקט, אָנגעזאַמלט ארום איינצלנע פּונקטן, געזאַמלט אין גרויסע מאַסן.

קאָנצענטרירן — צוזאמענעמען, צונויפזאמלען אין איין פּונקט.

קאָסמאָפּאָליטיש — וועלט־בירגערלעך, אלס קעגנזאץ צו נאַציאָנאַל אָדער פּאַטריאָטיש.

קאַפּיטאַל — געלט, וואָס דער אייגנטימער זיינער (קאַפּיטאַליסט) באַנוצט עס אויף צו קויפן פאַבריקן, מאַשינען, גרונטן א. א. וו. און אויף אָנצושטעלן ארבעטער צו ארבעטן פאַר לוין אין די פאַבריקן, גרונטן א. אז. וו., כּדי צו האָבן פּראָפיט; קורץ — געלט, מיט וועלכן מען מאַכט געשעפטן, פון וועלכן מען באַציט געשעפט־רווחים אָדער ציגזן. אין ברייטערן זינען פון וואָרט זענען קאַפּיטאַל—אויך פאַבריקן, רוישטאָפן, מאַשינען א. ד. ג., וואָס ווערן געקויפט פאַרן געלט. געלט אָבער, וואָס ליגט באַהאַלטן אין שראַנק און נישט גענוצט, איז נישט קיין קאַפּיטאַל, נאָר אַן אוצר.

קאַפּיטאַליסטיש — וואָס האָט א שייכות צו קאַפּיטאַל. קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט באַשטייט דעריין, וואָס די געלט־אייגנטימער שאַפן־איין ארבעטווארשטאַטן און ארבעט־ווערקצייג און רוישטאָף און דאַן שטעלן זיי אָן ארבעטער פאַר לוין, און באַקומען דערביי רווחים (פּראָפיטן).

קריזיס — קראַנקהאַפטער צושטאַנד אין האַנדל, אין פּאָליטיק א. ד. ג.

ר.

ראַדיקאַל — טיף ביז אין שורש אריין, גרינטלעך.

(אַ) ראַדיקאַל — א פּאָליטיקער, וועלכער שטרעבט דורכצופירן זיינע פּרינציפּן פאַר יעדן פּרייז; א מענטש פון עקסטרעמע אָנשויונגען. בירגערלעכע ראַדיקאַלן — לינקס שטייענדיקע, לינקס אָריענטירטע דעמאָקראַטן.

ראָמאַניש — וואָס שטאַמט פון אַלטן רוים און פון דער רוימישער אימפּעריע. ראָמאַנישע פעלקער זענען די איטאַליענער, פראַנצויזן, שפּאַניער, פּאָרטוגעזער, רומענער. די שפּראַכן פון אָט די פעלקער האָבן זיך אַנטוויקלט פון דער רוימישער שפּראַך — פון לאַטיין.

ראַנטיער — א מענטש, וואָס האָט געזיכערטע הכנסה פון ערגעץ־ווו דעפּאָנירטן קאַפּיטאַל; דער, וואָס האָט אזא הכנסה פון מלוכה־פּאַפּירן (ציגזן).

רעאַקציע — קעגנווירקונג; צוריקגאַנג, באַוועגונג אויף צוריק.

רעאַקציאָנער — אָנהענגער פון רעאַקציע, פון גאַנג אויף צוריק.

רעדוצירן — באַגרענעצן, פאַרמינערן, פאַרקלענערן ביז...

רעוואָלוציע—איבערקערעניש, אומשטורץ, געוואַלטזאַמע אומגעשטאַלטונג (פון דער מלוכה, פון דער געזעלשאַפט).

רעוואָלוציאָניזירן — אומענדערן די אָדער אַנדערע פאַרהעלטענישן פון גרונט-אויס; געווינען מענטשן פאַרן געדאַנק פון רעוואָלוציע.

רעזשים — די מלוכה-פאַרוואַלטונג, די הערשאַפט-פאָרם.

רעסטאַווראַציע — די צוריק-אויפשטעלונג פון אַ זאַך אין איר פריערדיקן צושטאַנד; די ווידעראויפשטעלונג פון דער אַלטער, צייטווייליק אָפּגע-שאַפטער אָרדענונג.

רעפאָרם — ביסלעכווייזדיקע אומגעשטאַלטונג, בהדרגהדיקע פאַרבעסערונג פון די געזעצן, פון דער מלוכה-אָרדענונג, פון דער פאַרוואַלטונג א. א. וו.

רעפאָרמיסט — דער (מענטש אָדער פּאַרטיי), וואָס שטרעבט צו רעפאָרמען, צו בהדרגהדיקע פאַרבעסערונגען.

רעפּובליק — אַ מלוכה, וווּ די רעגירונג ווערט באַשטימט און אָראָפּגעזעצט דורכן פּאַרלאַמענט, און וווּ קיין שום יחיד (להיפּוך צו מאָנאַרכיע), הערשט נישט.